YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i19

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 19
May 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 19)

Keywords
International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/48

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

> בצדקתי התזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
> אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפ־לאזען.

> „מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט".
> וואודראו ווילסאן.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. I. No. 19. New York, Friday, May 23, 1919. פרייטאג דעם 23טען מאי, 1919. PRICE 3 CENTS

דער גרויסער אידישער געשריי פאר גערעכטיגקייט

טויב און שטום איז ביז איצט גע־בליבען די גרויסע וועלט צו די שוידער־ליכע אידישע פאגראמען אין פוילען. צו זי האט זיך געשעהמט מיט זיי, און דא־רום איז זי געווען אזוי פייג און האט געשוויגען; צו עס האט איהר ווירקליך ניט געארט, וואס אידישע בלוט גיסט זיך ווי וואסער, און פון וועמען, — פון א פאלק, פאר וועמעס פרייהייט און אונ־אפהענגיגקייט די גאנצע וועלט האט זיך איינגעשטעלט, און צווישען זיי, אויך די אידען, ווער קען עס זאגען? אבער דער פאקט איז, אז די גרויסע וועלט האט זיך ניט וויסענדיג געמאכט. די גרויסע אמעריקאנער פרעסע האט אזוי ווי גע־מאכט א קאנספיראציע און פארשוויגען די בלוט־פארלגיזוערענדע רציחות. נאר ווען ניט ווען, ערגעץ פאררוקט אין א ווינקעלע, איז געווען געדרוקט, אז מען האט דא אדער דארט גע'הרג'עט, געקוי־לעט, געפייניגט עטליכע אידען, און דאס האט מען צווישען די שורות געלאזט פיהלען די לעזער, אז עס קען זיין, אז די גע'הרג'עטע, די געשענדעטע, די גע־מאטערטע זיינען באלשעוויקעס, רחמנא לצלן, און באלשעוויקעס איז דאך א מצוה צו פייניגען.

מען האט כלומרשט באשטימט פאר־שיעדענע קאמיסיעס צו אונטערזוכען די נידערטרעכטיגע פאסירונגען אין פינסק און אין פיעלע אנדערע שטעדט, און מיט דעם האט מען זיך בארוהיגט, און די שחיטות אויף אידען זיינען ווייטער אנ־געגאנגען. פון לעצטען מיטוואך אבער וועט עס שוין ניט מעהר קענען געהן. די טויבע און שטומע, די גלייכגילטיגע און פארברעכערישע וועלט איז געצוואונ־גען געווארען זיך ענדליך צוצוהערען צו דעם גרויסען אידישען געשריי פאר גע־רעכטיגקייט.

דעם גרויסען געשריי, וואס האט זיך ווי א שטורם דורכגעטראגען איבער ניו יארק, און פון דאנען איבער דער גאנ־צער וועלט, האט אויפגעהויבען ניט איין קלאס, ניט איין פארטיי, נאר בוכשטעב־ליך דער גאנצער ניו יארקער יודענטום.

מיטוואך, דער 21טער מאי, 1919, וועט פארשריבען ווערען אלס דער גרעס־טער, דער וויכטיגסטער טאג אין דער גע־שיכטע פון אמעריקאנער יודענטום. עס האט געטרויערט א גאנץ פאלק, עס האט אויפגעהויבען זיין פראטעסט געגען דער וועלט א מיליאן און א האלב מענשען פון די נידריגסטע ביז די סאמע העכ־סטע, פון די אונוויסענדע ביז די געביל־דעטסטע, פון די קאנסערוואטיווסטע ביז די אולטרא־ראדיקאלסטע. אויב עס איז ווירקליך געווען א מאל א צייט, ווען דאס אידישע פאלק האט זיך דערפיהלט אלס אזעלכעס, אלס אן איינהייט, איז עס גע־ווען לעצטען מיטוואך.

די ארבייטער האבען געווארפען זייער ארבייט אין די שעפער; די קינדער הא־בען פארלאזען די סקוהל, די סטאר־קי־פערס האבען געשלאסען זייערע קראמען, די פעדלער האבען פארלאזען זייערע פושקארדס, און אלע, אלע, אנשליסענדיג זיך אן דער גרויסער דעמאנסטראציע, זיינען אזוי ווי צונויפגעשמאלצען געווא־רען אין איין גרויסער מאסע, אויף וועל־מעס אלגעמיינעם פנים איז געווען צו לעזען דעם פראטעסט, דעם געוואלד־פראטעסט פון דעם אייביגען מארטירער־פאלק, פון דעם, וועמעס בלוט ווערט פארגאסען שוין זייט טויזענדע יאהרען, און די וועלט ווייס נאך אלץ ניט, וואס פאר א שוידערליכען פארברעכען זי בא־געהט.

מען האט באדארפט זעהן אט די גרויסע ארויספלייצונג פון די הונדער־צע טויזענדע איבער די גאסען פון ניו יארק. מען האט באדארפט זעהן די טוי־זענדער אידישע באיעס אין זייערע סאל־דאטסקע יוניפארמס מארשירענדיג אין א רעגען, וואס האט ניט אויפגעהערט פאר'ן גאנצען טאג, אזוי ווי דער הימעל אליין וואלט געוויינט איבער דעם אידי־שען חורבן. אום צו האבען א באגריף איבער דער דעמאנסטראציע, איהר בא־צייטונג און דעם טיפען איינדרוק, וואס זי האט געמאכט.

און עס האט געווירקט. די אידישע צרות האבען שוין זוכה געווען צו פאר־נעהמען דעם פראנט־פיידזש אין די צײ־טונגען, וועלכע האבען ביז איצט אזוי פארברעכעריש פארשוויגען די הימעל־שרייענדע אונגערעכטיגקייטען.

דאס גרויסע אין דער דעמאנסטרא־ציע איז, וואס זי איז ארויסגעשפרונגען פון זיך אליין. עס זיינען ניט געווען קיין גרויסע פראמינענטע פערזענליכקיי־טען, וואס האבען ארויסגערופען אט די געוואלדיגע באוועגונג. אנגעהויבען האט עס דער פארהעלטניסמעסיג אונבאקאנ־טער י. ל. פרץ פאראיין, דער פאראיין פון די אידישע צייטונגס־שרייבער. און זיין ערשטער אויפרוף האט געהאט די וויר־קונג פון א פונק אין א פאס פולווער. מיט א מאל האבען אלע דערפיהלט, אז די שוידערליכע אידישע פאגראמען טא־רען ניט פארשוויגען ווערען; אז די בלוט פון דער גרויסער צאהל מארטירער, וואס זיינען געפאלען פון די מערדערישע פוי־לישע הענד, שרייט צום הימעל, און אז די אידען, סיי אלס אידען און סיי אלס מענשען, וואלטען זיך געמוזט שעהמען, ווען זיי לאזען עס פארביי אהן דעם גרעסטען פראטעסט. און די דעמאנ־סטראציע פון לעצטען מיטוואך האט גלענצענד באוויזען, ווי גוט די איניציא־טארס פון דעם גרויסען אידישען פאלקס־פראטעסט האבען געטראפען די סאמע אינערליכע געפיהלען פון די מיליאנען מענשען. יעדער איינער, וואס איז ארויסגעקומען אין גאס און זיך אנגע־שלאסען אן די רייהען, האט געפאלגט זיין איינענעם דראנג, וואס איז געווען שטארקער, צווינגענדער, ווי אלע באפעה־לען, ווי אלע צורופען פון די העכסטע אויטאריטעטען.

און אזוי איז אויך געווען די וואונ־דערבארע מאסען־קאנווענשאן אין מעדי־סאן סקווער גארדען. ווען דזשייקאב שיף האט צוגערופען צו שאנדע די גאנ־צע פרעסע פאר איהר שענדליכער קאנ־ספיראציע פון שווייגען, האט ער אויס־געדריקט דעם צארן פון אלע, אלע אידען און אלע, אלע רעכט־דענקענדע מענשען. דאסזעלבע, ווען יוהז האט אין זיין גרוי־סער רעדע ערקלעהרט, אז די גאנצע מלחמה איז אויסגעפאכטען געווארען אומזיסט, ווען עס קענען פארקומען אזעלכע פאגראמען, און די וועלט זאל בלייבען טויב און שטום צו זיי.

און, ווי אונז שיינט, וועט די וועלט ניט מעהר בלייבען טויב און שטום. מעהר וועט זי עס ניט דולדען. עס דוכט זיך אונז, אז די גאנצע אונאפהענגיגקייט און פרייהייט פון פוילען שטעהט אין קאן, אויב די פוילישע צוויושעטע מערדער ווע־לען ניט קענען זיך באהערשען אין זייער מארד־לוסט.

קלאוק מאכער סטרייק נאך ניט געענדיגט

מיר האבען ערווארט, אז שוין אין דעם נומער „גערעכטיגקייט" וועלען מיר קענען מעלדען איבער דעם גרויסען זיעג פון די קלאוקמאכער.

אבער, ווי עס זעהט אויס, האבען די פיהרער פון דער יוניאן, די סעטעלמענט קאמיטע, מיט ב. שלעזינגער אן דער שפיצע, א גאנץ שווערע שטיקעל ארבייט אויף זייערע קאנפערענצען מיט די בא־סעס. אט־אט שיינט עס, און אלעס געהט אויף א לאד, און אין מיטען דע־רינען קומט אן אפהאלט, און מען מוז אנפאנגען. ווידער אלעס אויף דאס ניי.

אונטער אזעלכע אומשטענדען איז ווירקליך שווער צו זאגען, ווען דער סטרייק וועט ערקלעהרט ווערען אלס גע־ענדיגט.

איין זאך איז זיכער, אז ער וועט זיך פריהער ניט ענדיגען, איידער די הויפט־פאדערונגען פון דער יוניאן וועלען ניט פאלשטענדיג נאכגעגעבען ווערען.

די פאדערונגען זיינען דריי:

1. די איינפיהרונג פון וואך־ארבייט אין דער גאנצער אינדוסטריע.
2. די ארבייטס־וואך זאל ניט זיין מעהר ווי 44 שטונדען.
3. א מינימום סקייל פון וויידזשעס פאר אלע ארבייטער, וואס זיינען בא־שעפטיגט אין דער קלאוק־אינדוסטריע.

פאר די פאדערונגען זיינען די טוי־זענדער קלאוקמאכער ארויס אין קאמפף, און זיי וועלען ניט צוריקקעהרען זיך אין די שעפער סיידען אלס פאלשטענדיגע זיעגער.

און די קלאוקמאכער ווייסען עס, און זיי האבען דערפאר די נויטיגע געדולד צו ווארטען.

אבער געדולד איז ווירקליך ניט דאס פאסענדע ווארט אין דער איצטיגער צייט. מען קען ניט ריידען פון געדולד, ווען דער סטרייק איז ערשט בלויז א וואך אלט. מיט פיעלע סטרייקער איז עס גאר א פארקעהרטע געשיכטע. ווען אין אנ־פאנג וואך האבען זיך געטראגען קלאנ־גען אין דער לופט, אז אט־אט, און דער סטרייק וועט זיין געסעטעלט, האבען מאנכע געפיהלט זיך שטארק אונצופרי־דען: ערשט ארויס אין קאמפף, נאך ניט אנגעהויבען זיך אויסצורוהען, און נא, געה ווידער צו דער ארבייט.

און אז מען קומט אין האל, וואו די סטרייקער פארזאמלען זיך, קען מען פאר־שטעהן דעם געפיהל. עס איז ווירקליך פאר די מייסטע אן אמת'ער וואקיישען. מען זעהט זיך ערשט ארום, אז דאס לע־בען ענטהאלט אין זיך עטוואס מעהר, ווי מאכען קלאוקס. מען לייענט, מען דיס־קוטירט, מאנכע כאפען א קערטעל, און אט קומט דער פרעזידענט, וועלכער מע־נעדזשט עס צו זיין איבעראל, און האלט פאר זיי א גוטע, באגייסטערנדע רעדע. טו ווי קען דא זיין די רעדע פון אונגע־דולד?

און אז מען נעהמט נאך אין אנבא־טראכט דעם פאקט, אז דאס פיקעטען, וואס איז פאר'ן סטרייקער געוועהנליך די שווערסטע און די אונאנגענעהמסטע ארבייט, איז אין דעם פאל אויך א זעהר לייכטע — מען פיקעט נאר אלס צערע־מאניע, ווייל די קלאוק־שעפער זיינען לעדיג און די געפאהר, אז אימיצער זאל זיך אריינכאפען אין שאפ און כאפען א שטאך ארבייט איז אזא ווייטע, אז מען קען זיך עס קוים פארשטעלען, — אז מען נעהמט דאס אין אנבאטראכט, ווערט נאך פיעל פארשטענדליכער, ווארום די סטרייקער ברענען גארניט מיט אזא אונ־געדולד, אז דער סטרייק זאל זיך וואס גיכער ענדיגען.

נאך מעהר, זיי ווייסען, אז וואס לענגער די קאנפערענצען האלטען אן, דאס גרונטאוונער, שטארקער מוז זיין די ארבייט פון זייערע פיהרער אויף די קאנ־פערענצען, און עס איז זיכער, אז די ענטוישונג וועט ניט זיין קיין זעהר גרוי־סע, וואס דער סטרייק מוז זיך פארצי־הען נאך איינינע טעג.

אינהאלט־פארצייכניס

נומער 19 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואך — ש. י.
זייט 3. ווען די קלאוקמאכער סטרייקען — פאניא מ. קאהען. ווען א סאניטערי באארד אין שיקאגא — דר. מ. פ. געטהעלף.
זייט 4. שיקאגאער נאטיצען — ה. סקולמאן. די קאסטאם דרעסמאכער יוניאן — ה. זיליבערמאן.
זייט 5. שטרענגער פון'ם געזעץ — אהרן סטאקינסקי. צוויי מיטינגען פון ל. 25 — י. שעהנהאלץ.
זייט 6. דער קריזיס און זייבע אורזאכען — א. ש. זאקס. אינשאליענגער — נ. גראס.
זייט 7. קלאוקמאכער אין קליוולאנד גרייט צום קאמפף — מ. פערעלשטיין. „פייקערס און בראפפערס" — ל. פינקעלשטיין.
זייט 8. איינגעבארג — ב. קעלערמאן.
זייט 9. ראמאן. פילאדעלפיער ארבייטער בויען אן אייגענעם טעמפעל.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 11. די אינטערנעשאנאלע ארבייטער ביורא — א. זעלדין. פערעלע (געדיכט) — י. אדלער.
זייט 12. רעקאנסטרוקשאן, רענט און וואוינונגען — מ. קאלטשין. שלום (פעליעטאן) — א. וואוהלינער.
זייט 13. ווארום מוני מוז קריגען א נייעם פראצעס — דר. י. ל. מאגנעס.
זייט 14. געפונען אן אינהאלט — מ. שמואלזאהן. סצענעס פון קלאוקמאכער סטרייק — נ. בוכוואלד.
זייט 15. די אידישע פרוי אין די אמעריקאנע ציישען — דר. אסתר קוריע.
זייט 16. די פרויען־וועלט — ראזע בער־דריק־בלינגער.
זייט 17. קורצע שמועסן. אונזערע מעדיקאל און דענטאל קליניקס — א שטערעפארמער.
זייט 18. אויפרוף צו די דעזיינערס.
זייט 20. די עפענונג פון דער יוניטי הויז.

א סטרייק פון קלאוקמאכער אין מאנטרעאל

אין מאנטרעאל, קענעדע, קומט איצט פאר א סטרייק ביי דער גרעסטער קלאוק־פירמא פון יענער שטאט, ס. סאמער און קאמפ. אלע קלאוק מאכער פון יענער פירמא זיינען אין סטרייק.

ווי מען קאן ערווארטען, וועט יענע פירמע אודאי שיקען איהרע אגענטען אין ניו יארק, צו זוכען סקעבס. מעגליך אז די אגענטען פון דער פירמא וועט זוכען צו פארנארען קלאוקמאכער נאך מאנ־טרעאל אלס סטרייק־ברעכער; זיי וועלען אפשר די ארבייטער גאר ניט דערצעהלען וועגען דעם סטרייק וואס דארט געהט אן, און וועלען אזוי זיך צוזאגען די ארביי־טער גאלדענע גליקען.

מיר ווארנען דעריבער אלע קלאוק־מאכער פון ניו יארק און אלע אנדערע שטעדט, ניט צו לאזען זיך פארנארען פון די אגענטען פון ס. סאמער און קאמפ. ווארום זיי קאנען דורך דעם האבען גרויסע צרות. די געזעצע פון קענעדע פארבאטען אריינצופיהרען ארבייטער אונטער אזעל־כע אומשטענדען. אונזער אינטערנעשיא־נאל איז אויף דער וואך אז קיין סקעבס זאל אהין ניט אריינגעפיהרט ווערען און אויב מען וועט כאפען יעמאנדען וואס וועט פאהרען אהין ארבייטען, וועט ער זיכער דעפארטירט ווערען אונטער ארעסט און וועט זיך הארפען אומוואלגערען אין פארשידענע דזשיילס. זאלען דעריבער די קלאוק מאכער פון אומעדום אויפפא־סען זיך ניט צו לאזען פארפיהרען אלס סטרייק־ברעכער נאך מאנטרעאל, קע־נעדע.

אינטערנעשאנאל קריעגס דעפארטמענט ווידער ביי דער ארבייט

פון א סטעף רעפארטער.

אט אזוי געהט עס — פון קאמפף צום זיעג, און פון זיעג צום קאמפף!

אונזער אינטערנעשאנאל קריעגס-דעפארטמענט ארבייט אהן אן אויפהער. נאך איידער מען ווערט ריכטיג פארטיג מיט'ן קאמפף אין איין אינדוסטריע ווערען שוין אויסגעארבייט פלענער פאר א נייעם קאמפף אין א צווייטער אינדוסטריע, אויף דעם געביעט פון דער פראדוקציאן פון ליידיעס גארמענטס. און אזוי שפרייזט מען פון קאמפף צו קאמפף, און פון זיעג צו זיעג!

מען איז, דאכט זיך, נאר וואס פארטיג געווארען מיט דעם גרויסען סטרייק פון די וויסט און דרעס-מאכער, און אט האבען מיר שוין א נייעם גרויסען סטרייק פון קלאוקמאכער.

און ווידער שווייבעלט און גריבעלט עס מיט לעבען און טעטיגקייט אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל. ווידער זיינען די אינטערנעשאנאל בעאמטע די פארנומענסטע מענשען אין ניו יארק, צו וועלכע מען קען זיך קוים דערשלאגען צו רעדען מיט זיי א ווארט. ווידער קלינגט בסדר דער טעלעפאן און ווידער זיינען אלע רומס אינ'ם גרויסען אפיס פארנומען מיט זיצונגען און בעראטונגען פון פארשיידענע סטרייק-קאמיטעס.

* * *

די קלאוק, סקוירט און ריפער שעפער אין גרייטער ניו יארק זיינען היינט פוסט און לעער! קיין מאשין דרעהט זיך ניט און קיין האנד הויבט זיך ניט! אלע קלאוק, סקוירט און ריפער מאכער האבען געהערט דעם רוף פון דער קלאוקמאכער יוניאן און דער אינטערנעשאנאל און זיינען ארונטער ווי איין מאן.

שעהן, רוהיג און גראנדיעז האבען די קלאוקמאכער פארלאזען די שעפער פונקט 10 אזייגער אין דער פריה, ווי עס האט געלויטעט דער סטרייק-רוף אין אונזער ספעציעלער סטרייק-אויסגאבע פון דער „גערעכטיגקייט", און האבען אין א קאמפאקטער מאסע מארשירט אין די האלס, וואס וועלען זיין זייער סטרייק-קווארטיר ווי לאנג דער קאמפף וועט אנהאלטען.

און אט דער מארש פון די קלאוקמאכער, פון די שעפער אין די האלס אריין, האט מיט זיך פארגעשטעלט א זעהר שעהן, עהרליך בילד. בראווע און שטאלץ האבען זיי מארשירט, האנט אין האנט, שולטער אין שולטער, יונג און אלט, איד און קריסט, מענער און פרויען — מיט מוט, באגייסטערונג און ענטוזיאזם. א מערקווירדיג מעכטיגע קראפט האט מיט זיך פארגעשטעלט דער מארשרוט און האט ארויסגערופען א סך באוואונדערונג ניט נאר פון פריינד, נאר אויך פון פיינד. מיט פיעל רעספעקט, מיט גרויס דרך-ארץ האבען אלע באוואונדערט די גרויסע מאכט פון איינינקייט, די אייזערנע קראפט וואס עס שטעלט מיט זיך פאר די גוט ארגאניזירטע און דיסציפלינירטע, מעכטיגע קלאוקמאכער יוניאן. און מעכטיגע הוראה-געשרייען האבען זיך ארויסגעריסען פון טויזענדער העלזער!

ארום פינף מינוט נאך 10 אזייגער זיינען די גאסען אין דעם קלאוק-דיסטריקט שוין פול געווען מיט סטרייקער. אלע גאסען ארום זיינען באשאטען געווארען מיט מענער און פרויען. א מענשען-שטראם האט זיך גענומען ציהען אין די האלס, וואס איז שוין פון פריהער געווען צוגעגרייט פון דער האל-קאמיטע. פיעלע שעפער האבען געטראגען די פאהן פון הונדערט פראצענט יוניאן און פארביימארשירענדיג דעם אפיס פון דזשאינט-באארד, אין דער 23טער סטריט, איז דער גאנצער בלאק פארהילכט געווארען מיט די הורא-געשרייען פון די סטרייקער.

* * *

גלייך ווי עס האבען זיך אנגעהויבען די קאנפערענצען צווישען דער יוניאן און דער מאנופעקטשורערס אסס'ן, האט מען געקענט זעהן, אז אהן א סטרייק וועט מען זיך דא ניט אויסדרעהען און די יוניאן האט ניט פארלארען קיין צייט און באלד גענומען פארברייטען די סטרייק-מאשינערי. און דער קלאוקמאכער יוניאן איז שוין דאס קיין נייעס ניט. מען איז שוין דארט געוואוינט צו דעם, און ס'האט ניט פיעל גענומען און די גאנצע סטרייק-מאשין איז געווען פיקס און פארטיג.

און עס איז א מערקווירדיגער מעכאניזם, אט די גרויסע, וואונדערבארע דזשענעראל סטרייק-קאמיטע.

די באזונדערע סאב-קאמיטעס ארבייטען אזוי פינקטליך און הארמאניש ווי די רעדלאך און שרייפלאך פון דעם מעכאניזם אין א גוטען זייגער, דאס עס איז נאר צום באוואונדערען. עטליכע הונדערט מיטגליעדער, די סאמע אקטיוויסטע פון אלע לאקאלס וואס באלאנגען צום דזשאינט באארד, שטעלען צוזאמען די גרויסע דזשענעראל סטרייק קאמיטע און די בעאמטע פון דער יוניאן זיינען די טשערלייט פון די אלע באזונדערע סאב-קאמיטעס, אין וועלכע די גרויסע קאמיטע פארטיילט זיך. פרעזידענט שלעזינגער איז דער טשערמאן פון דער אלגעמיינער קאמיטע און ברודער ישראל פיינבערג, דער טשערמאן פון דזשאינט באארד, איז דער וויים-טשערמאן.

דער ערשטער מיטינג פון דער דזשענעראל סטרייק-קאמיטע איז אפגעהאלטען געווארען מאנטאג אוונט, דעם 12טען מאי, און מען האט שוין דארט געקענט זעהן, אז דער סטרייק מוז געוואונען ווערען אין א קורצער צייט. ברודער שלעזינגער האט געעפענט דעם מיטינג אהן באזונדערע רעדעס, אהן צערעמאניעס, מיט דעם באוואוסטזיין, אז דא האבען זיך פארזאמעלט די פיהרער פון דעם בעפארשטעהענדען קאמפף. ערשט שפעטער, נאך אלע באריכטען, האט ער גערעדט וועגען די ציעלען פון סטרייק און די שכרעבונגען פון דער גרויסער קלאוקמאכער מאסע.

פארלאמענט-מעסיג האט ל. לאנגער, דער סעקרעטער פון דער סטרייק-קאמיטע, געמאכט א ראל-קאל פון אלע אנוועזענדע און דאן זיינען אויפגעטראטען די טשערלייט פון קאמיטע נאך קאמיטע צו דערצעהלען וואס זיי האבען שוין געטאן אום דער סטרייק זאל זיין ערפאלגרייך, גלייך פון דער ערשטער מינוט וואס ער וועט אויסברעכען.

ברודער זיעגמאן, דער מענעדזשער פון דער יוניאן און דער טשערמאן פון דער סעטעלמענט קאמיטע, ערקלעהרט, אז סעטעלמענטס העדקווארטערס זיינען גענומען געווארען אין קאנטינענטאל האטעל, אבער קיינע סעטעלמענטס וועלען ניט געמאכט ווערען ביז נאך דער ערשטער וואך פון סטרייק. בר. זיעגמאן האט מיט זיך א סטעף פון פראקטישע מענשען, וואס וויסען ווי צו מאכען סעטעלמענטס. מיט איהם אין דער קאמיטע איז אויך ברודער מאקס פינקעלשטיין, דער מענעדזשער פון די אססאסיאיישאן שעפער.

ברודער האלפערין האט באריכטעט פון דער האל קאמיטע.

ברודער מעטץ האט באריכטעט פון דער ארגאניזיישאן קאמיטע.

ברודער בראסלאוו האט באריכטעט פון דער פיקעט-קאמיטע.

ברודער פיינבערג האט באריכטעט פון דער רעדנער-קאמיטע.

ברודער לאנגער האט באריכטעט פון דער „אוט אוו טאון" קאמיטע.

ברודער קאפלאוויטש האט באריכטעט פון דער פינאנץ-קאמיטע.

ברודער וואנדער האט באריכטעט פון דער רעליעף-קאמיטע.

ברודער לעפקאוויטש האט באריכטעט פון דער לאא און קאורט-קאמיטע.

ברודער פריזאמט האט באריכטעט פון דער אינפארמיישאן-ביורא.

ברודער קאטלער האט באריכטעט פון דעם דזשוירזי דיוויזשאן.

ברודער באביטש האט באריכטעט פון בראנזוויל; ברודער ניסנעוויץ פון ברוקלין, און ברודער רובינבוים פון הארלעם.

אלע דיעזע „טשיעפס" האבען באריכטעט מיט אזא פינקטליכקייט און גענויאינקייט, דאס עס האט ארויסגערופען גרויס באוואונדערונג פון אלע אנוועזענדע און יעדער „טשיעף" איז הארציג אפלאדירט געווארען.

א קורצע רעדע מיט פיעל ענטוזיאזם האט געהאלטען גענאסע ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט". ער האט זיך פשוט ניט געקענט גענוג אפוואונדערען פון דעם, וואס ער האט געזעהן און געהערט אויף יענעם מערקווירדיגען מיטינג.

זיין רעדע איז אויפגענומען געווארען מיט גרויס באגייסטערונג.

מיטגליעדער פון לאקאל 66, אויפמערקזאם!

דעם זונטאג, פונקט 1 אוהר בייטאג, וועלען די מיטגליעדער פון דער באנאז עמבראידערי ארבייטער יוניאן, לאקאל 66, זיך פארזאמלען אין מעטראפאליטען מוזעאום אוו ארט, 84טע סטריט און 5טע עוועניו, אין רום „איי". מר. קאר וועט דארט האלטען א פארטראג איבער קונסט און נאכדעם וועלען די מיטגליעדער מאכען א שפאציער איבער די קונסט-גאלעריס.

די מיטגליעדער פון דעם לאקאל, וועלכע ווילען גוט פארברענגען און דערביי עפעס לערנען, זיינען געבעטען צו קומען.

דער קלאוק מאכער באנייט זיך. ער ווארפט פון זיך אראפ די אלטע בגדים, וועלכע האבען איהם געשטיקט און געווארגען. ער וויל ניט מעהר טראגען דעם צוואנג-זאק פון שטיק-ארבייט, פון איבערמענשליכע ארבייט, וואס האט איהם געמאכט צו שפאט-געשטעלט פון דער וועלט. ער געהט איינפיהרען דעם נייעם סטייל פון 44 שטונדען א וואך, פון א מינימום סקעל און ווידזשעס און פון וואך-ארבייט

ווען די קלאוק מאכער סטרייקען

פון פאניא מ. קאהען.

אין די צענדליגע טויזענדע האבען זיי, אויף דעם רוף פון זייער יוניאן, פאר־לאזען זייערע שעפער און מארשירט דורך פינפטע עוועניו צו דער 23טער סטריט, פארבייגענאנגען דעם אפיס פון דעם דזשאינט באארד און זיך פארנומען צו פירטע עוועניו. אזוי האבען זיך געצויגען לאנגע, אונענדליכע שורות מענשען אין יעדען טייל פון גרויס ניו יארק.

זיי אלע, מענער און פרויען, יונגע און אלטע, אידען און איטאליענער, האבען מיט זיך פארגעשטעלט דעם לעבעדיגסטען סימבאל פון דער סאלידאריטעט פון דעם ארבייטער קלאס, פון קלאסען־קאמף וועלכען די ארבייטער פיהרען אן פאר דורות לאנג און דורך וועלכען זיי באצוועקען צו מאכען די וועלט „זיכער פאר ווירקליכע דעמאקראטיע“.

פארבייגעהער האבען זיך אפגעשטעלט צו באטראכטען דיזע הערליכע לעבעדיגע מענשליכע פאנאראמע און האבען מיט גרויס נייגעריגקייט געפרעגט איינער דעם צווייטען וואס דאס מיינט אט דער מארש פון „סיוויליענס“ אין „מיטען מיטוואך“; און „ווער זיינען עס די „פרידליכע“ מארשירענדע?“ און דער ענטפער איז געווען: „דאס זיינען די קלאוק מייקערס ארויס אין א „דזשענעראל סטרייק“.

* * *

א פאליסמען איז געשטאנען לעבען אונז, און ווי עס האט זיך מיין פריינדין, א ווייסט מייקערין, אויסגעוויזען, האט איהם שטארק פארדראסען וואס דער מארש איז אזוי איינדרוקספאל און „פרידליך“, און האט נאר קיין געלעגענהייט ניט געהאט צו געברויכען זיין קלאב, און אום איהם אביסעלע צו קיבעצען, איז מיין פריינדין צוגעגאנגען צו איהם און האט איהם געפרעגט: „ווייסט איהר ניט, אפיסער, ווער זיינען עס אט די מענשען? זיינען עס ניט אמאל באלשעוויקעס?“

* * *

פארשידענע סצענעס האבען זיך אפגעשפילט אין יענעם פריהמארגען. איינציגע פון זיי האבען ארויסגערופען א גוטמוטיגען און הארציגען געלעכטער, און אנדערע ווידער אן ערנסטען געדאנק.

אט, צום ביישפיעל, שטעלט זיך אפ אן עלטערער מאן, מן הסתם א פינישער, דרעהט אום זיין קאפ אויף צוריק, גיט א קוק הינטער זיך און זיין געזיכט ווערט פול מיט ליכטיגקייט ווען ער דערזעהט די גרויסע שורה מענשען, וועלכע געהען איהם נאך. א מינוט בלייבט ער שטעהן אין פארוואונדערונג, ער קערט זיך אום צוריק ,באטראכט די אונענדליך לאנגע שורה פון פארענט, און א טריאומפירענדער שמייכעל באוויזט זיך אויף זיינע ליפען, און א פייערל צינדט זיך אן אין זיינע אויגען, מיט זיין רעכטער האנט גיט ער א רוק זיין שווארצע הוט צום פאטילניצע, אין זעלבען אויגענבליק ציהט ער זי צוריק אראפ צום שטערען, און מיט פרישע קרעפטען און מיט פעסטע טריט, נאר ווי א יונגער מאן, הויבט ער אן שנעל צו שפאנען פארווערטס, אזוי שנעל, אז זיין שכן'טע, א שענע ברונעטקע, אנגעטאן אין א בלויען קייפ, גיט איהם א נעם אונטער'ן ארעם, און מיט א כלומרשט באליידיגטער שטימע, לייגט זי צו דעם פיערטען פינגער פון איהר רעכטער האנט צום נאז און זאגט: „עה, רב לייב, איהר לויפט נאר פון מיר אוועק, און ביי אייך איז רעכט פארלאזען מיך אין מיטען קאמף, מיך, אייער ליינערין!“ און די גאנצע רייהע, דריי מענער און די יונגע פרוי, דעם אלטער אריינגערעכענט, צו־לאכען זיך הערצליך.

אין אן אנדער רייהע געהען צוויי יונגע פרויען מיט אן עלטערען מענשען, ביי וועמען עס זעהט זיך ארויס אויף'ן פאטילניצע פון אונטער'ן הוט א שווארצע יארמולקע, און פון קעשענע, איך דער רעכטער זייט, קוקט ארויס א רויטע פאטשיילקע מיט ווייסע קייקעלאך. זיינע גרויסע ברילען טהאנט ער אזוי נידריג אויפ'ן נאז, אז ער קוקט מיט זיינע אויגען אריבער די גלעזלאך. אין שאפ רופט מען איהם ר' משה דער רב, ווייל יעדען פארנאכט, צו מנחה צייט, רופט ער דעם עולם צו א מנין. צוויי יונגע פרויען שטיפען גוטמוטיג און צערטליך מיט איהם, און לאכען הארציג פון זיינע מעשיות איבער די אמאליגע קלאוק מייקערס סטרייקס, ווען די אפרייטארס האבען זיך געמוזט שלעפען מיט זייערע מאשינען, אז ניט פלעגט דער באס זיי די מאשינען ארונטערווארפען. און ווען רב משה האט צוזאמענגעבויגען צוויי פינגער פון זיין רעכטער האנט מיט וועלכע ער האט אנגענומען א שמעק־טאבאק און האט שוין כמעט דערלאנגט צו זיינע אויפגעעפענטע נאזלעכער, האט זיין דאמע, אויף דער רעכטער זייט, זיך שטארק „באליידיגט“ און מיט א צערטליכען קלאפ איבער דער האנד פון וועלכען די טאבאק האט זיך אויסגעשאטען, האט זי קאקעטיש באמערקט: „יעצט טאבאק! אין א דזשענעראל סטרייק? פע! ר' משה, איך וואלט זיך דאס אויף אייך ניט גערעכנט“. דער עולם האט זיך צולאכט און א פאר אפערייטארס, רייצענדיג זיך מיט די צוויי פרויען, רופען אויס: „האט איהר גע־זאלט אננעמען אונזער איינלאדונג און געהען מיט אונז אנשטאט מיט די פיני־שערס, וועלכע אפילו אין א דזשענעראל סטרייק קענען קיין אנדער זאך ניט שמע־קען ווי נאר טאבאק“. און ר' משה, אבי־סעל א געטראפענער פון דעם אפערייטארס שפאס, זאגט: „עה! עה! ווי לאנג זיינט איהר דאס אפערייטארס געווארען אזעלכע העלדען! מיר דאכט זיך, אז איהר ווייסט גאנץ גוט, אז מיר, די פי־נישערס, זיינען געווען פון די ערשטע, וועלכע האבען אגיטירט פאר וואך־ארבייט חאטש מיר האבען גאנץ גוט געוואוסט, אז דאס מיינט א דזשענעראל סטרייק“. א הילכיגער געלעכטער באגריסט ר' משה דעם פינישער, און דער אפערייטאר גיט מיט זיין רעכטער האנט א צערטלי־כען קלאפ ר' משה'ן איבער'ן אקסעל און זאגט: „איהר זייט גערעכט, ר' משה!“

* * *

וועהרענד איך קוק נאך די מאר־שירענדע, דערמאן איך זיך אן די לעצטע צוויי היסטארישע קלאוק מייקערס סטרייקס פון 1910 און 1916, און דער איינדרוק פון דיזע ערעיגנונגען און פון דער הערליכער סצענע פון ארבייטער־סאלידאריטעט און איינינקייט רופט ארויס אין מיין זכרון די בילדער פון יענע צוויי היסטארישע סטרייקס.

איך זעה בולט ווי פאר מיינע אוי־גען דעם מארש פון דיזעלבע קלאוק מיי־קערס אין 1910. איך זעה ווי זיי געהען ארויס פון זייערע שעפער מיט אונזיכערע טריט און מיט זייערע קעפ איינגעבויגען און מיט אונענטשלאסענהייט און בלאנ־דזשענדיגע בליקען זיך באוועגען ניט ווי־סענדיג אליין וואוהין. קיין זעלבסט־צו־טרויען, קיין גלויבען אין זייער אייגענער מאכט — אין דער מאכט וואס א מחנה פון 50,000 ארבייטער שטעלט מיט זיך פאר.

פאר מיינע אויגען ערשיינט א בילד פון א צווייטען מארש און איך זעה רייהען פון צעהנדליגע טויזענדע ארבייטער אין יעדען טייל פון שטאדט; דיזע מענ־שען מארשירען מיט צוקלעמטע הערצער, פול מיט פארדרוס און צארן אויף די פאבריקאנטען, וועלכע, נאכדעם ווי זייערע ארבייטער האבען פאר זיי אפגעארבייט א סעזאן, פון וועלכען זיי האבען אנגע־זאמעלט טויזענדער, האבען זיי, די בעלי־בתים, געוואנט זיי איינפאך ארויסצ־ווארפען פון זייערע שעפער, אום צו צווינגען זיי אויפצוגעבען זייער יוניאן, וועלכע זיי האבען געבויט מיט זייער בלוט און שוויים! זיי, די בעלי־בתים האבען געוואגט צו פארלאנגען פון זייערע ארבייטער זיך צו ענטזאגען פון דאס רעכט צו זיין ארגאניזירט אין א יוניאן, און דורך איהר צו זיין אנגעשלאסען אן דער ארגאניזירטער ארבייטער־באוועגונג, דורך וועלכער זיי האבען ערווארבען מענשען־רעכט, און וועלכע האט זיי געגע־בען א שטעלונג אין דער געזעלשאפט.

איך זעה זיי מארשירענדיג מיט פעסטע און זיכערע טריט, און מיט אן אייזערנער ענטשלאסענהייט צו קעמפען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט, ביז דער זיעג וועט זיין זייערער. דאס איז געווען דער ענטפער פון די קלאוק מייקערס אין יאהר 1916 אויף די חוצפה פון די קלאוק פאבריקאנטען.

ווי פארשידען איז אבער געווען די שטימונג צווישען די מארשירענדע קלאוק מייקערס אין זייער לעצטען מארש, מיט־וואך דעם 1טען מאי 1919, עס איז ניט געווען צו מערקען די ביטערקייט און האס. אין דיזען מארש פון די קלאוק מייקערס האט זיך געפיהלט די זיכערהייט, די אונ־פארמיידליכקייט פון א באלדיגען זיעג.

שטאלץ און ערנסט האבען זיי פאר־לאזען זייערע שעפער, און מיט א פולען באוואוסטזיין, אז וואס זיי פארלאנגען פון זייערע בעלי הבתים קומט זיי.

און אזוי ווי איך שטעה אויף יוניאן סקווער פארטיפט אין מיינע געדאנקען, הער איך א שטימע אויסרופענדיג: „לאנג לעבען זאל די קלאוק מייקערס יוניאן!“ „לאנג לעבען זאל די אינטער־נעשיאנאל!“ אזוי ווי דאס וואלט געווען דער ווידערקלאנג פון דעם וואונש פון מיין הארצען.

* * *

דערווייל ווערען די רייהען פון די מארשירענדע אלץ שיטערער, און איך שפאן איבער די ברייט פון דער גאס, און שליס מיך אן אן די לעצטע רייהע און מארשיר מיט זיי ארײן: אין וועבסטער האל.

אין דעם גרויסען צימער אויפ'ן ער־שטען פלאר זיצט אן עלטערער איד מיט א זילבער־גרויע שפיציגע בערדעל, ארום איהם זיצען ארומגעזעצט ארום פופציג סטרייקערס און ער דערצעהלט זיי זיינע שעהנע ערעיגנונגען פון די אמאליגע סטרייקס, וועלכע זיי פלעגען אנפיהרען.

און ווידער איז מיר ארויף אויף'ן געדאנק די דריי גרויסע היסטארישע מארשען פון די קלאוק מייקערס אין די לעצטע 10 יאהר, און איך האב געטראכט: יעדעס מאל וואס די ניו יארקער קלאוק מייקערס ערקלערען א דזשענעראל סטרייק (די לעצטע דריי מאל) און מארשירען „פרידליך“ איבער די ניו יארקער גאסען, שרייבען זיי ארײן א נייעם וויכטיגען בלאט אין דער היסטארי פון דער ארגא־ניזירטער ארבייטער־באוועגונג.

ווענען א באארד פון סאניטארי קאנטראל אין שיקאגא

פון דר. מ. פ. געטהנער.

די מעמבערשיפ פון אונזער קלאוק־מאכער יוניאן באשטעהט פון עטליכע טויזענד גוטשטעהענדע מעמבערס. אלע אפ־טיילונגען אין דער יוניאן ארבייטען גאנץ פלייסיג און זיינען גאנץ ווירקזאם. די איינציגע אפטיילונג, וועלכע איז ביז יעצט אביסעל פארנאכלעסיגט געווארען און נויטיגט זיך אין פיעלע אויסבעסערונגען, איז די ס א נ י ט א ר י ק א נ ט ר א ל ב א א ר ד, וועלכע דארף אויפפאסען אויף דעם ארבייטערס געזונט־צושטאנד.

פיעלע אורזאכען זיינען געווען ווארום מיר האבען דאס אפגעלעגט פאר א לאנ־גער צייט. יעצט מוזען מיר די פראגע אויפנעהמען גאנץ ערנסט.

אין א קורצער צייט ארום דארף זיך אויפעפענען אונזער סאניטאריום צו וועל־כען אונזערע מעמבערס וועלען זיין בא־רעכטיגט און פיעלע שוועריגקייטען וועלען זיין פארבונדען מיט דיזער פראבלע־מע. מען וועט מוזען האבען אן אייגע־נעם קליניק צו אונטערזוכען אזעלכע מעמבערס, וועלכע וועלען זיך מעלדען קראנק אויף טובערקולאז; מען וועט מוזען זיין שטארק פארזיכטיג אום אזעלכע, וואס זיינען ניט קראנק, זאלען ניט פאר־נעמען די פלעצער אין סאניטאריום און אזוי ארויסשטופען די יעניגע, וועלכע מו־זען דאס האבען; מען וועט מוזען לערנען דעם קראנקען, ווי זיך אויפצופיהרען, ווי אויך אויפפאסען אויף דער פאמיליע ביז דער קראנקער וועט פארלאזען זיין היים, און אויך ווען ער וועט צוריק קומען; מען וועט פיליכט מוזען היילען דעם קראנ־קען ביז ער וועט האבען פלאץ אין סא־ניטאריום.

פיעלע נייע פראבלעמען, וועלכע מען קאן יעצט ניט פאראויסזעהן וועלען ארויף אויפ'ן טאגעס־ארדנונג, און דא־רום איז גלייכער אז מיר זאלען זיך וועגען דעם שוין פארטראכטען. ניט האבענדיג קיין אייגענע היים (איך פארשטעה אז נאר אין גיכען וועלען מיר אזעלכע הא־בען) קאן מען דערווייל וועגען א קליניק ניט ריידען. מיר מוזען אבער זעהן אנ־פאנגען מיט א נ ו י ר ס. א נוירס וועט זיין וויכטיג ניט נאר דאן, ווען מיר וועלען האבען אן אייגענע קליניק, נאר אויך יעצט וואלט זי פיעלעס געקענט אויפטאן פאר אונזערע מעמבערס. אימער געפינען זיך צווישען אונזערע מעמבערס עטליכע קראנקע, וועלכע נויטיגען זיך אין הילף, וועלכע די נוירס וואלט זיי געקאנט געבען.

די נוירס וואלט אויך געקאנט ארויסהעלפען דעם מעמבערס פאמיליע אין פאל פון קראנקהייט, ווען די צייט וועט איהר ערלויבען. זי וואלט געקאנט באזוכען יעדע פאמיליע און לערנען די פרויען ווי אזוי אויפצופאסען אויף די קינדער, ערקלערען די נויטווענדיגקייט פון פרישער לופט, געוויסע שפייזען און נאך און נאך פיעלע אנדערע זאכען, וועל־כע זיינען וויכטיג פאר יעדען צו וויסען, אין קורצען — ווי צו פ א ר ה י ט ע ן פ ו ן ק ר א נ ק ה י י ט.

ניט לאנג צוריק האט אונזער פריינד דר. פריים, וועלכער איז דער דירעקטאר פון דער אינטערנעשיאנאל סאניטארי קאנטראל באארד, מיר צוגעשיקט איי־ניגע געדרוקטע רעפארטס וועגען דער ארבייט פון דעם ניו יארקער סאניטארי באארד. עס איז ווירקליך א וואונדער־בארע ארבייט און די שיקאגא'ער ארביי־טער מעגען זיכער מקנה זיין די ניו יאר־קער, וועלכע האבען דארט אזא וויכטיגע אינסטיטוציע.

פיעל קרעדיט קומט דר. פריים פאר זיין אונערמידליכער ארבייט ווי אויך זיין גרויסער ארגאניזאטארישער טע־טיגקייט. פאר יעדער סארט קראנקהייט איז פאראן א קליניק, אפילו פאר ציי־נער. די קראנקע וויסען אז זיי קומען אין זייער א י י ג ע נ ע ר קליניק, וואו זיי ווערען ארענטליך און גוט בא־האנדעלט און דארפען ניט געהן אין „פרייע דיספענסעריס“, וואו זיי ווערען אפט באטראכט אלס „שנארערס“ און ווארטען שטונדען לאנג אויף זייער נעקסט און אפטמאל דארפען זיי אוועק־געהן ניט ווערענדיג אונטערזוכט.

אבער דר. פריים מיט זיין גאנצער איבערגעבענהייט וואלט וועניג געקאנט אויפטאן, ווען ער זאל ניט האבען דעם סופארט פון די מעמבערס דורך דער דזשאינט באארד, ווייל די ארבייט איז פארבונדען מיט געוויסע אויסגאבען.

זייענדיג פיעל קלענער אין צאהל ווי אין ניו יארק, קאנען מיר אין שיקאגא נאטירליך ניט ערווארטען צו פיהרען זיך גאנץ גרויס, אבער פיעלעס וואלט דאך געטאן געווארען.. ווען מיר זאלען האבען אביסעלע מעהר ענערגיע.

איך גלויב אז א גאנץ קליינער טעקס אויף יעדען מעמבער וואלט אונז געגע־בען א מעגליכקייט אויפצוטאן פיעלעס אין דיזען צווייג פון דער שיקאגאער יוניאן.

נאך א לאנגען געשפרעך מיט ברודער סקולמאן, האב איך ארויסגעשיקט אזא רעקאמענדיישאן צו דער דזשאינט באארד, און לאמיר האפען, אז די באארד וועט די פראגע אויפנעמען אזוי שנעל ווי מעגליך, און מען וועט זיך באלד נע־מען צו דער וויכטיגער ארבייט אויך ביי אונז אין שיקאגא.

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

Vol. I. Friday, May 23, 1919. No. 19.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

די וואך

פון ש. י.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 23, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער נייער 66טער קאנגרעס.

מאנטאג, דעם 19טען מאי, האט זיך אנגעהויבען די ספעציעלע זיצונג פון דעם 66טען קאנגרעס. דיזער ספעציעלער קאנגרעס איז איינבארופען געווארען פון פרעזידענט ווילסאן, ערשטענס, ווייל נאר פיעלע וויכטיגע פראגען, וועלכע זיינען ארויסגעוואקסען פון דער מלחמה קענען ניט ווארטען ביז עס דארף זיך אנפאנגען די רעגעלע זיצונג פון קאנגרעס. און, צווייטענס, ווייל דער לעצטער קאנגרעס, וואס האט מיט א פאר מאנאטען צוריק זיך געענדיגט, האט געלאזען פיעלעס אונגעטאן, אזוי דאס די רעגירונג איז צוליעב דעם באדייטענד געשטערט אין איהר טעטיגקייט. מוז דער יורש זיינער גוט מאכען דאס, וואס ער האט געפעהלט.

דער איצטיגער קאנגרעס אין זיין צוזאמענשטעלונג איז מעהר רעפובליקאניש, ווי דעמאקראטיש. דער סענאט האט א רעפובליקאנישע מאיאריטעט פון בלויז צוויי. דער קאנגרעס האט א רעפובליקאנישע מאיאריטעט פון 39. פארשטעהט זיך, אז דער איצטיגער קאנגרעס וועט ניט זיין אזוי געהארכזאם צום פרעזידענט אין דער אויספיהרונג פון אלע זיינע פלענער; און ניט אזוי צוליעב פרינציפיעלע אונטערשיידונגען, נאר ווייל עס איז נויטווענדיג פאר דער רעפובליקאנישער פארטיי, אין די קומענדע פרעזידענט-וואהלען צו ווייזען דעם עולם, ווי ווייט די דעמאקראטען האבען אלעס פארבאטשעט, און וואס פאר א גרויסע בריות זיי זיינען. פארשטעהט זיך, אז די דעמאקראטישע פארטיי פון איהר זייט מיט דעם פרעזידענט אן דער שפיצע, וועט ניט לאזען זיך אזוי לייכט ארונטערמאכען, און וועט טאן אלעס מעגליכע צו שטערען דער רעפובליקאנישער פארטיי אויפצוטאן עטוואס, מיט וואס זי זאל זיך קענען באריהמען. בינו לבינו קען עס קומען דערצו, אז עס זאל זיין „פיעל טומעל צוליעב גארניט", אז דער קאנגרעס זאל ניט אויפטאן קיין זאך פון דעם, וואס איז אזוי דרינגענד נויטווענדיג.

דעם פרעזידענט'ס מעסעדזש.

לויט פרעזידענט ווילסאן האט איינגעפיהרט, פלעגט ער געוועהנליך, ביי דער ערעפנונג פון קאנגרעס אליין ערשיינען פאר איהם און פארלייענען זיין מעסעדזש. דאס מאל אבער, זייענדיג אין פאריז, האט ער עס ניט געקענט אויספיהרען. ער האט דארום צוגעשיקט זיין מעסעדזש טעלעגראפיש, און איז פארגעלעזען געווארען פאר'ן קאנגרעס און סענאט פון פשוט'ע סענאט-קלוירקס.

די פראגען פון מלחמה, פון דער פריעדענס-טריטי, פון דער נאציאנען-ליגע דיסקוטירט ניט דער פרעזידענט אין זיין מעסעדזש. זיי לעגט ער אפ אויף דער צייט, ווען ער וועט אליין קומען, און ווען אלעס וועט שוין זיין געענדיגט. איצט, אז עס איז נאך קיין זאך אין גאנצען ניט פארטיג, וואלט עס געווען צו פריה צו פאסען וועגען זיי אן אורטייל. אזוי ערקלעהרט פרעזידענט ווילסאן די אורזאכע ווארום ער רעדט ניט וועגען דעם.

ער באטראכט דארום אין זיין מעסעדזש נאר פראגען, וואס האבען צו טאן מיט אמעריקא'ס אינערליכע אנגעלעגענהייטען, און אלס די סאמע וויכטיגסטע פראגע שטעלט ער אוועק אין סאמע פראנט פון זיין מעסעדזש די ארבייטער-פראגע.

אונטער דער ארבייטער-פראגע פארשטעהט דער פרעזידענט אט וואס: „ווי אזוי די מענער און די פרויען, וואס טוען די טעגליכע ארבייט פון דער וועלט, זאלען קריגען אלץ מעהר און מעהר פארבעסערונגען, ווי אזוי זיי זאלען געמאכט ווערען גליקליכער, און באהאנדעלט ווערען בעסער פון די געמיינדען און אינדוסטריען, וועלכע זיי האלטען אויף און ברענגען אלץ ווייטער; ווי אזוי זיי זאלען קריגען די ריכטיגע פארטיילען אלס בירגער און מענשליכע וועזענס".

און פרעזידענט ווילסאן זאגט ארויס גאנץ אפען, אז אזוי אנגעהן, ווי עס איז ביז איצט געווען, קען ניט. עס קען ניט אנהאלטען ווייטער די פיינדשאפט צווישען קאפיטאל און ארבייט. דער וועג פיהרט ניט צו קיין גוטעס. עס מוז געפונען ווערען אן אנדער וועג, און דער וועג, לויט דער מיינונג פון פרעזידענט, קען נאר זיין „אן עכטע דעמאקראטיזירונג פון דער אינדוסטריע, וועלכע זאל זיין געגרינדעט אויף א פולער אנערקענונג פון דעם רעכט פון די, וועלכע ארבייטען, אנטייל צו נעהמען אין יעדען באשלוס, וואס ריהרט אן זייער וואוילזיין אדער די ראליע, וואס זיי דארפען שפיעלען אין דער אינדוסטריע".

צווישען אנדערע וויכטיגע פארשלעגע פון זיין מעסעדזש זיינען די פאלגענדע: ערשטענס, דער פארשלאג, אז דער טעלעגראף און טעלעפאן זאלען איבערגעגעבען ווערען צוריק פון דער רעגירונג צו זייערע אייגענטימער אזוי שנעל ווי מעגליך, און דאס די אייזענבאהנען וועלען איבערגעגעבען ווערען צו זייערע אייגענטימער ביים סוף יאהר. צווייטענס, אז עס זאל אנגענומען ווערען דער אמענדמענט צו דער קאנסטיטושאן פאר אלגעמיינע פרויען-שטימרעכט; און, דריטענס, אז דער געזעץ, וואס פארבאט דעם פארקויף פון וויין און ביער דעם 30טען דזשון, זאל אפגעשאפט ווערען.

וואס דער פרעזידענט האט נאר אין גאנצען ניט דערמאנט, אפילו ניט מיט א ווארט, אין זיין מעסעדזש, איז וועגען די הונדערטע און טויזענדע „פאליטישע" ארעסטירטע אין דער צייט פון מלחמה, וואס מיט זיי זאל געשעהן. אויך גארניט וועגען דעם עספיאנעדזש-געזעץ, וועגען דער צענזור און די אלע אנדערע גוטע זאכען, וועלכע די מלחמה האט מיט זיך געבראכט. וועגען דעם איז אין דעם מעסעדזש גארניט ניטא.

די פראגע איז איצט, אויב דער קאנגרעס אליין וועט עס אפשר טאן אויף זיינע אייגענע אחריות. אבער אויף דעם איז אויך ניט פיעל צו האפען, ווייל, ווי דער אמת איז, איז די רעפובליקאנער פארטיי אין דער הינזיכט פון דעמאקראטיע און פרייהייט פיעל קאנסערוואטיווער, ווי די דעמאקראטישע פארטיי, וועלכע האט ביז איצט געהאט די מאיאריטעט אין קאנגרעס.

בערגער ניט צוגעלאזען אלס מיטגליעד פון קאנגרעס.

צו דער ערעפנונג פון קאנגרעס זיינען געקומען, ווי עס פיהרט זיך, אלע אלטע קאנגרעס-לייט און אויך אלע נייערוועהלטע קאנגרעס-לייט, אום צו ווערען איינגעשווארען. צווישען זיי איז אויך געקומען וויקטאר בערגער, דער סאציאליסט, וועלכער איז ערוועהלט געווארען אין זיין דיסטריקט אין מילוואקי פון א גרויסער מאיאריטעט. אבער, ווען עס איז געקומען די רייהע פאר איהם צו ווערען איינגעשווארען, האט קאנגרעסמאן דאלינגער פון מאסאטשוזעטס ניט דערלאזען דערצו, ערקלעהרענדיג, אז בערגער איז פאראורטיילט געווארען צו צוואנציג יאהר פריזאן פאר זיין ניט-לאיאל צו דער רעגירונג, און דאס ער, דאלינגער, האט בדעה פארצושלאגען א רעזאלוציע, אז די פראגע פון בערגער'ס רעכט צו זיין זיץ אין קאנגרעס זאל איבערגעגעבען ווערען צו א ספעציעלער קאמיטע, וועלכע זאל אונטערזוכען דעם בערגער-פאל. בערגער אליין האט אפילו פראטעסטירט און געוואלט רעדען, אבער מען האט איהם ניט געלאזען. בערגער וועט אלזא מוזען פארקומען פאר א ספעציעלער קאמיטע, פאר וועלכער ער וועט מוזען באווייזען, אז ער איז בארעכטיגט צו זיין זיץ אלס קאנגרעסמאן. ווי עס שיינט אבער זיינען זיינע שאנסען זעהר קליינע. און טאקע, ווי קען ער עס גאר פארלאנגען? איז ער דען ניט פאראורטיילט געווארען צו צוואנציג יאהר פריזאן דערפאר, וואס ער האט געגלויבט, אז אמעריקא האט ניט באדארפט אריינגעהן אין דער מלחמה? און ווי קען אזא געפעהרליכער אנטי-מלחמה מענש גאר האבען די העזה צו וועלען זיין א מיטגליעד פון קאנגרעס פון די פאראייניגטע שטאאטען?

מר. סעמיועל גאמפערס וויל בלייבען פרעזידענט.

פון וואשינגטאן האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז מר. סעמיועל גאמפערס, דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערייישאן אוו לייבאר, האט בדעה זיך צוריקצוציהען פון זיין אמט, ווייל ער פיהלט זיך שוין צו אלט, און ווייל ער איז זעהר מיעד פון דער שווערער ארבייט פון דעם לעצטען יאהר, וועלכע ער האט אריינגעלעגט פאר דער מלחמה געגען דייטשלאנד. דערצו נאך איז צוגעגעבען געווארען, דאס דער טויט פון זיין טאכטער און דער שוואכער געזונד פון זיין פרוי האבען נאך פארשטארקט זיין באשלוס זיך צוריקצוציהען פון זיין אמט. צו דער זעלבער צייט איז ערקלעהרט געווארען, אז די קומענדע קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. וועט באשטימען איהם צו צאהלען זיין געהאלט פון 5 טויזענד דאלאר א יאהר, פאר זיינע גרויסע פארדיענסטען פאר דער ארבייטער-באוועגונג אלס „פרעזידענט-עמעריטוס".

מר. גאמפערס האט מיט גרויס צארן דורך דער פרעסע אפגעלייקענט די גאנצע געשיכטע. ער האט עס ערקלעהרט אלס א פשוט'ען ליגען.

אט איז טיילווייז זיין סטייטמענט:

„די שונאים פון דער א. פ. אוו ל., וועלכע וואלטען איהר געוואלט אפשוואכען אדער פארניכטען, האבען יעדעס יאהר ערקלעהרט עפענטליך אדער פריוואט זייער ענטשלוס מיך דורכצוואארפען ביי יעדער קומענדער קאנווענשאן. זיי האבען באהאלטען זייער שנאה צו דער א. פ. אוו ל., צילעווענדיג זייערע פיילען געגען מיר.

„איך בין ניט מלחמה-שוואך, בין אויך ניט ארבייטס-מיעד. איך בין ניט קיין „קוויטער", און פאר מיר קען קיין לייכטע בעטעל ניט פארזארגט ווערען. איך וועל זיין אדער פרעזידענט פון דער א. פ. אוו ל. אדער אן ארבייטער צווישען דער רענק ענד פייל. די, וועלכע ווילען פון מיר פטור ווערען אלס פרעזידענט פון דער א. פ. אוו ל., ווילען דאס מוזען פרובירען אויספיהרען אויף דער קאנווענשאן, וואו די אמת'ע דעלעגאטען האבען זייער וואהל-רעכט; אויך קען איך ניט איבערגערעדט ווערען צו פארלאזען מיין אמט דורך דער פרעטענזיע פון צו גרויסער פריינדשאפט צו מיר.

„אז מען זאל גוט אונטערזוכען דעם קלאנג וועגען מיין וואונש צוריקצוציהען זיך פון מיין אמט, וועט מען געפינען, אז ער שטאמט פון איינעם, וואס האסט מיך פאר מיין אמעריקאניזם און פאר מיין געטריישאפט צו דער ארבייטער-זאך, און וועלכער האט אויסגעפונען דיעזע איידעלע מעטאדע ארויסצושטופען מיך פון דעם פעלד פון אקטיווער ארבייט פאר דער גרויסער זאך פון ארבייט, גערעכטיגקייט און מענשליכקייט."

פון דעם ענטפער פון גאמפערס איז קלאר, אז ער האט קיין מאל אפילו אין זינען ניט געהאט זיך צוריקצוציהען פון זיין אמט; אז ער איז ענטשלאסען צו בלייבען אויף זיין פאסטען אזוי לאנג, ווי ער וועט נאר קענען; און וועלכע מאטיווען עס זאלען ניט זיין הינטער דעם קלאנג, גוטע אדער שלעכטע, אבער אז ער איז געווען א פאלשער, אויף גארניט באגרינדעט, דאס איז זיכער. סעמיועל גאמפערס וועט ווידער אויסערוועהלט ווערען פרעזידענט, און אלעס וועט בלייבען ווי געווען.

דער סטרייק אין וויניפעג.

די שטאדט וויניפעג, קענעדע, געפינט זיך זייט דער לעצטער וואך אין א דזשענעראל סטרייק, וועלכער, לויט באריכטען, האט פאראליזירט דאס גאנצע לעבען פון דער שטאדט, איהר אפגעשניטען פון דער גאנצער איבעריגער וועלט, און די איינציגע בעלי בתים איבער דער שטאדט איז די דזשענעראל סטרייק-קאמיטע. אויף איהר באפעהל געהט ניט ארויס קיין איינציגע צייטונג, דער טעלעגראף, דער טעלעפאן און אלע אנדערע אינדוסטריען זייען אין א פאלשטענדיגען שטילשטאנד. צו דערזעלבער צייט איז אלעס רוהיג. די סטרייקער אליין פאסען אויף, אז קיינע געוואלד-טאטען זאלען ניט באגאנגען ווערען, און כדי די ארבייטער אליין זאלען ניט ליידען פון הונגער, האט די קאמיטע געעפענט עפענטליכע קיכען, שפייז-סקלאדען, און דער סטרייק שטארקט זיך פון טאג צו טאג.

דער סטרייק האט געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף פיעלע אנדערע שטעדט ארום וויניפעג, און זאל עס נאר גיטיג זיין, — אזוי ווערט ווארענטען געמעלדעט, — זיינען די ארבייטער פון פיעלע אנדערע שטעדט און שטעדטלעך אין קענעדע זיך פארטיג אנצושליסען אן דעם סטרייק.

מיר ווייסען ניט קלאר אלע איינצעלהייטען, ווי אזוי עס איז געקומען צו אזא סטרייק. נאר, לויט דעם רעפארט, האט ער זיך אנגעפאנגען פון א סטרייק אין די בילדינג-טריידס און פון די מעטאל-ארבייטער. די באסעס זיינען געווען איינגעשפארט און האבען ניט געוואלט נאכגעבען די פאדערונגען פון די סטרייקער; האט דער וויניפעגער „טריידס און לייבאר-קאונסיל" באשלאסען ארויסצורופען א סימפאטיע-סטרייק פון אלע ארבייטער אין וויניפעג. און די מייסטע ארבייטער פון די פארשידענע אינדוסטריען האבען געפאלגט דעם רוף.

דאס אינטערעסאנטע אין דעם סטרייק איז, דאס דער סטרייק איז ארגאניזירט געווארען געגען דעם ווילען פון די אפיציעלע פיהרער פון דער יוניאן. אין דעם סטרייק האבען זיך אנגעשלאסען אלע שטאדט-ארבייטער, ווי די פאסט-ארבייטער, פייערלייט און זאגאר די פאליס איז אויך מיט די סטרייקער.

אט וואס עס שרייבט א קארעספאנדענט צו דער ניו יארקער „טיימז":

„די סטרייק-קאמיטע איז אין פולען קאנטראל פון יעדער טעטיגקייט אין שטאדט; שפייז, מילך, וואסער, ליכט ווערען נאר ערלויבט מיט דער אויטאריטעט פון דער קאמיטע. די רעסטאראנען, וועלכע זיינען אפען, האבען סיינס מיט דער אויפשריפט: „ערלויבט פון דער סטרייק-קאמיטע".

מעיאר גרעי און די אנדערע שטאדט-אויטאריטיס האבען אבסאלוט ניט די מינדעסטע מאכט. די פאליס בלייבט נאר אויף איהר פאסטען מיט דער ערלויבניש פון דער סטרייק-קאמיטע.

די סטרייק-קאמיטע האט עטאבלירט א פרעס-צענזור, און אירגענד וועלכע מיטטיילונג פון וויניפעג מוז פריהער גוטגעהייסען ווערען פון דער קאמיטע. טוט עס די קאמיטע ניט, בלייבט די טעלעגראמע ניט געשיקט.

די אינדוסטריע אין שטאדט איז פאלשטענדיג פאראליזירט. גאנצע 35 טויזענד ארבייטער האבען זיך אנגעשלאסען אן סטרייק. דער פאסט-אפיס איז געשלאסען. אלע פאסט-ארבייטער זיינען אין סטרייק. די קאמערציעלע דראטען זיינען געשלאסען, נאר טויט- און רעגירונגס-מעסעדזשעס ווערען אנגענומען. דער טעלעפאן, סטריט-קאר און די פאסט זיינען אין גאנצען אויסער ארבייט. קיין צייטונג געהט ניט ארויס אין וויניפעג זייט לעצטען דאנערשטאג. דער פייער-דעפארטמענט האט זיך אנגעשלאסען אן די סטרייקער. ארבייטער-פיהרער ערקלעהרען, דאס גאנץ מערב-קענעדע איז פארטיג צוצושטעהן צום סטרייק, און דאס וואנקאווער, קאלגארי, בראנדאן און וויקטאריע האבען טעלעגראפירט, אז זיי ווארטען אויפ'ן רוף.

וויניפעג, ניט קוקענדיג אויף די נויט און געפאהר פון געוואלד, האט א יום-טוב'דיגען אויסזעהן. דער עולם איז אויף די גאסען, און די מיידלעך-סטרייקער געהען אין זייערע בעסטע זונטאגדיגע קליידער. די טעאטערע זיינען אפען מיט דער ערלויבניש פון דער סטרייק-קאמיטע."

וועל, וועל, ניט אומזיסט באטראכט די „טיימז" דעם סטרייק אין וויניפעג פאר א שטיק „לעניניזם". באזונדערס איז זי אין כעס, וואס די סטרייקער האבען אפגעשטעלט די צייטונגען. ווירקליך אן אונערהערטע חוצפה: ניט לאזען א צייטונג ערשיינען! און פאר וואס? אט ווי די סטרייק-קאמיטע ערקלעהרט איהר האנדלונג:

„עס וועלען ניט ערשיינען קיינע צייטונגען, ביז מיר וועלען זיי לאזען ערשיינען. מיר ווייסען, וואס פאר א ווירקונג א צייטונג האט אויף דער עפענטליכער מיינונג, און דאס אין דער פארגאנגענהייט איז די עפענטליכע מיינונג אויפגעהעצט געווארען געגען אונזער קלאס. מיר פיהלען, דאס וואלטען מיר געלאזען די פרעס אפען, וואלט זי זיך באנוצט מיט דער לאגע, און וואלט געארבייט געגען אונז. ווילען מיר עס ניט."

דאס קלינגט ווירקליך הערשעריש, באפעהלעריש, און די „טיימז", פון איהר שטאנדפונקט, איז אפשר ניט אין גאנצען אומגערעכט.

שטרענגער פונ'ם געזעץ

פון אהרן סטאלינסקי.

די געשיכטע פון א קאאפעראטיווע לאונדרי.

אין'ם ענגלישען זשורנאל „קאאפע־ריישאן" געפינט זיך אן אינטערעסאנטער ארטיקעל ווי אזוי עטליכע מיידלעך האבען געגרינדעט א קאאפעראטיווע לאונדרי, זייער שנעלער ערפאלג לעזט זיך ווי אן אויסגעטראכטע מעשה. אט זיינען די אמת'ע פאקטען:

אין משך פון עפעס מעהר פון א יאהר צייט האבען עטליכע מוטיגע לאונדרי־מיידלעך אין סיאטעל, וועלכע פלעגען קריגען 4 און 5 דאלער א וואך שכירות, דורך זייערע אייגענע אנשטרענגונגען גע־העכערט זייערע שכירות ביז צו 15 דא־לער א וואך, און א חוץ דעם האבען די־זעלביגע מיידלעך, וועלכע פלעגען פריהער ארבייטען זאגאר צו 18 שטונדען א טאג, ווי נאך זיי זיינען געווארען אייגענע בעלי־בתים איינגעפיהרט דעם 8 שטונדיגען אר־בייטס־טאג. זיי געהן איצט צו דער אר־בייט אום האלב נאך 4 נאכמיטאג. מאנ־טאג אין דער פריה אדער א טאג נאך יום־טוב געהען זיי צו דער ארבייט אום 10 א זייגער.

דאס האבען זיי דורכגעפיהרט אהן געזעצען, אהן לאיערס און אהן קאנגרעס־לייט. אין א גאנץ קורצער צייט זיינען זיי געווארען „די קאפיטאנען פון זייער איי־גענעם שיקזאל". צוגעגאנגען איז עס אזוי:

די לאונדרי איינענטימער אין סיאטעל האבען עקספלואטירט די מיידלעך פון פריהמארגען ביז שפעט אין דער נאכט פאר זעהר קלעגליכע שכירות. די קאנדי־ציעס אין אלגעמיין זיינען געווען נאך טרויעריגער. פראטעסטען זיינען איגנא־רירט געווארען. זיך אנשליסען אן דער יוניאן האט געמיינט פארלירען די שטעלע.

א פאר רעוואלוציאנערע גייסטער האבען אין פארצווייפלונג באשלאסען צו גרינדען א קאאפעראטיווע לאונדרי, וועל־כע זאל באלאנגען און אפערירט ווערען פון ארגאניזירטע ארבייטער. דאס איז גע־ווען דער איינציגער אויסוועג צו זייער טרויעריגער לאגע. זיי האבען ארויסגע־לאזט 10 דאלערדיגע שעהרס צווישען די יוניאנס, און עס איז זיי געלונגען צוזא־מענצוקלייבען א סומע פון 25,000 דא־לער.

ווען די ארבייטער זיינען צוגעטרא־טען צו פראקטישע ארבייט, האבען זיי אנגעטראפען שוועריגקייטען אויף טריט און שריט. זיי האבען געוואלט אויפבויען אן אייגען הויז, אבער קיינער פון די לאנד־איינענטימער האט ניט געוואלט פארקוי־פען קיין פלאץ צו דער פרויענס יוניאן לאונדרי. אבער נאך לאנגע באמיהונגען איז זיי ענדליך געלונגען צו קריגען א פלאץ.

האבענדיג א פלאץ האבען זיי זיך גענומען אויפבויען די הויז. אבער די איי־גענטימער פון די בוי־מאטעריאלען האבען זיי בוכשטעבליך באיקאטירט און קיינער האט זיי קיין בוי־מאטעריאלען ניט גע־וואלט פארקויפען. בקיצור, דורך פאלשע נעמען און הינטערוועגעלעך איז זיי ענד־ליך געלונגען צו קויפען אין פארשידענע ערטער ציגעל, שטאהל, האלץ, א. ד. גל.

יעצט האט זיך אנגעהויבען די אמת'ע שוועריגקייט: ווי קריגט מען לאונדרי־מאשינען? נאך וואכען זוכען איז זיי פון דעסטוועגען געלונגען א גאנצע לאונ־דרי אפצוקויפען אין קאלאמביא, פענסיל־וועניא, דער איינענטימער איז אין גאנ־צען ארוים פון די ביזנעס און ער האט דאריבער ניט קיין מורא געהאט פאר'ן „ארגאניזירטען קאפיטאל". די מאשינען זיינען געשיקט געווארען נאך פארטלאנד, פון פארטלאנד נאך ספאקיין, און פון ספאקיין נאך סיאטעל, וואו די מאשינען זיינען ענדליך אינסטאלירט געווארען.

צום סוף איז ארויפגעשוואומען דער הויפט־פראבלעם: וואו נעמט מען זייף, סטארטש (קראכמאל), און אנדערע וואש־מאטעריאלען. יוניאן געלד האט ניט גע־שמעקט, ווי עס שיינט, די סוחרים פון'ם פאסיפיק קאוסט, און זיי האבען זיך ענט־זאגט דעם קאאפעראטיוו צו פארקויפען די סחורות.

ענדליך איז די לאונדרי מיידלעך גע־לונגען צו קריגען די נויטיגע וואש־מאטע־ריאלען דורך זייערע א פריינד, אן אנגע־שטעלטער אין א סופליי הויז. ער פלעגט קויפען גאנצע קעסטעלעך מיט זייף און אנדערע ארטיקלען און זיי אוועקשטעלען ביי זיך אין קעלער. צום סוף איז דיזער „טריק" ענטדעקט געווארען. אבער עס האט ניט לאנג גענומען און עס איז דעם קאאפעראטיוו געלונגען צו מאכען א קאנ־טראקט מיט א פארטלאנדער פירמע, אז זי זאל איהר צושטעלען אלע נויטיגע מא־טעריאלען, און — די לאונדרי האט אנ־געהויבען צו וואשען.

די ארבייט פאר דער ערשטער וואך האט באטראפען 187 דאלער. דאס איז געווען אין נאוועמבער 1915, און אין 1918 האט די לאונדרי שוין געמאכט אן אומזאץ פון 2300 דאלער, טראץ אלע הינדערניסען פון די ארגאניזירטע בעלי־בתים.

אבער די קאאפעראטארקעס האבען זיך ניט באנוגענט בלויז מיט קלענערע שטונדען און העכערע שכירות, זיי האבען דאך אויך עפעס געהערט וואס די קאאפע־ראטיווען האבען אויפגעטאן אין איראפא און זיי האבען דאריבער איינגעריכטעט אין זייער לאונדרי אלע סאניטארישע פארבעסערונגען — די בעסטע און שענ־סטע פון'ם פאסיפישען ברעג. אזוי לכל הפחות זאגט דער אפיציעלער רעגירונגס־רעפארט וועמען מען קען חלילה ניט חושד זיין אין באזונדערע פריינדשאפט צום קאאפעראטיוו.

און נאך מעהר: זיי האבען אנגע־הויבען צו פארשפרייטען דעם געדאנק פון זעלבסט־הילף איבער דער גאנצער שטאט. זיי האבען אויך ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו די אונארגאניזירטע ארבייטער, וואו זיי האבען געזאגט: „אונזער לאונדרי צאהלט העכערע שכירות און קלענערע שטונדען; ווארום קענען ניט אייערע?"

א דאנק דיזען ליפלעט האבען זיך 25 מיידלעך אנגעשלאסען אן דער יוניאן, און גאר אין גיכען האבען אנגעהויבען אריינצוקומען א סך נייע מיטגלידער. די לאונדרי מיידלעך האבען אויסגעטראטען דעם וועג, און סיאטעל איז איצט א גוט־ארגאניזירטע שטאדט.

אבער די מיידלעך האבען זיך ניט באנוגענט מיט זייער ערפאלגרייכער לאונ־דרי און האבען אויך געגרינדעט א קא־אפעראטיווע סטאר, וואו זיי קויפען אלע זייערע נויטיגע שפייז־פראדוקטען. די פרייזען אין דיזען סטאר זיינען דיזעלבע ווי איבעראל, פאר דעם קריגען זיי אבער צוריק יעדע דריי מאנאטען די דיווי־דענדען.

אזוי למשל, ווען עס ווערט ערקלערט אן 8 פראצענטיגען דיווידענד, און א מיי־דעל וועלכע האט געקויפט פאר 30 דאל. פראדוקטען, קריגט נאכהער צוריק 8 פרא־צענט פון 30 דאלער, וועלכעס באטרעפט 2.40 דאלער, און א מיידעל, וועלכע האט געקויפט פאר 20 דאלער קריגט צוריק 1.60 דאלער. יעדער מיטגליד פון דיזער סטאר האט א שעהר און איין שטימע. די שעהר־האלדערס קריגען א באשטימטען אינטערעסט פאר זייערע שעהר־געלדער.

דער קאאפעראטיווער סטאר האט אויך א ספעציעלע קאמיטע, וועלכע בא־זוכען די ארומיגע פארמערס און קויפען אויף פארשידענע גרינצייג. אזוי, למשל, קריגען די מיטגלידער פאטייטאס פאר א העלפט ביליגער ווי אין די פריוואטע סטארס.

א דאנק דעם ערפאלג פון דער קא־אפעראטיווער לאונדרי האט זיך דער קא־אפעראטיווער געדאנק אין סיאטעל שנעל פארשפרייט. היינט־צו־טאג האבען שוין כמעט אלע ארטיגע טרייד יוניאנס איי־גענע קאאפעראטיווע סטארס, און א היב־שע צאהל ארבייטער גיבען שוין ניט אוועק קיין איין סענט פון זייערע שכירות צו די פריוואטע סטאר־קיפערס.

די סיאטעל'ער קאאפעראטארס הא־בען איצט אפגעדונגען א פאבליק מאר־קעט פאר 640 דאלער א מאנאט, וואו זיי קריגען דירעקט פון די פארמערס גאנצע וואגאנען מיט גרינצייג, אייער, מילך, פלייש און פרוכטען. די קאאפעראטיווע טרייד יוניאניסטען האבען איצט די גרעס־טע ווורשט פאבריק אין שטאדט. זיי האבען איבערגענומען א שלאכט־הויז.

ווען די קאאפעראטארס האבען אויס־געפונען, אז די פארמערס קריגען צו 5 סענט א קווארט מילך פאר וועלכע זיי מו־זען צאהלען 15 סענט א קווארט, האבען זיי זיך אונטערגענומען אליין צו פארנאנ־דערטיילען די מילך. זיי האבען אויך אפ־געדונגען אן אייגענעם רעפרידזשירייטאר.

מיט א געוויסער צייט צוריק האבען זיי אפגעקויפט פאר 10 טויזענד דאלער א קאנדענסינג פלענט כדי צו קאנדענ־סירען די מילך וועלכע בלייבט איבער. די קאנדענסירטע מילך האט א יוניאן לייבעל אויף יעדער קען. זיי מאכען איצט אן אומ־זאץ פון זיבען הונדערט טויזענד דאלער א מאנאט. דער ריינער פראפיט באטרעפט, אראפ־רעכענענדיג אלע הוצאות, צוואנ־ציג טויזענד דאלער.

זיי האבען אויך דריי קאאפעראטיווע בעקערייען און רעסטאראנען, מיט קלוב־רומס און לעזע־צימערען איבער דיזעלבע.

אזא ערפאלגרייכע באוועגונג קען ניט און טאר ניט בלייבען אין די ענגע קרייזען פון סיאטעל אליין, נאר מוז זיך אויך פארשפרייטען איבער'ן גאנצען לאנד. א גוטען ביישפיעל פון די סיאטעל'ער טרייד יוניאניסטען מעגען זיך ארויפנעמען די איבריגע ארבייטער פון לאנד. דער ערפאלג אין סיאטעל איז נאך א גוטער ארגומענט פאר דער קאאפעראטיווער באוועגונג, וואס די טרייד יוניאניסטען קע־נען אויפטאן אויפ'ן געביעט פון קאאפע־ראציע.

אט אזוי זעהען מיר, וועלכע וויכטי־גע וואפע די ארבייטער לאזען ארוים פון זייערע הענד, ווי באלד זיי באשעפטיגען זיך ניט מיט קאאפעראציע.

צוויי וויכטיגע עקזעקוטיוו באארד מיטינגען פון דער לײדיס וויסט און דרעסמאכער יוניאן ל. 25

א מיטינג פון'ם עקז. באארד פון דער לײדיס וויסט און דרעס מייקערס יוניאן, לאקאל 25, איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט דעם 13טען מאי 1919 אין פיפעלס הויז, 7 איסט 15טע סט. שוועסטער דזשעני מאטיאס, טשערליידי.

עס ערשיינען פארשידענע קאמיטעס און ווערען אויסגעהערט. די גריוועגס קא־מיטע שיקט אריין א באריכט וועגען דער קייס פון מיס בערטא קארן, עקזעקוטיוו באארד מעמבער, וועלכע איז געפונען גע־ווארען שולדיג פאר האנדלען נעגען די רולס פון דער יוניאן און פאר ניט אויס־פאלגען די פאראדנונגען פון'ם מענעדזשער פון דער יוניאן. דער עקז. באארד הייסט גוט דעם באשלוס פון גריוועגס באארד און עס ווערט באשלאסען זי אויסשליסען פון עקז. באארד.

ברודער וויים גיט אפ א קורצען בא־ריכט וועגען די איבערגעבליבענע סטרייקס און זייער צושטאנד. אויף זיין רעקאמענ־דאציאן ווערט איינשטימיג אנגענומען א רעזאלוציאן אויסצודריקען אונזער טיעפ־סטען דאנק צום עקז. באארד פון לאק. 48 און ספעציעל צו ברודער נינפא, זייער מענעדזשער, וועלכער האט געאפפערט זיין גאנצע צייט און ענערגיע צו אונזער ארגאניזאציאן אין צייט פון אונזער נע־נעראל סטרייק, און וועלכער האט פיעל מיטגעהאלפען אין ברענגען דעם סטרייק אין דזש. ס. בעקער'ס שאפ צו א סע־טעלמענט.

די קאמיטע וואס איז ערוועהלט גע־ווארען מיט עטליכע וואכען צוריק צו קאנ־פערירען מיט דר. פרייס, דירעקטאר פון דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל גיט אפ א באריכט. דער באריכט ווערט גוט געהייסען.

די פראגע וועגען אריינשיקען א ליסט פון פערזאנען, פון וועלכע אינספעקטארס זאלען אויסגעקליבען ווערען, ווערט אי־בערגעגעבען צו דער קאמיטע פון פינף. ברודער שעהנהאלץ ווערט ערוועהלט צום באארד אוו דירעקטארס פון דער יוניאן קליניק אססאסיאיישאן.

א ספעציעלע מיטינג פון'ם עקז. באארד איז אפגעהאלטען געווארען שבת, דעם 17טען מאי, 1919, אום 2 אוהר נ. מ. אין 16 וועסט 21טע סט. שוועסטער מאלי פריעדמאן, טשערליידי.

די פינפער קאמיטע וואס איז ער־וועהלט געווארען פון'ם עקז. באארד צו מאכען פארבערייטונגען פאר דער פאר־רופונג פון מעמבערס־מיטינגען, אויף וועלכע די רעקאמענדאציעס פון'ם עקז. באארד וועגען העכערען די דיוס און איי־נטריטס־געלדער זאל ראטיפיצירט ווערען, באריכטען דאס דער סעקרעטער האט פאר־געלעגט פאר זיי רעקאמענדאציעס פון'ם אידישען דאון־טאון ברענטש, וועלכע זיי האבען געפאסט דאס ספעציעלע דיסטריקט מיטינגען זאלען גערופען ווערען פון די פארשידענע ביזנעס אידזשענטס צו פאר־האנדלען די רעקאמענדאציעס פון'ם עקז. באארד וועגען העכערען די דיוס און איי־נטריטס־געלדער, אויך וועגען וואהלען. און נאך א געניוע באטראכטונג רעקאמענדירט די פינפער קאמיטע צוריקצואווייזען די רעקאמענדאציעס פון'ם אידישען ברענטש אנגעבענדיג די פאלגענדע גרינדע: אזוי ווי די מאיאריטעט פון די ברענטש מי־טינגען פון דער יוניאן האבען שוין די פראגען פארהאנדעלט, און אויב הער עקז. באארד זאל באשליסען אנצונעמען די רע־קאמענדאציעס פון'ם אידישען ברענטש, וואלט פשוט געהייסען צו איגנארירען די באשליסע פון די אנדערע ברענטשעס. די פינפער קאמיטע שלאגט דאריבער פאר דאס א ספעציעלער מיטינג פון'ם אידישען ברענטש זאל גערופען ווערען פאר דעם קו־מענדען דאנערשטאג אווענט דעם 22טען מאי צו פארהאנדלען דעם טאגעס־ארדנונג וואס איז צום לעצטען מיטינג ניט ער־לעדיגט געווארען.

אויף דער איינלאדונג פון דער קא־מיטע פאר דער פארטיידיגונג פון די אידען פון פוילען, ווערט זיידמאן, שעהנ־האלץ, לייבאוויץ, טייטעלצוויג, הארא־וויץ, וואסיליעווסקיע, גודמאן, דזשייקאב־סאן, רייזבערג און מאלי פריעדמאן ער־וועהלט אלס דעלעגאטען צו פארטרעטען די יוניאן צו דער פראטעסט דעמאנסטרא־ציע אין מעדיסאן סקווער גארדען, וואס ווערט ארגאנזשירט פאר מיטוואך דעם 21טען מאי אלס טרויער־טאג און פרא־טעסט געגען די פוילישע פאגראמען אויף אידען. עס ווערט אויך באשלאסען ארויס־צולאזען אן אויפרוף צו דער אלגעמיינער מעמבערשיפ צו סטאפען פון דער ארבייט מיטוואך דעם 21טען מאי, 1 אוהר נאכ־מיטאג און אנטייל נעמען אין דער פרא־טעסט דעמאנסטראציע.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

דאס וויכטיגסטע היינטיגען זונטאג!

געהט וואו אלע געהען — צום

שלום עליכם יאהרצייט

אין מאנהעטען אפערא הויז

איינצעלהייטען אין „פארווערטס".

שיקאגא'ער נאטיצען

פון ה. סקולמאן.

דעם נאמען שיקאגא האט אונזער שטאדט דערפאר, ווייל דער באדען פון און ארום דיזער שטאדט, איז זעהר גוט פאר זעען ציבעלעס, און אזוי ווי ציבעלעס, רופט מען אין אינדיאניש טשיקעגא, דערפאר האט מען דאס א נאמען געגען „שיקאגא".

איך גלויב אבער, דאס ווען מען וואלט היינט געדארפט זוכען א נאמען פאר דיזע גרעסטע שטאדט אין דער וועלט, וואלט דער נאמען געדארפט זיין „אינדזשאנקשאן", ווייל אין קיין שטאדט אין אמעריקא, ווערט ניט ארויסגעגעבען פון דזשאדזשעס אזוי פיעל אינדזשאנקשאנס, ווי ביי אונז. האבען געסטרייקט ווייסט מאכער, האבען מיר באלד געקראקען א אינדזשאנקשאן. סטרייקען די ווייטערס, דאס זעלבע. סטרייקען די פרינטערס, די טימסטערס, די בעקערס, די סיגאר מאכער, איז באלד דא דער שרעקליכער, דער ברוטאלסטער אונמענשליכער אינדזשאנקשאן, וועלכער פארבאט די סטרייקער צו שטעהן, צו געהן, צו זיצען, צו ליגען, און זאגאר צו דיינקען, וועגען דעם סטרייק. און טאמער טוט איהר ניט ווי מען הייסט, איז באלד פריזאן, איהר זייט אפילו ניט בארעכטיגט, צו קיין דזשורי טריעל, אזוי האט א דזשאדזש, אין דער צייט פון אונזער ווייסט מאכער סטרייק, פאראורטיילט א מיידעל אויף 60 טעג, פאר בלויז אפרופען דורך'ן טעלעפאן א צווייטע מיידעל, בעטענדיג אז זי זאל ניט סקעבען. ביים יעצטיגען מאמענט, זיינען עטליכע און דרייסיג סיגארען מאכער, אנגעקלאגט אין „קאנטעמפט אוו קאורט" פאר — פאר גאר ניט, פאר וועלען קריגען מענשליכע באהאנדלונג און א גרעסערע שטיקעל ברויט, פון דער „פרעפערענציא" סיגאר מאנופעקטשורינג, וועלכע איז א טייל פון דעם באריכטען אמעריקאן טראסט קאמפ.

אבער טראץ אלע אינדזשאנקשאנס און שטרייכלונגען וואס עס ווערען פון אונזערע שטאדט אויטאריטיס אוועקגעלעגט אין דעם וועג פון די ארבייטער, צו געווינען בעסערע באדינגונגען. האלט דאס דאך קיינעם ניט אפ פון סטרייקען. און מיר שיינט אז אין שיקאגא האבען מיר פונקט אזוי פיעל סטרייקס, און אפשר נאך מעהר, ווי אירגענד וועלכע שטאדט אין אמעריקא, און עס וואלט שוין בלעבען געווען צייט, צו רופען דעם „גרויסען סטרייק", און איינמאל פאר אלע מאל אפשאפען דעם אלטען, פארשימעלטען געזעץ, וואס מאכט מעגליך די דזשאדזשעס, אינדזשאנקשאנס ארויסצוגעבען.

די בעקער און מילך דרייווער פון אונזער שטאדט זיינען משוגע געווארען, אזוי אמווייניגסטענס זאגען זייערע בעלי־בתים. הערט נאר איין איינפאל, די בעקערס ווילען אפשאפען נאכט־ארבייט, אנשטאט ארבייטען, ווילען זיי גאר שלאפען! און די מילך דרייווער, ווילען א העכערונג אין שכירות, אויף 9 דאלער א וואך, וועלכע אז מען זאל דאס זיי חס ושלום נאכגעבען, וועלען זיי, די וואס שטעלען אונז צו די מילך פאר אנבייסען, פארדיענען גאנצע 35 דאלער די וואך פון פולע 7 טעג. און לויט די מיינונג פון די „מילך באסעס" איז דאס א צו גרויסער פארדיענסט, און זיי גרייטען זיך צו באקעמפפען זייערע ארבייטער מיט אלע קרעפטען. עס איז קיין פראגע ניט, אז ביידע, די בעקער אזוי גוט ווי די מילך דרייווערס האבען גוטע אייגעפונדעוועטע יוניאנס און זיינען צוגעגרייט צו ענטפערען זייערע באסעס אויף יעדער אטאקע וואס עס וועט אנטקעגען זיי געמאכט ווערען. עס וועט אבער זיין זעהר וויכטיג פאר די סטרייקער, וואס פאר א שטעלונג דאס פובליקום אין אלגעמיין וועט נעהמען אין דיזע סטרייקס, ווייל צופעליג ליידעט דא דאס פובליקום דירעקט, ניט קריגענדיג ברויט און מילך אין צייט. און דער אויסדויער פון עולם, וועט דא זיין פונקט אזוי וויכטיג, ווי דער אויסדויער פון די סטרייקער. לויט די פארזיכערונגען פון די בעאמטע פון דער מילך דרייווער יוניאן, וועלען זייערע מעמבערס צושטעלען מילך, נאר פאר די האספיטעלער און אין עהנליכע נויטיגע פעלע.

עס רודערט זיך א היבשע: בגסעל צווישען די סאציאליסטען ביי אונז אין שיקאגא. וואו איהר קומט, דיזעלבע טעמא, רעכטס אדער לינקס, און מענשען, וועלכע האבען א לעבען לאנג זיך געהאלטען אי רעכטס, אי לינקס, זיינען נעבאך אויף גרויסע צרות, און זיי ווייסען נעבאך ניט וואס צו טאן. מען רעדט עפעס יא פון „א מיטען", פון „סענטריסטען", נאר קיין גרויס פאפולאריטעט האבען זיי ניט. פארשטעהט זיך, אז אונזערע קלאוק מאכער, די וועלכע זיינען סאציאליסטען, און זיי זיינען, א דאנק גאט, דא א היבש ביסעל (כן ירבו), זיינען אלע לינקס. אזוי האבען אונזערע חברה גאנץ שטארק אפלאדירט די לינקע ריכטונג און האבען זיך פארהאלטען גאנץ קאלט צו אלע ארגומענטען פון דעם בארימטען סאציאליסט און ארבייטער לאיער סטעדמאן, וועלכער האט פארטיידיגט די רעכטע. די לייבאר פארטיי אונזערע, שטעהט פון וויטען און באאבאכטעט, און ווי עס שיינט ווארטען זיי אויף דעם ענטשיידענדען מאמענט ווען זיי דיינקען צו האבען אלע אויסזיכטען אריינצוקריגען אין זייער מיטע די „רעכטע" סאציאליסטען, וועלכע, לויט זייער חשבון, וועלען פארלאזען די פארטיי אויב די לינקע וועלען קריגען די אויבערהאנד.

דאס איז געווען דעם 13טען מאי, ווען דורך א „ספעשעל פארווערטס" האבען מיר זיך דערוואוסט, דאס די מעכטיגע קלאדינג מאנופעקטשורערס אסס'ן האט אונטערגעשריבען איין אגרימענט מיט די אמאלגאמייטעד קלאדינג וואירקערס יוניאן. און דער קאמפף וואס האט אנגעהאלטען פאר גאנצע 9 יאהר, איז געקרוינט מיט ערפאלג. און די בלוט פון די געפאלענע קרבנות, קאפער, לאזינסקי, גערעטצקו און די איבעריגע, איז דאך ניט געווען אומזיסט. דארף איך נאך זאגען, אז מיר ווינשען זיי גליק ? דארף איך נאך זאגען, אז מיר פרעהען זיך מיט זייער זיעג ? מיר האפען און גלויבען, אז די גרויסע מעמבערשיפ פון די אמאלגאמייטעד וועט אפהיטען דיזען געווינס, און הויפטזעכליך ניט אפשטעלען נאר געהען ווייטער און ווייטער אין דער זעלבער ריכטונג, מאכענדיג אלץ ברייטער און ברייטער דעם וועג צו דער פאלשטענדיגער באפרייאונג פון די וואס ארבייטען.

עס איז שוין פון לאנג איינגעפירט אין אונזערע שעפער, דאס ווען דער סלעק קומט אן ארבייטען אלע קאאפערייישאן, און וויפיעל געלד מען פארדינט, צוטיילט זיך אלע גלייך. איבערהויפט „ארבייט" דאס זעהר גוט ביי די פרעסערס, וועלכע טיילען זיך מיט די פארדינסטען, גלייך אויף גלייך מיט די אונטער־פרעסערס, האבען זיך אבער צוויי פרעסערס, אין א געוויסען שאפ ארומגעזעהען, אז עס איז ניט „יושר'דיג" אז זיי, די אבער־פרעסער, זאלען זיך אוועקשטעלען אויף דער זעלבער שטופע פון אונטער־פרעסער און געבען זיי דורך דער צייט פון סלעק אויף א לעבען צו מאכען, און זיי האבען פשוט גענומען גנב'ענען „טיקעטס", האבענדיג בדעה אז ווען מען וועט אנפאנגען ארבייטען יעדער פאר זיך, וועלען זיי דאמאלס קאלעקטען די געלד דערפאר. נו, האבען זיך אבער די אונטערפרעסערס געכאפט אז עפעס איז ניט גלאט און האבען וועגען דעם געמאלדען אין דער יוניאן, וועמעס אפיסערס האבען באלד געמאכט א אונטערזוכונג און האבען ענטדעקט די קאנספיראציע, און האבען די גאנצע קייס איבערגעגעבען צו דער גריווענס באארד, וועלכע האט קודם כל „ארעסטירט" די וויידזשעס פון אלע פרעסערס אין דיזען שאפ, און די געלד וועט געהאלטען ווערען ביז וואנען אלעם וועט זיך „אויספרעסען".

היינטיגען זונטאג !

היינטיגען זונטאג טוט זיך אן אין די שענסטע קליידער, ווארפט אראפ פון זיך דעם טרויער און קומט אין מאנהעטען אפערא הויז צום שלום עליכם יאהרצייט. גישט קיין טרויער־אווענט, נאר א פאלקס־יום טוב: א פאלקס יום טוב איז דער, ווען מען קלייבט זיך צוזאמען צו דערמאנען דעם נאמען פון אונזער באליעבטען פאלקס דיכטער שלום עליכם. מען וועט שפילען, זינגען און לאכען ביים שלום עליכם יאהרצייט היינטיגען זונטאג, אין מאנהעטען אפערא הויז. דער אווענט איז אראנזשירט פון די שנארער אסס'ן.

די קאסטאם דרעסמאכער יוניאן לאקאל 90

פון ה. זילבערמאן.

אין אונזער לאקאל איז אפילו ניט פארגעקומען קיין באזונדער גרויסע פאסירונגען, דאך וועט ניט שאדען צו געבען א שטיקעל באריכט.

זינט אונזער לעצטען גענעראל סטרייק, וועלכער האט זיך אויסגעלאזען ניט ווי מיר האבען ערווארטעט, איז ביי אונז ניט פארגעקומען קיין זאך פון א וועלכער עס איז באדייטונג פאר אונזער לאקאל, ניט צום גוטען און ניט צום שלעכטען. אונזערע שעפער, וועלכע מיר האבען יוניאניזירט אין לעצטען גענעראל־סטרייק, זיינען אלע גוטע יוניאן שעפער מיט גוטע יוניאן לייטע אלס ארבייטער און אויך מיט גוטע יוניאן באדינגונגען. דאס איז נאך מעהר אנגעלעגט ווען מען האט אין זינען, אז אונזער לאקאל קאנטראלירט בלויז א קליינעם פראצענט פון טרייד און פאלגליך א קליינעם פראצענט פון די ארבייטער.

און אויך ביי איך וועט זיך שטעלען א פראגע ווי אזוי קען מען אזא יוניאן אנהאלטען ? וועלען מיר דאס ערקלערען מיט דעם וואס די ארבייטער וואס ווערען קאנטראלירט פון אונז, זיינען פאקטיש די בעסטע ארבייטער פון טרייד.

אונזער טרייד באשטעהט פון צוויי באזונדערע קלאסען־ארבייטער, מיט א דריטע וואס איז, אייגענטליך אזוי ענג פארבונדען מיט איינעם פון די צוויי, אז ער פארלירט די רעכט קלאסיפיצירט צו ווערען באזונדער.

צום ביישפיעל: מיר האבען פ י נ י ש ע ר ס, די פינישערס טוען אין דער דרעס אלעס וואס ווערט געטאן מיט דער נידעל, ביים מאשין אדער מיט דער האנט, און מיר האבען אויך ד ר י י פ ע ר ס. א דרייפער מוז זיין א קינסטלערין אין איהר ליין, אז ניט קען זי קיין דרייפער ניט זיין ביי פריוואט דרעסמייקינג. איהר ווערט געגעבען די מאס און די וואארע און דער סטייל, אדער מאדעל, און זי דרייפט אויס די דרעס אויף דער פיגור פון א דאמי.

אין פיעלע פעלע, ספעציעל אין פעלע וואו דער קאסטימער האט ניט קיין קארעקטע פיגור, ווי למשל, צו פעט אדער צו מאגער, א קיילעכדיגע פלייצע, א קורצען אדער א לאנגען שייפ, ווי דער פאל זאל ניט זיין, ווערט אויפגעמאכט א דאמי־דרעס פון ליינינג, ביליגע וואארע, יעם לייגינג האקט מען און בראקט מען אזוי לאנג ביז ער טוט זיך אן אויף דעם ניט - פאלקאמען - געשייפטען קאסטימער. נאך דעם טוט מען אן א דאמי־דרעס אויף א פיגור און מען שטאפט אן דעם לייגינג מיט שמאטעס אזוי אז ער פילט זיך אויס און די פיגור קוקט אויס גענוי ווי דער שייפ פון באטרעפענדען קאסטימער.

דאן ערשט נעמט די דרייפערין די וואארע און מיט פינס פינט זי אויס אויף דער פיגור דעם נויטיגען סטייל. ווען די דרייפערין איז פארטיג, געהט צו די פינישערין און מאכט טעקס אדער בייסטען דארט וואו די דרייפערין האט אריינגעשטעקט פינס. די נאכהענגענדע שטיקער וואארע ווערען אוועקגעשניטען און די דרעס איז פארטיג פאר איהר ערשטען פיטינג. ד. ה., דער קאסטימער קומט און מען טוט איהר אן די דרעס אין איהר רויהער פארם צו זעהן צו די דרעס פאסט ריכטיג אויף איהר פיגור. ווען דער ערשטער פיטינג איז פאראיבער געהט עס צוריק צו דער דרייפער, וועלכע מאכט די סיעמס „פערמאנענט", נאכהער צוריק צו דער דרייפער וועלכע פינט אויס אלערליי באפוצעכצען לויט'ן סטייל, און ווייטער די פינישער שטעכט צו וואו מען דארף און ווייטער קומט דער קאסטימער און מען פיט.

אזוי דרעהט זיך די דרעס צווישען דער פינישער, דרייפער און קאסטימער, ביז זי שטעלט זיך, נאטירליך, אפ ביים קאסטימער, וועלכע באצאהלט גוטע געלד פאר איהר צום באס.

דער פיטער איז אייגענטליך דער דריטער קלאס ארבייטער וואס איך האב דערמאנט. יעדער גוטער דרייפער איז א גוטער פיטער. איינער קען קיין פיטער ניט זיין ביז ער איז ניט קיין גוטער דרייפער.

מען מוז ניט פארגעסען אז די וואס באשטעלען רייכע דרעסעס זיינען ניט קיין „קבצנים" און טראגען מיט זיך ארום לייסענס אויף משוגעת, אדער ווי מען רופט זיי אנדערש, „קרייגקס". און צופרידענצושטעלען די רייכע קרייגקס איז ניט קיין קלייניגקייט: מילא, דארט וואו די בעל הבית'טע איז אליין דער פיטער, פארדרעהט זי זיך איהר אייגענעם קאפ. אבער דארט וואו איינער פון די ארבייטער איז דער פיטער, פאדערט זיך ווירקליך א סך פעהיגקייטען און געדולד אנצוהאלטען דעם פאזישאן.

די יוניאן האט דאס גליק צו קאנטראלירען א סך פון די סאמע פעהיגסטע דרייפערס אדער דרייפער־פיטערס, און אויך פון די סאמע פעהיגסטע פינישער. אזוי אז עס פאסירט אפט אז א באס וועט מורא האבען זיך אנצורייסען מיט דער יוניאן צוליעב איין ארבייטער.

און כאטש עס זיינען פאראן א סך שעפער וואס די יוניאן קאנטראלירט ניט, פון דעסטוועגען האט זי א געוואלדיגען איינפלוס אויף דעם גאנצען טרייד. אזוי למשל, ווען די יוניאן האט געסיינט איהר ערשטען אגרימענט און געפאדערט 52 שטונדען אנשטאט אונבאשטימטע שטונדען (ווייל אמאל איז געווען רעכט אז א מיידעל זאל זיצען ביז 10 אדער 11 א זייגער ביינאכט אויב זי האט באדארפט ארויסענדיגען א דרעס), האט זי איהר פאדערונג געוואונען אין אלע יוניאן שעפער און די ניט־יוניאן שעפער האבען גלייך נאכגעטאן און רעדוצירט די שטונדען. די זעלבע זאך מיט נאכט־ארבייט. האבען די יוניאן ארבייטער געקראגען א שטונדע און א האלב פאר יעדע שטונדע, האבען די ניט־יוניאן שעפער נאכגעטאן דעם ביישפיעל. וואס אנבעלאנגט אבער אין ווייזדשעס, דא האבען די „נאן יוניאן" באסעס זיך ניט געפיהלט געצוואונגען נאכצוטאן די יוניאן־שעפער און האבען זייערע ארבייטער פארדרעהט א קאפ מיט עפישיענסי און נאך אזעלכע געשיכטעס. דער עלעמענט וואס ארבייט אין אט־א־די ניט־יוניאן שעפער באשטעהט מייסטענס פון קריסטליכע ארבייטער אדער אזעלכע, אידישע ארבייטער וועלכע זיינען צופרידען ווען מען נעמט זיי אן פאר קריסטליכע. די ארבייטער אין יענע שעפער געהען ניט יעדען פריהמארגען צו דער ארבייט, נאר זיי געהען צו „ביזנעס". זיי שעמען זיך אנגערופען צו ווערען ארבייטער. און וואס קען נאך אזוי אונטערשטרייכען אז מען איז אן ארבייטער, ווי דער פאקט אז מען באלאנגט צו א יוניאן ? נו, מיידען זיי טאקע אויס צו באלאנגען צו דער יוניאן.

נאר דאך האפען מיר מוט דער צייט צו געווינען יענע ארבייטער אויף אויף אונזער זייט. די פאלגענדע פאסירונג אין איינעם פון די סאמע „אריסטאקראטישע" שעפער ווייזט אז דער יוניאניסטישער געדאנק וועט מיט דער צייט אויך צו זיי דערגרייכען.

די ארבייטער פון יענעם שאפ האבען געוואלט א רעיז אויף זייערע ווויידזשעס. יעדער פון זיי האט געפאדערט און דער באס האט געזאגט „לא מיט א ספאדעק", זיינען זיי זיך צוזאמענגעקומען אין גרענד סענטראל סטיישאן, ניט חלילה פאר א מיטינג, נאר זיך סטאם אויסרעדען זייער ביטער הארץ איינער פאר'ן צווייטען. איינע פון די מיידלעך האט געהערט אז אין יוניאן שעפער אין אזא פאל, שיקט מען א קאמיטע צום באס און אז ער גיט ניט סטרייקט מען. זי האט די מיידלעך ארויסגעזאגט איהרע „זינדיגע" געדאנקען. זיי זיינען אזש דערציטערט געווארען. זיי סטרייקען ! „נאטהינג דואינג".

ענדליך האבען זיי דאך באשלאסען צו שיקען א קאמיטע צום באס און איהם זאגען, גיט ער א רעיז איז גוט, אז ניט, געהען זיי אוועק פון שאפ אלע צוזאמען. דער באס האט זיי אויסגעהערט און האט זיי גוט אויסגע'מוסר'ט. אבער א רעיז האט ער געגעבען און דוקא אלעמען און דוקא וויפיעל זיי האבען געוואלט.

נו, איז דאס ניט א צייכען דער צייט? מיר ווארטען און האפען. נאך אביסעל אנשטרענגונג און לאקאל 90 וועט פארנעמען א בכבוד'יגען פלאץ צווישען די אינטערנעשיאנאל לאקאלס.

קלאוק מאכער אין קליוולאנד גרייט צום קאמפף

פון מ. פערעלשטיין.

איצט „קאנסילט“ זיך ביי אונז אין קליוולאנד. אז אונזערע מאנופעקטשורערס האבען גוואלדיגע קעפּ, ווייסען מיר שוין פון לאנג, אבער אויסצוטראכטען אזא געניאלען פּלאן, האבען מיר זיך אפילו אויף זיי אויך ניט גערעכנט.

גאט האט אונז אין קליוולאנד געבענשט מיט „רעפערים“, דאס הייסט, מיט אזא מין סארט ארביטרייטארס, זיי־נען זיי שוין איינמאל ארביטרייטארס. ארביטריישאן אין אלגעמיין אין יוניאן אנגעלעגענהייטען, איז א זאך פון וועל־כער עס ווידעלט ארום הארצען. איז, אז מען קריגט נאך אזעלכע ארביטרייטארס ווי א בראנדייס, א רושארדוש מעק און נאך אזעלכע, איז נאך צו דערליידען. ווען גאט שטראפט אבער אימיצען און מען קריגט אריין אזא סעט ארביטרייטארס ווי מיר האבען אריינגעקראגען, איז דאס שוין איינמאל א ברכה פון גאט...

עס האט גענומען אונזערע ארביטריי־טארס זעקס מאנאטען צו באשליסען וועגען ווײדזשעס, און עס האט זיי נאכהער גענומען צוויי מאנאטען אומצוווארפען דאס וואס זיי האבען אליין באשלאסען. זיי האבען נאך געהאפט באשליסען וועגען א מאשינערי צו שליכטען דיספּיוטס, האבען זיי דאס ניט געטאן. מיר האבען זיי אויפגעהערט צו בארערען. מיר הא־בען זיי אנגעפאנגען לאזען צורוה, און ווי עס ציינט אוים זיינען זיי דערפון גע־ווען צופריעדען, ווייל נאך אלעמען, וואס געהט זיי אן דער גאנצער עסק? און אלעס איז דוכט זיך אלרייט. האבען מיר אנגעפאנגען צו טאן אונזער ארבייט. און אזוי ווי א „מאשינערי“ צו שליכטען ספסוכים דארף מען דאך פארט האבען, און אזוי ווי ביי לייטען פאנגט מען שוין אן צו ארבייטען 44 שטונדען, ווארום זאלען מיר עפּעס ארבייטען לייננער? הערצו זיינען די לעבענס־מיטלען פאר די לעצטע 8 מאנאטען גאנץ שעהן ארויפגע־שטיגען, כאך חעכער, און ווייטער וויל מען דאך האבען די אנערקענונג פון דער יוניאן אויך, מען איז דאך לעבעדיגע מענשען, מ'דארף דאך דאס האבען, האבען מיר גע־רופען א פאר מיטינגען און מיר האבען אנגעפאנגען צו ריידען וועגען א סטרייק.

איז אונזערע מאנופעקטשורערס איינגעפאלען די הערצער און מען האט אונז אנגעפאנגען רופען „באלשעוויקעס“, וואס מיר קריגען איז אונז ווייניג, ניט נאר געפעהלט אונז ניט די צושטענדע אין די שעפּער נאר אפילו די רעגירונג געפעלט אונז אויך ניט.

אז אונזערע מאנופעקטשורערס זא־גען ליגען האט באוויזען דער פאקט, אז אונזער יוניאן האט געעפענט סקולס צו מאכען די בירגער פון אנדערע לענדער, וועלכע ארבייטען אין אונזער טרייד, פאר בירגער פון דער עקזיסטירענדער רעגירונג אין אמעריקא און ניט פון א סאוויעט רע־גירונג. די צייטונגען האבען אונז אפּלא־דירט און די מאנופעקטשורערס האבען געקריצט מיט די ציינער.

סטרייקס, בעסערע צושטענדע אין די שעפּער, גרעסערע פארדינסטען, — האבען מיר נאך אנגעפאנגען צו שרייען העכער ווי בעפאר. יעצט, אלס בירגער פון דעם לאנד, האבען מיר דאך א רעכט צו האבען, אויב ניט קיין אטאמאבילס, ווי אונזערע פאטריאטישע מאנופעקטשורערס, איז כאטש גענוג אויף קאר־פעיר צו פארען מיט דער קאר צו דער ארבייט.

די מאנופעקטשורערס האבען זיך ארומגעזעהן, אז די מעשה ווערט ער־נער, אז מיט שרייען „באלשעוויקעס“, וועט זיי נאר ניט העלפען. האבען זיי אנגעפאנגען ארבייטען אין דעם געשעפט גאר פון אן אנדער ריכטונג.

ווי עס שיינט האבען זיי אונטער־געטריבען דעם באארד אוו רעפערים פאר־טיג צו מאכען די לאנג־פארשפּראכענע „מאשינערי“. זיי האבען אודאי געמיינט, די גרויסע דיפּלאמאטען, אז דאס וועט האבען די ווירקונג אפּצושטעלען די סטרייק־באוועגונג.

אבער ווי איהר ווייסט שוין פון לעצ־טען נומער „גערעכטיגקייט“, האבען אונ־זערע ארבייטער צוריקגעוויזען די מעכא־נאציע אזוי גיך ווי די באסעס האבען דאס פארטיילט אין די שעפּער. דיזע מאכענאציע איז אזא אומגעלומפּערטע שטיקעל ארבייט, אז דאס האט די ארביי־טער נאך מעהר דערצערנט. דאס האט לע־האט פונקט א פארקערטע ווירקונג און די באוועגונג פאר א סטרייק אין שטארקער געווארען. ווען דיזע שורות ווערען געשרי־בען, האבען שוין די ארבייטער באלאטס און זיי שטימען שוין אויב מען זאל סטרייקען און וועגען די פאדערונגען וואס זאלען ארויסגעשטעלט ווערען.

איך וועל דא אויך איבערגעבען אין קורצען דעם תמצית פון דער נארישער מאכענאציע וואס די באסעס האבען פאר־טיילט אין נאמען פון דעם באארד אוו רעפערים און איהר וועט זעהן וויפיעל שכל עס האבען די קלאוק באסעס אין קליוולאנד וואס האבען אפילו גאר גע־קאנט מיינען, אז דאס וועט איינשטילען די ארבייטער.

גלייך ביים אנפאנג ווערט געגעבען אנצוהערעניש, דאס אזוי ווי דער קאסט פון לעבענס־מיטלען „איז געווארען ביליי־גער“, וואלטען זיי געדארפט די ווײדזשעס רעדוצירען. זיי ווילען דאס אבער דער־ווייל ניט טאן, אבער פון קיין העכערונג אין די ווײדזשעס טארען גאר די ארביי־טער אפילו ניט חלום'ען. צווייטענס, ער־קלערען זיי, אז די זעלבע ווײדזשעס דאר־פען פארבלייבען אין קראפט ביז 6 מא־נאטען נאכדעם ווי די שלום טריטי וועט געסיינט ווערען, און דאן וועט מען זעהן. ווי עס ציינט אוים נאך דער שפּראך הא־בען זיי אין זינען די ווײדזשעס דאן צו רעדוצירען.

צווייטענס וועגען דער מאשינערי. די ארבייטער פון יעדען שאפּ זאלען האבען א קאנסיל. דער קאנסיל זאל ערוויילט ווערען אויף דעם פאלגענדען אופן: פריהער זאל דער באס מאכען נאמיניי־שאנס און די ארבייטער זאלען אין שאפּ ערוועהלען איין עלעקשאן קאמיטע.

קיין איינער וועלכער עס ארבייט ווייניגער ווי א יאהר קען זיין א מעמ־בער פון דער עלעקשאן קאמיטע אדער קאנסיל.

און דיזע עלעקשאן קאמיטע דארף דאס ערוועהלט ווערען אלס א קאנסיל.

דער שאפּ־קאונסיל דארף באשטעהן פון ניט ווייניגער ווי 5 פערזאן. און די ארבייטער אין יעדער דעפּארטמענט פון שאפּ דארפען דאס ערוועהלען זייערע פאר־טרעטער.

די נאמינישאנס, עלעקשאנס, א. ז. וו. מוזען געהאלטען ווערען אין שאפּ.

דיזער קאנסיל מוז מיטען אין שאפּ, און האבען דאס רעכט [illegible] דער פירמע אלעס וואס האט ער [illegible] סים'ן וועלפעיר און געזונד פון די [illegible] ביימער א. ז. וו.

דער קאנסיל אליין מעג אויך אויסנע־מען פראגען פאר דער וואהל און בעסטען פון דער פעקטארי, ווי צו ארבייטען מינער ארבייט אדער זאכען וואס קענען בריי־נגען בעסערע באציהונגען צווישען באס און ארבייטער.

דער קאנסיל דארף אויך זעהן צו פארהיטען אז אין שאפּ זאלען ניט פאר־קומען קיינע דעספּיוטס, א. ז. וו.

ווען אן ארבייטער האט א קאמפּליינט, דארף ער פריהער געהן צום פארמאן, נאכהער קען ער געהן צום סופּעראינטענ־דענט, ווען ער איז אלץ ניט צופריעדען, מעג ער געהן צו זיין פארטרעטער, דער פארטרעטער דארף נאכהער געהן מיט דעם קאמפּליינט צום פארמאן, נאכהער צום סופּעראינטענדענט, און אויב עס איז נאך אלץ ניט גענוג, קען דיזער קאמפּליינט אויסגענומען ווערען ביי א קאנסיל מי־טינג. דער קאנסיל דארף נאכהער איבער־שיקען זייער באשלוס וועלכעס איז א רע־קאמענדיישאן, וועגען דעם קאמפּליינט, שריפטליך צו דער פירמא. די פירמא דארף נאכהער דעם קאמפּליינט אונטערזו־כען און אריינשיקען דעם באשלוס פון דער פירמא שריפטליך צו דעם קאנסיל... דאס אלעס.

אין דער פראגע פון דיסטשארדזש

„פייקערס און בלאפערס“

(א באגעגנעש).

פון ל. פינקעלשטיין.

מיט א פאר טעג צוריק האב איך באגעגנט אן אלטען „פריינד“, וועלכען איך האב שוין ניט געזעהן אודאי א יאהר צעהן, צוועלף.

אמאל איז ער געווען א גענאסע, איז טעטיג געווען אין דער ארבייטער־באווע־גונג, און דעמאלט האבען מיר זיך ביידע באפריינדעט.

היינט איז ער א קלאוק מאנופעק־טשורער און א מיטגליעד פון דער פּראָ־טעקטיוו אססאסיאיישאן.

אז ער באלאנגט ניט מעהר צום אר־בייטער־קלאס, פאר וועלכען ער האט אמאל געקעמפט, האב איך גלייך בא־מערקט ווען אפילו ער וואלט דאס מיר ניט געזאגט. ער זעהט שוין יעצט גאר אנדערש אוים ווי ער האט אמאל אויסגע־זעהען, איז שענער און בעסער אנגעטאן, איז באהאנגען מיט דזשולערי און אין זיין שניפּס־טוך בלישטשעט א גרויסע דימענטענע פין.

אבער פאר די פילע יאהרען, וואס מיר האבען זיך ניט באגעגנט, האט ער זיך שטארק געענדערט ניט בלויז אויסער־ליך, נאר אויך אינערליך. זיין גאנצער „איך“ איז געווארען גאנץ אנדערש, ווי ער איז געווען אמאל, ווען ער איז געווען אין דער באוועגונג. און אויך דאס האב איך גלייך באמערקט, נאך איידער ער האט זיך שטארק צורעדט מיט מיר.

אבער ניט דאס בין איך אויסען דא איצט צו דערצעהלען.

דערהערענדיג אז ער, מיין אמאלי־גער פריינד, איז א קלאוק מאנופעקטשו־רער און נאך א מעמבער פון דער פּראָ־טעקטיוו אססאסיאיישאן דערצו, האב איך באשלאסען זיך באנוצען מיט דער געלעג־נענהייט צו כאפּען מיט איהם א שמועס וועגען דער קלאוקס־סיטואציע, וואס אינ־טערעסירט איצט אזוי פיעל טויזענדע מענשען.

אויף מיין פראגע אויב ביי איהם אין שאפּ סטרייקט מען אויך, האט ער געענט־פערט:

— וואס דען? איך בין דען עפּעס ביי זיי א יחסן?

און ער האט פאר מיר אויסדער־צעהלט זיין שווער, ביטער הארץ.

קודם כל, האט ער מיר געוואלט „איבערצייגען“, אז סטרייקס בכלל זיינען „א גרויס אומגליק“ און „רואינירען“ די אינדוסטריע. דאס זיי פארטרייבען דעם טרייד פון ניו יארק און אז דערפון ליידען די ארבייטער פונקט אזוי גוט ווי די בעלי בתים.

סטרייקס, — האט ער ערקלערט, — זיינען שעדליך און, ברענגען א פארלוסט פאר'ן באס און פאר'ן ארבייטער.

אויב אזוי, רוף איך זיך אפּ, אויב איהר פארשטעהט אזוי גוט די לאגע, טו ווארום לאזט איהר צו עס זאל קומען צו א סטרייק? ווארום זעהט איהר ניט דאס צו פארמיידען?

פילא, רעד איך ווייטער, ווען איהר וואלט כמעט געהאט אירגענד ווען בע־פאר געוואונען א סטרייק געגען דער קלאוק מאכער יוניאן וואלט איהר נאך אפשר קענען האפען, טאמער וועט איהר דעם סטרייק אויך געווינען. איהר ווייסט דאך אבער, אז די קלאוק מאכער זיינען גוטע קעמפער און האבען זייערע סטרייקס אימער געוואונען; איהר האט שוין געמענט וויסען, רעד איך ווייטער, דאס די קלאוק מאכער זיינען גוט ארגא־ניזירט, דאס זיי זיינען גוטע יוניאן לייט און נאך בעסערע סטרייקער, טו ווארום האט איהר ווידער דערלאזען עס זאל קומען צו א סטרייק?

מיינע לעצטע ווערטער האבען איהם פשוט אנגעצונדען און ער האט גענומען אויף גיך רעדען, פאר פייער און פאר וואסער. איך האב הפנים אנגעריהרט ביי איהם דעם שוואכען פונקט און ער האט אזש געברענט פון צארן.

— די סוואלאטשעס, די ארבייטער, אייערע גוטע יוניאן לייט, — האט ער סארקאסטיש אויסגעשריען, — האבען אונז שוין דאס צווייטע מאל אפּגענארט! זיי, — מאכט ער, — אייערע גוטע יוניאן לייט זיינען שולדיג אין דעם היינטיגען סטרייק, פונקט ווי זיי זיינען שולדיג גע־ווען אין דעם סטרייק אין יאהר 1916. אייערע ארבייטער האבען אונז דעמאלט אפּגעבלאפט און דאסזעלביגע אויך היינט מיט דעם סטרייק!

— וואס מיינט איהר? — רוף איך אוים, ניט באפּענדיג וואס ער מיינט. — מיט וואס האבען די ארבייטער אייך אפּ־געבלאפט? צי דען האבען די ארבייטער אייך צוגעזאגט ניט צו סטרייקען און נאכדעם זיינען זיי ארונטער אין סטרייק?

— אט, אט, — שרייט ער אוים, — אט דאס איז דאס טאקע. איהר ווייסט גאר ניט, — מאכט ער, — וואס'ארא פייקער אייערע ארבייטער זיינען...

און דא האט ער מיר דערצעהלט די פאלגענדע, הארצרייסענדע געשיכטע.

אין יאהר 1916, איידער די קלאוק־מאנופעקטשורער האבען געמאכט דעם לאקאוט, איידער זיי האבען אוועקגע־שיקט אלע ארבייטער און צוגעשלאסען די שעפּער, וועלענדיג דורך דעם פארניכ־טען די יוניאן „אויף אייביג“, האבען זיי אלע, דאס הייסט, יעדער באס באזונדער, געפרעגט ביי די ארבייטער פון זייער שאפּ אויב זיי קערען ווירקליך פאר דער יוניאן, און, זאגט ער, דאס רוב האבען די אר־בייטער גאנץ נאאיוו געענטפערט; „וואס דארפען מיר א יוניאן? מיר דארפען בלויז א לעבען מאכען, — דאס איז אלץ!“

אט אזוי, — זאגט ער, — האבען דעמאלט אונז געענטפערט אייערע קלאוק־מאכער און מיר האבען געמיינט אז זיי מיינען דאס טאקע.

ער איז ווידער אמאל שטארק בעז געווארען און אויסגעשריען:

„אזעלכע פייקערס! מיר האבען געשטעלט אויף זייערע ווערטער און צו־געשלאסען די שעפּער, זייענדיג זיכער, דאס ווי באלד מיר וועלען נאר ווידער אויפמאכען די שעפּער און שיקען זיי רופען צו דער ארבייט וועלען זיי אלע באלד צוריק קומען. אבער וואס ס'איז דעמאלט פארגעקומען ווייסט איהר דאך, די חברה־לייט זיינען אפּגעזעסען אין די האלס איבער צוועלף וואכען, מיר האבען געהאל־טען אין איין שיקען צו זיי געדרוקטע בריוועלעך זיי זאלען צוריקקומען צו דער ארבייט, אבער זיי האבען זיך ניט גע־ריהרט פון ארט! און די בלאפער זיינען ניט צוריקגעקומען ארבייטען, ביז מיר האבען ווידער געמוזט מאכען אן אגרי־מענט מיט דער יוניאן וועלכע מיר הא־בען געוואלט פארניכטען. עס האט אונז אפּגעקאסט א סך האב און גוטס און צום סוף זיינען מיר געבליבען די נאראנים“.

— מילא זאג איך, וואס ס'איז דער־מאלט געווען איז שוין לאנג פאראיבער. אבער מיט וואס האבען די ארבייטער אייך דעם מאל געבלאפט? דאכט זיך פאר וואכען און וואכען האט מען זיך גאנץ אפען געגרייט צו א סטרייק און איהר האט געקענט גאנץ גוט זעהן, דאס אי די יוניאן, אי די ארבייטער זיינען גע־ווען גאנץ ערנסט מיט זייערע פאדערונ־גען.

— ניט אמת! — האט ער אויס־געשריען, — די ארבייטער האבען דעם מאל אונז ווידער געבלאפט...

— מיט וואס האבען זיי אייך דעם מאל געבלאפט? — פרעג איך טשיקאווע.

— ווי איהר ווייסט, — מאכט ער, — איז דאך די הויפּט אישיו אין דעם סטרייק וואך־ארבייט. ווען די יוניאן האט גענו־מען רעדען, אז זי וועט רופען א סטרייק פאר וואך־ארבייט, האבען מיר, — זאגט ער, — ווי געוועהנליך גענומען טאפּען דעם דופק ביי די ארבייטער, מיר האבען געוואלט וויסען וואס זיי דענקען דערפון, כדי מיר זאלען וויסען ווי צו האנדלען. האבען די חברה־לייט, אייערע צאצקעדי־גע ארבייטער, אונז ווידער פארפיהרט, אונז ווייטער אפּגענארט.

— מיט וואס?

— אט וועט איהר באלד הערען. וועלכען קלאוקמאכער א באס האט פאר־ביינעהענדיג א פרעג געטאן, צי וועט ער געהן סטרייקען פאר וואך־ארבייט, האט ער געענטפערט: „ווייס איך וואס! ווער וועט עס געהן סטרייקען פאר וואך־ארבייט, ווער?... וואס פעלט אונז דען אונטער שטיק ארבייט?“ — האבען מאנ־כע נאך צוגעזעצט. — האבען מיר זיך געטראכט: זאל זיך די יוניאן נאריש מאכען און רופען א סטרייק פאר וואך־ארבייט, ווער וועט איהר דען הערען? זאגען דאך די ארבייטער אליין אז זיי ווילען גאר ניט קיין וואך־ארבייט... אבער וואס איז דער רעזולטאט? די יוניאן האט געגעבען דעם רוף און ניט איין ארבייטער אפילו איז פארבליבען אין שאפּ!

„אזעלכע בלאפערס! אזעלכע פייקערס“, — האט ער מיט גרוים פארענדיגט.

דער קריזיס און זיינע אורזאכען

פון א. ש. זאקס

דריטער קאפיטעל.

פיעל ריכטיגער איז די מיינונג פון יענע עקאנאמיסטען, וועלכע זעהן די ערשטע אורזאך פון א קריזיס אין דעם, וואס די פ ר א ד ו ק צ י ע איז ניט ארגאניזירט, וואס עס איז ניט פאראן א ווילען, וואס זאל אויפפאסען, אז די פארשידענע פראדוקציאנס־צווייגע זאלען זיין אין הסכם איינע מיט די אנדערע. אויב די פראדוקציע וואלט זיין ארגאניזירט לויט א געוויסען פלאן, מיט א סדר, אויב דער מארק וואלט ניט געווען א בלינדע קראפט, און וואלט געהאט א קלארען חשבון פון דערנאכפראגע און די מ א כ ט איינצוארדנען הארמאניש די פארשידענע קאפיטאלען און ארבייטער אין דער פראדוקציע, טא וואלט ניט קיין אונטער קאנסומפציע און ניט די צירקולאציע קיין קריזיסען ניט ארויסרופען. די גאנצע צרה איז, וואס די פראדוקציע איז ניט פראפארציאנעל ארגאניזירט. וואס זי ליגט אין די הענד פון'ם אינדיווידועלען איינצעלאונטערנעהמער, וועלכער איז דער יסוד פון דער איצטיגער ווירטשאפט.

די פרייע קאפיטאלען האבען די טבע צו שטרעמען דארטען, וואו עס עפענט זיך א גרויסע נאכפראגע, א נאכפראגע, וואס איז גרעסער, ווי געוועהנליך. די איינציגע אונטערנעהמער קאנקורירען צווישען זיך, ווייסען ניט איינער פון אנדערן. קוים עפענט זיך א געוויסער ארט אדער א געוויסער סארט פראדוקציע, וואו מען קען מאכען געלד, געבען זיך דארטען א לאז די קאפיטאליסטען. אזוי אבער ווי זיי ווייסען ניט גענוי, וויפיעל קאפיטאלען עס פאדערט זיך, טא מוז, פארשטעהט זיך, קומען צו אן אונארדנונג. אזוי ווי א מעגליכקייט צו נייע פראדוקציאנס צווייגען איז תמיד פאראן, טא מוז שטענדיג זיין א לויפעניש, א יאגעניש נאך די גליקען ביז וואנעט עס שטעלט זיך מיט אמאל אפ. דערמיט ערקלערט זיך, וואס מיר האבען אדער פראספעריטעט אדער א קריזיס.

לאמיר דאס זעהן אביסעל בולט'ר.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 23, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

צוליב דער מלחמה האט זיך געעפענט א נייער ארט, וואו מען האט געקענט מאכען געלד. עס האבען זיך געעפענט גוט באצאהלטע אמוניציאנס פאבריקען. אלע, וועלכע האבען נאר געהאט געלד, האבען עס אריינגעברעקעלט אין די פאבריקען, געקויפט אקציעס און אנדערע ווערטהפאפירען, וואס האבען געהאט א שייכות מיט די פאבריקען גופא, אדער מיט די נאהנטע אינדוסטריען, ווי אייזען, שטאל, קופער א. א. וו. עס איז געווארען א בהלה אויף דער בערזע, אן אויסכאפעניש אויף זיי. דאס האט פארגרעסערט די ספעקולאציעס. וואו נאר עס איז געווען מעגליך האבען זיך צוזאמענגעלייגט איינינע אונטערנעהמער און געעפענט אן אמוניציאנס־פאבריק, אדער האבען אנגעפאנגען צו האנדלען מיט מעטאלען. די פאבריקען דארפען האבען ארבייטער. איז געווארען אויף זיי א נאכפראגע. האט מען געצאהלט הויכע שכירות. א פעקטארי דארף אויך האבען רויהע מאטעריאל, קוילען, האלץ, גאז א. אז. וו. איז געווארען אן אויפלעבונג אין אט די אלע צווייגען. די קאפיטאליסטען האבען אפגעגעבען זייערע פריהערדיגע געשעפטען און זיינען געווארען פאבריקאנטען, אדער אקציאנערען פון די נייע אויפגעלעבטע אינדוסטריען. די ארבייטער האבען זיך דארטען באזעצט און האבען אויסגעמאכט פארהעלטנישמעסיג ניט שלעכט. אז די ארבייטער האבען גוט פארדיענט, האבען די קרעמער מיט עסענווארג, קליידער און אנדערע נויטווענדיגע חיונה ארטיקלען, גוט געלייזט און האבען געזוכט צו האבען מעהר סחורות פאר די ארבייטער. אלע סחורות זיינען געווארען חריף. אססאסיאיישאן פאפירען אויף דער בערזע האבען געליטען. פיעלע אינדוסטריעס זיינען צוליעב דעם געווארען אפגעשוואכט, ווייל אי די קאפיטאלען, אי די ארבייטער האבען זיך אפגעגעבען צו דער אמוניציאנס אינדוסטריע. נו, האט זיך די מלחמה אפגעשטעלט, האבען זיך מיט אמאל אפגעשטעלט די אמוניציאנס פאבריקען, זיינען אפגעזאגט געווארען די ארבייטער, האבען זיי ניט געהאט מיט וואס צו קויפען ביים קרעמער פון די לעבענס־מיטלען, זיינען אלע עסענווארג, קליידער און אז. וו. געבליבען אומפארקויפט. האבען זיי ניט געקענט נאכקומען זייערע צאהלונגען, האבען זיך אנגעפאנגען באנקראטען נאך באנקראטען — א קריזיס.

מיט דעם אפשטעלען פון די אמוניציאנס פאבריקען זיינען געפאלען די אקציעס. א סך, וועלכע האבען אריינגעלעגט זייערע קאפיטאלען אין דעם, זיינען אין גאנצען געבראכען געווארען. אנדערע גרעסערע קאפיטאליסטען האבען אנגעווארען א סך געלד. די באנקען גופא הערען אויף צו טרויען. עס איז א קריזיס. וואלט געווען אן ארגאניזאטאר, וואס וואלט אויפגעפאסט, אז גלייך ווי נאר די אמוניציאנס פאבריקען פארמאכען זיך, זאלען אלע קאפיטאלען תיכף איבערגעהן צו אנדערע אונטערנעהמונגען, וואו עס זאלען אויסגעארבייט ווערען זאכען פאר א פריעדענס־צייט, וואלט די מהומה ניט זיין אזוי גרויס. דעם ארגאניזאטאר פעהלט אבער, און אלץ ווערט געטאן בלינדערהייד, טא איז זעלבסטפארשטענדליך, אז ס'מוז קומען א צוטרייסלונג אינ'ם עקאנאמישען לעבען.

די פראספעריטי איז געקומען, ווייל די קאפיטאלען האבען אנגעפאנגען צו פליסען אין די נייע אינדוסטרי — אין די אמוניציאנס אינדוסטרי, דער קריזיס האט געמוזט קומען גלייך ווי די אמוניציאנס־אינדוסטרי האט זיך אפגעשטעלט.

מיר האבען גענומען א ביישפיעל גראד פון דער אמוניציאנס אינדוסטרי, ווייל מיר האבען זי איצט פאר אונזערע אויגען. זי איז אבער נאך ניט איינגאנצען כאראקטעריסטיש צו אילוסטרירען די קריזיסען. די אלע, וועלכע זיינען געווען פאראינטערעסירט אין דער פראדוקציע פון וואפען, האבען לכל הפחות געוואוסט, אז מיט דעם סוף פון דער מלחמה מוז זיך די פראספעריטי ענדיגען, און מען איז געווען פארבערייטעט דערצו, מען האט אריינגעלעגט געלט מיט גרויס פארזיכטיגקייט. ביים איבערגאנג פון מלחמה צו פרידענס אינדוסטריען פאסט די רעגירונג אויף עס זאל פארקומען ווי ווייט מעגליך מיט א געוויסער ארדנונג און עס פיהלט זיך די שארפקייט פון א קריזיס.

* * *

לאמיר נעמען נאך א אילוסטראציע.

אין א געוויסען געגענד האט מען אנגעפאנגען צו בויען אן אייזענבאהן. די פרייע קאפיטאלען פאנגען דארטען אן צו שטרעמען. אום צו בויען אן אייזענבאהן זיינען נויטיג רעלסען, בוי־מאטעריאלען, וואוינונגען און קראמען פאר די ארבייטער א. אז. וו. עס ווערט אן אנפראגע אויף אט די אלע זאכען. עס קומט אן אויפלעבונג. דיזע אויפלעבונג פארשפרייט זיך אויף אלץ נייע צווייגען פון דער אינדוסטרי. אום פארטיג צו מאכען די רעלסען איז נויטיג שטיינקוילען, אום צו בויען לאקאמאטיווען זיינען נויטיג ספעציעלע מאשינען. דער אמפעט פון ווירטשאפטליכען לעבען ווערט אלץ געשטיגען און אלע אונטערנעהמער לעבען מיט דער האפנונג צו מאכען גרויסע פראפיטען. דאס בויען פון אייזענבאהן ענדיגט זיך. עס שטעלט זיך אפ די נאכפראגע אויף אלע דערמאנטע זאכען. וואלט געווען אן ארגאניזאטאר, וואלט ער גלייך געזעהן, אז די אלע פראדוציאנס צווייגען, וועלכע זיינען געווען באשעפטיגט צו שאפען מאטעריאלען פאר'ן אייזענבאהן, זאלען זיך אפשטעלען און די פריי געווארענע קאפיטאלען און ארבייטער זאלען איבערגעהן אויף אנאנדער ארט — לאמיר זאגען — צו שאפען פראדוקטען פאר'ן טראנספארט. אזוי אבער ווי עס פעהלט אן ארגאניזאטאר, טא פראדוצירען די מאשינען־פאבריקען, די קוילען־מינעס א. ז. וו., אלץ ווייטער פראדוקטען צו בויען דעם אייזענבאהן, אבער ניט פאר'ן טראנספארט. די נאכפראגע אויף די בוימאטעריאלען זינקט. אויפ'ן מארק איז פאראן אן איבערשוס פון סחורות, אן איבערפראדוקציע — א קריזיס מיט אלע זיינע באגלייטער.

די אונטערקאנסומאציע, דאס וואס די ארבייטער קריגען ניט קיין שכירות אין קענען ניט קויפען די לעבענס מיטעל, וואס עס איז פאר זיי געווארען אנגעגרייט, פארשטארקט אלץ און פארשארפט דעם קריזיס. זי איז אבער, לויט דיזער טעאריע, ניט די ערשטע אורזאך, פונקט ווי דער אונטערגעגראבענער קרעדיט איז ניט די ערשטע אורזאך, זי איז א רעזולטאט פון דער איבערפראדוקציע.

די ביישפיעלען, וואס מיר האבען דא געבראכט, ווייזען אויך, אז די אורזאך פון א קריזיס איז ניט אן אלגעמיינע איבערפראדוקציע, נאר א ט י י ל ו ו י י ז ע איבערפראדוקציע, אן איבערפראדוקציע אין איין אדער איינינע צווייגען. אן אלגעמיינע איבערפראדוקציע — מיינט טוגאן באראנאווסקי — קען ניט ארויסרופען א קריזיס, פונקט אזוי ווי אן איבערשוס אין לעבענס מיטלען קען ניט זיין די אורזאך פון א הונגער. דערמיט אונטערשיידעט זיך אויך טוגאן באראנאווסקי, פון דער ענגעלס־מארקסיסטישער קריזיס טעאריע. לויט מארקס און ענגעלס איז אן א ל ג ע מ י י נ ע איבערפראדוקציע די אורזאך פון א קריזיס, לויט טוגאן באראנאווסקי'ס טעאריע איז א ט י י ל ו ו י י ז ע איבערפראדוקציע די אורזאך פון א קריזיס.

מיר וועלען נאך אויך באמערקען, אז די טעאריען, וואס מיר האבען דא ענטוויקעלט, איז נאר בנוגע די פ ע ר י א ד י ש ע קריזיסען, די קריזיסען, וואס קומען רעגעלמעסיג נאך א באשטימטער צייט. די אורזאכען פון אט די פעריאדישע קריזיסען ליגען אין דער נאטור פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט און זיי קומען פאר, ווען אפילו עס זאלטען ניט זיין קיין אויסערארדענטליכע פאסירונגען. דיזע אורזאכען זיינען שטעדיג א ווירקענדע, און במילא האבען מיר דעם ש ט ע נ ד י ג ע ן איבערגאנג פון אן אויפלעבונג צו א קריזיס.

אויסער די ש ט ע נ ד י ג, אונאויפהערליך ווירקענדע אורזאכען זיינען אבער פאראן צופעליגע פאסירונגען, וואס רופען ארויס א קריזיס. אזוינע קריזיסען וואלטען מיר אנרופען א ו י ס ע ר א ר ד ע נ ט ל י כ ע אים געגענזאץ צו די געוועהנליכע, וואס קענען באצייטענס ווערען אלס א ר ד ע נ ט ל י כ ע קריזיסען.

אן אויסערארדענטליכער קריזיס קען ארויסגערופען ווערען דורך א שלעכטען שניט, דורך א מלחמה, דורך אן עפידעמיע, דורך אן אפהאלט צו קריגען רויהע מאטעריאלען אזוי ווי עס איז געווען דער פאל אין די זיבעציגער יאהרען פון פארייגען יאהרהונדערט אין ענגלאנד. עס איז דעמאלט ענטשטאנען א קריזיס אין דער טעקסטיל אינדוסטרי, ווייל מען האט ניט געקענט קריגען בוימוואהל פון נארטה אמעריקא. אזא קריזיס קען ארויסגערופען ווערען ניט ווייל עס איז א זול אויף סחורות, נאר פארקעהרט, ווייל זיי זיינען צו טייער. עס לוינט ניט צו צאהלען צו גרויסע פרייזען פאר רויהע מאטעריאל און די אינדוסטרי שטעלט זיך צוליעב דעם אפ.

אזוינע קריזיסען קענען יא פארקומען און קענען ניט פארקומען. מיר ריידען אבער פון די קריזיסען, וועלכע קומען שטענדיג פאר, אפילו ווען קיין אויסערגעוועהנליכע פאסירונגען רופען זיי ניט ארויס. אט די ארדענטליכע, נאטירליכע, פון צייט צו צייט זיך ווידערהאלענדע קריזיסען זיינען א רעזולטאט פון דער טיילווייזער איבערפראדוקציע.

חזר'ן מיר איבער בקיצור ווי אזוי א פעריאדישער קריזיס קומט. א קריזיס איז ניט א רעזולטאט פון דער אונטערקאנסומאציע, ניט פון אן אפהאלט אין דער צירקולאציע, נאר פון דעם, וואס די נאציאנאלע פראדוקציע ליגט אין די הענד פון אינדיווידומען און איז ניט גוט ארגאניזירט. צוליעב דעם, וואס די פארשיידענע צווייגען פון דער פראדוקציע זיינען ניט פראפארציאנעל ארגאניזירט, מוז פון צייט צו צייט קומען א שטערענים. די שטערענים קומט אפריהער פון א טיילווייזער איבערפראדוקציע, אין איין צווייג פון דער פראדוקציע. דער שטילשטאנד אין אט דעם צווייג איז אימשטאנד צו פארלאנזאמען אדער איינגאנצען אפצוהאלטען דעם גאנג פון אנדערע אינדוסטרי צווייגען, ווייל אלע צווייגען פון דער פראדוקציע זיינען צווישען זיך פארפלאכטען און פארבונדען. א שטילשטאנד אין עטליכע צווייגען פון דער פראדוקציע רופט ארויס ארבייטסלאזיגקייט, נידעריגע שכירות, א פארקלענערונג פון דער קויפקראפט און אן אונטערקאנסומאציע. א דאנק דער אונטערקאנסומאציע שטעלען זיך אפ אויך יענע צווייגען וועלכע פראדוצירען געברויכסמיטלען. עס ווערט אן איבערפראדוקציע אויף אלע סחורות. דער קרעדיט ווערט איינגאנצען אונטערגעבראכען. דער קריזיס ווערט קאמפליצירטער, שפרייט זיך אוים אויך אין אלע אנדערע לענדער און ער ווערט א קוואל פון צרות.

איז די ניט־ארגאניזירטקייט, די אנארכיע אין עקאנאמישען לעבען די אורזאך פון דער קריזיס־קראנקהייט, טא באשטעהט די רפואה זיינע אין'ם באזייטיגען די אורזאך, אין'ם אפשאפען דעם איינצעלאונטערנעמער, אין זיינפיהרען, אז אלע צווייגען פון עקאנאמישען לעבען זאלען קאנצענטרירט ווערען.

דאס מיינט סאציאליזם.

איטאליענער *)

פון נפתלי גראס.

דרויסען איז א ווארמער ווינטער טאג.
איך זיץ א רוהיגער ביים פענסטער
און זעה:
אנטקעגענאיבער אין דער גאס
גראבט מען, בויט מען און מען מויערט.
ברוינע און פארשווארצטע איטאליענער
אין צעריסענע, בלויע און געלע
ארבייט קליידער און אין פארטיכער
שלעפען גרויסע, גרויע, שווערע שטיינער:
מען לייגט דעם פונדאמענט.
דער אינזשעניר
באפעהלט און רעדט און ווייזט אן דא און דארט.
(עס ווערט קיין ציגעל ניט פון ארט געריהרט
אהן עמיצענס באפעהל).
און די ברוינע און פארשווארצטע איטאליענער
רויכערען די ליולקעס, ארבייטען און שווייגען.
שווייגען, טראגענדיג אין זיך פארבארגען
די בייגקשאפט צו דעם זוניגען און ווארמען זומערלאנד.

ערגעץ, אין דעם זוניגען און ווארמען זומערלאנד
ווארטען פעלדער ניט צעאקערטע,
ווארטען, גליהענדיג פון רייפקייט,
ווייטע פאמעראנצען־גערטנער;
אפשר ווארט אויך דארט א ווארעם הארץ,
וואס בלוטיגט שטיל פון בייגקשאפט
אויף די ברוינע און פארשווארצטע איטאליענער
אין צעריסענע, בלויע און געלע
ארבייט קליידער און אין פארטיכער,
וואס שלעפען גרויסע, גרויע און שווערע שטיינער
בויענדיג פאר פרעמדע אין דעם פרעמדען לאנד,
רויכערען די ליולקעס
און שווייגען.

*) איבערגעדרוקט פון נומער 16 „גערעכטיגקייט", וואס איז פארהאלטען געווארען אין פאסטאפיס.

באַרג, עס [illegible] איז אַרויסגעגאַנגען און מיך באַגריסט.

— איך זוך מיין הונט, — האָב איך געזאָגט.

— אָך, יאָ, אייער הונט. ער האָט דאָ אָנגעמאַכט אַזאַ טומעל. ער האָט נים געוואָלט אַליין בלייבען. ער האָט אַלץ געוואָיעט און געבילען. פּידסטין האָט זיך אַזש געפיהלט ווי לאַרען.

— יאָ, יאָ...

איך האָב זיך געלאָזען געהן מיט די רעלסען. דאָ איז געלעגען זאמד, און איך האָב נים געקענט געפינען מעהר פּאַצאַ'ס טריט. אָ, די רעלסען! זיי האָבען געגלאַנצט. איך האָב זיי אָנגעריהרט מיט מיין פינגער, באַקוקט זיי. זיי האָבען מיר אויסגעזעהן עפּעס אַזוי וואונדערבאַר. זיי האָבען מיך געפיהרט נאָך זיך, געפיהרט מיך. איך האָב זיך געטראָגען דורך זיי, געלאָפען, געפלויגען. איך האָב דערזעהן אויפ'ן וועג אַ העל-געלען גיגאַנטישען רעמב. געוויס האָט ער זיך אויך איהר געוואָרפען אין די אויגען.

איך בין פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ באַהן-צוג; איך האָב זיך געטראָגען איבער וועלדער און לאַנקעס. פעלדער און לאַנקעס, פעלדער און לאַנקעס — האָבען זיך געטראָגען מיר אַנטקעגען.

ווידער האָב איך זיך געפונען אויפ'ן באַהן-הויף און דערזעהן אַ קעפּעל פון אונטער אַ פענסטער. אַ רונד, ליעב קעפּעל, גלאַטע גאָלדענע האָר, לאָקען, וואָס פאַלען איבער די אַקסעל...

דערנאָך האָב איך זיך געלאָזט אַהיים געהן מיט'ן וואַלד. איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער טרעפּ פון דער בריטשקע. דאָס אַלץ האָט דורכגעשוועבט דורך מיין קאָפּ. מיינע הענט האָבען געציטערט.

. . . .

איך האָב אַלץ געהאַפט צו באַגעגענען פּאַצאַ. ער האָט זיך נאָך אַלץ נים געהאַט אומגעקעהרט. עס מאַכט נים, איך וועל צוּוואַרטען!

איך האָב נישט געטראַכט דערפון, אַז די זון וועט אונטערגעהן, אַז אָנקומען וועט היינט די נאַכט. אָבער אַלץ איז זיך געגאַנגען מיט זיין וועג, ווי נאָר נישט וואָלט פּאַסירט. מיט אַמאָל איז אַלץ געוואָרען רוּיג, ווי עס וואָלט זיך דורכגעזאָפּט מיט'ן בלוט פון דער זון. רוה און שעהנהייט איז געווען אין אַלעם, נאָר אין מיין בוזעם האָט געברויזט דער שטורעם. אָבער מיט שרעק האָב איך שפּעטער געקומען באַמערקען, ווי עס רוקט זיך אָן אַ חושך, אַ שוואַרצער און אַ געדיכטער. אַש האָט זיך צושאָטען איבער דער ערד. טרויעריגע נעבעל האָבען זיך אויפגעהויבען פון די וועלדער, אַרומגעבלאָנקעט זיך. עס איז געוואָרען שטיל, אַזוי שטיל ווי קיינמאָל נים. אַלעס שווייגט, שווייגט... נים דאָס שווייגען, וואָס מען קען נאָך אַמאָל הערען, — ניין, אַ שטיל, נים דערגרייכבאַר שווייגען, אַ שרעקליך שווייגען, וואָס האָט געשמידט מיר אַלע גלידער. פּוסט, אַלץ איז פּוסט!

נאָר אָט איז אָנגעקומען די נאַכט. פּאַצאַ האָט זיך נאָך אַלץ נים געהאַט צוריקגעקעהרט. איך האָב געשפּאַנט פון ווינקעל צו ווינקעל. איך האָב געוואַרט; יאָ, אָבער אויף וואָס האָב איך געוואַרט? איך האָב געהאַפט, אַז דאָס הויז וועט צוזאַמענפאַלען אויף מיר. נים פיהלענדיג, וואָס איך טו, בין איך צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ און גענומען קלאַפּען אויף די קלאַווישען. עס האָט זיך דערהערט אַ קלינגענדיגער טאָן, דאָס איז געווען אינגעבאָרג'ס טאָן. יעדער מענש האָט זיין טאָן. צו וואָס האָבען מיינע פינגער געמוזט דאָס אַרויסברענגען אינגעבאָרג'ס טאָן?

איך האָב אָנגעצונדען אַ ליכט, אָבער דער פלאַם האָט אָנגעהויבען מורמלען, רעדען, פון דעם פלאַם איז אַרויסגעשוואומען עמיצענס אַ פּנים. איך האָב דאָס ליכט פאַרלאָשען; פיעל, זעהר פיעל האָט געוואוסט דאָס דאָזיגע פייער.

איך האָב זיך געשלעפּט פון איין ווינקעל צום צווייטען. פינסטער. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער. אַרום — פּינקטעריש. די לאַמפּ אַליין איז שוואַרץ. די שטערען זיינען געפאַלען פון הימעל און אויף פּיצלעך צושמעטערט געוואָרען.

קאַלט איז מיר געוואָרען.

מיט אַמאָל האָב איך דערזעהן פאַר זיך אַ צימער; אַ לאַמפּ האָט אין איהם געברענט; צוויי מענשען — אַרום דעם לאַמפּ; דער שטראַל פון ליכט איז געפאַלען אויף איין פּנים. קלאָר האָב איך דאָס געזעהן. איך האָב פאַרמאַכט די אויגען.

יאָ, קאַרל האָט געמעגט נעהמען אינגעבאָרג'ן, אויב אינגעבאָרג האָט עס פאַרלאַנגט. ער איז אַזוי איינזאַם. ער האָט קיינמאָל נים געוואוסט פון קיין גליק, בלויז הונגער און זאָרג און נעבעך מיט אַרבייט; ער דאַרף האָבען אינגעבאָרג. אָט וואָס עס איז געווען קאַרל! ער איז געווען אַ פּאָעט. איך בין אין נאָבּצען עפּעס אַבדרעש; וואָס בין איך דען, ווען מען פאַרגלייכט מיך מיט קאַרל'ן?

איך האָב געקענט לעבען אפילו אַליין, — יאָ, אַליין, אַזוי האָב איך געטראַכט ביי זיך, געהענדיג פון ווינקעל צו ווינקעל מיט אַ קאָפּ, וואָס איז געוועזען ווי פון האָלץ. אַ קעלט האָט מיר דורכגענומען. אַלץ איז געווען פּוסט, אַלץ.

איך האָב געטראַכט וועגען די צייכענס אין זאַמד, וועגען די רעלסען אין זונען-גלאַנץ... איך האָב געזעהן ווי עמיץ נעהמט אַרונטער די האַנטשוהט. איך האָב געזעהן אַ געזיכט, וואָס איז פאַרשוואונדען אין דער ווייל, צוויי אויגען, וואָס זיינען געוואָרען אַלץ קלענער און קלענער. אַ מיכעל האָט [illegible] אין וואַלד.

איך האָב פאַרשטעלט מיינע אויגען מיט די הענט און צוגעדריקט די שלייפען מיט די נאַקעטע פינגער. איך בין געזעסען און געטראַכט, געטראַכט, אַלץ געטראַכט...

מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטיל קרעכצען, ווי אַ קינד וואָלט געקרעכצט.

איך האָב זיך דערשראָקען.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט, אָפּגעהוסט, און ווידער גענומען שפּאַנען פון ווינקעל צו ווינקעל. אין די געדאַנקען האָב איך געזעהן מיין גליק, מיין זומער, אינגעבאָרג, יעדען טראָט, יעדער שמייכעל און דאָס אַנדערע; מיט אַזעלכע געדאַנקען האָב איך געשפּאַנט פון ווינקעל צו ווינקעל. האָב איך דאָך נאָך מיט טעג צוריק געוואוסט, אַז דאָס אַנדערע וועט קומען, אַז עס וועט קומען די נאַכט, ווען אַלץ וועט זיין פּוסט; איך האָב עס געוואוסט און מיין נשמה האָט זיך צוגעגרייט דערצו...

אָבער...

איך בין געשטאַנען אין מיין צימער, האַלטענדיג פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים און ווידערהאָלענדיג דאָס איין און זעלבע וואָרט:

— ניין, ניין, ניין...

די נאַכט איז פאַריבער. עס האָט גענומען טאָגען.

ווי איז די נאַכט פאַריבער? דאָס ווייס נאָר גאָט און איך. איך וויל וועגען דעם נים דערמאָנען. איך האָב זיך נים געוואָרפען אויף דער ערד, איך האָב די האָר פון זיך נים געריסען, נים צודריסען מיין האַרץ, ניין — ווער עס וואָלט דאָס געזאָגט, וואָלט געזאָגט אַ ליגען. בלויז אַ ביסעל בלוט איז געבליבען ביי מיר אויפ'ן פין, — דאָס אַלץ.

די אַלטע מאַרי האָט עס באַמערקט: איך האָב פאַרגעסען אָפּצוּוואַשען דאָס בלוט. איך האָב אַ שמייכעל געטאָן, אויף ווייפיעל מעגליך אונגעצוואונגען; דאָס מאָל איז עס אָבער מיר נים געלונגען, ניין, — אָבער אַלענפאַלס האָב איך דעם געשפּרעך אָפּגעהאַקט.

— האָט זיך פּאַצאַ צוריקגעקעהרט?

— ניין.

איך האָב אַ שמייכעל געטאָן. איך האָב געזעהן אין דער מינוט דעם אויסדרוק פון מיין פּנים, איך האָב געזעהן מיין שמייכעל. מיין שטימע האָט זיך אין גאַנצען געביטען.

די אַלטע מאַרי האָט אָנגעשכרענגט אַ קוק געטאָן אויף מיר און איז צוריקגעגאַנגען צו דער טיר.

עס פאַרשטעהט זיך דאָך, אַז איך האָב נים געקענט אויסזעהן ווי אַ חתן...

ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך באַמערקט, אַז פיעל האָר אין מיין קאָפּ זיינען גרוי געוואָרען. איך בין דערפון זעהר טרויעריג געוואָרען.

27

עס זיינען געקומען טעג פון אונאויפהערליכען טרויער. אַלמעכטיגער גאָט, דו וואָס הערשט איבער די שטערען, דו פאָטער פון אַלע באַשעפענישען, דערבאַרעם זיך אויף מיר! שיק מיר אַ ניי האַרץ, נייע געהירן!

איך בעט דיך, שענק מיר אַ נייע האַרץ, נייע געהירען! האָב רחמנות אויף מיר!

דאָס געבעט איז געווען אין מיר, מיינע ליפּען האָבען זיך נים באַוועגט; אַרויסגעברענגט האָט עס מיין נשמה. איינמאָל אין אַ נאַכט, ליגענדיג אין וואַלד, האָב איך מיט אַמאָל דערהערט ווי מיין נשמה האָט עס אַרויסגעבראַכט; כ'האָב זיך איינגעהערט צו דעם און עס פאַרשטאַנען. דאָס זיינען געווען די זעלבע ווערטער.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז אונמעגליך צו זיין מעהר אומגליקליך ווי איך בין עס געווען אין אָט דער ערשטער נאַכט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב דערגרייכט דעם טיעפסטען תהום פון טרויער.

ניין, דער טרויער האָט נאָך געדאַרפט געהן טיעפער און צוזאַמען מיט מיר; די ערשטע נאַכט, איז בלויז געווען דאָס ערשטע טרעפּעל דערצו, דערנאָך האָב איך גענומען אַראָפּגעלאָזען זיך טרעפּ נאָך טרעפּ, אַלץ טיעפער און טיעפער.

איך האָב געבראָכען די הענט, געלעגען גאַנצע נעכט אין וואַלד מיט צוזאַמענגעשטשידיקטע ציין; אַרומגעשלעפּט זיך ווי אַ משוגענער אונטער רעגען און נעבעל. די בוימער האָבען אָנגענומען אינגעבאָרג'ס געשטאַלט; וואַלד, נעבעל, — אַלץ אויף וואָס איך האָב אַ קוק געטאָן האָט געהאַט אינגעבאָרג'ס געשטאַלט, פון אומעטום האָט עס געשמייכעלט, פון אומעטום האָט עס געלויכטען. איך האָב איהר פּנים געזעהן אין דעם פאַרשטערנטען הימעל. און ווען איך האָב פאַרמאַכט די אויגען, איז עס געווען אין מיר; דעמאָלט האָט מיט'ן גלאַנץ פון בריליאַנטען געלויכטען אין מיר אינגעבאָרג'ס פּנים. פון אומעטום האָבען זיך געטראָגען צורופען, אַ מורמלען, געלעכטער, ווערטער און געזאַנגען.

אַ, ווען איך וואָלט קראַנק געוואָרען! אויף לאַנגע וואָכען קראַנק ווערען און דערנאָך אויפשטעהן אַ געזונטער, אַ גאַנץ נייער! אָ, ווען איך זאָל קענען איבערלעבען פיזישע ליידען, וואָס וואָלטען מיר געהאָלפען פאַרגעסען דאָס, וואָס האָט מיך אַזוי געקוועלט.

(פאָרטזעצונג פאָלגט)

פילאַדעלפיער ... טער בויען אַן אַרבי... טער טעמפּעל

די פילאַדעלפיער אַרבייטער פיהרען יעצט אַן אַ קאַמפּיין פאַר הונדערט טויזענד דאָלאַר צו גונסטען אַן אַרבייטער טעמפּעל וועלכער וועט קאָסטען אַ פערטעל מיליאָן דאָלאַר. דער קאַמפּיין וועט אָנהאַלטען ביז דעם 15טען דזשון און עס איז קיין צווייפעל נים אַז פאַר דער צייט פון דעם קאַמפּיין וועט די אויבענדערמאָנטע סומע — הונדערט טויזענד דאָלאַר געשאַפען ווערען.

שוין היבשע עטליכע יאָהר ווי די אַרבייטער מאַסען פון פילאַדעלפיא טרוימען פון אַן אַרבייטער היים, וועלכע זאָל קענען צופרידען שטעלען אַלע צווייגען פון דער באַוועגונג. עס זיינען אָבער געלעגען שטיינער אין וועג, און צווייטענס האָט אין די רייהען פון די פילאַדעלפיער אַרבייטער מאַסען געפעהלט די קראַפט וועלכע שאַפט — דער טיפער גלויבען אַז זיי קענען האָבען אַזאַ טעמפּעל וועלכער זאָל צופרידען שטעלען דער באַוועגונג אין אַלע הינזיכטען. עס האָט געפעהלט די קראַפט וועלכע שאַפט און וועלכע פאַרוואַנדעלט אַ וואונש אין אַ פאַקט, אַ פאַנטאַזיע אין אַ ווירקליכקייט.

אַנדערע צייטען זיינען אָבער געקומען — צייטען, וועלכע האָבען אויפגעוועקט די שאַפענדע קראַפט אין די רייהען פון די אַרבייטער-מאַסען — דעם טיפען גלויבען אַז זיי מוזען האָבען אַ היים וואו זיי זאָלען קענען אָטעמען פריי און וואו זיי זאָלען זיך קענען באַוועגען פריי...

עס איז געווען אַ צייט ווען די פילאַדעלפיער אַרבייטער-מאַסען האָבען זיך באַנוגענט מיט פרעמדע דירות, אָבער, נים מעהר; זיי קענען שוין אין פרעמדע היימען נים פאַרבלייבען; מען לאָזט זיי האַרמען נים אַלע מאָל ווען זיי ווילען. די שוואַרצע גייסטער פאַרפאָלגען די ליכטיגע געדאַנקען זייערע; די יעניגע וועלכע האָבען געדאַרפט זיין די היטער פון אָרדנונג זיינען געוואָרען די שטערער פון אָרדנונג; די יעניגע וועלכע האָבען געדאַרפט זיין די שיצער פון פרייהייט, די שיצער פון גערעכטיגקייט, זיינען געוואָרען זייערע פאַרפאָלגער, זייערע אונטערדריקער.

און די אַרבייטער באַוועגונג האָט געדאַרפט זיין אונטערוואָרפען אונטער דיזע ברוטאַלע מאַכט. איין בליק פון דיזע שוואַרצע גייסטער איז געווען גענוג און איז גענוג אַז אַלע טירען זאָלען פאַר דער אַרבייטער באַוועגונג זיין פאַרמאַכט. די האַלקיפּערס זיינען אויך אונטערוואָרפען אונטער דעם קרומען בליק פון דער פּאָליציי און די באַוועגונג איז געווען און איז נאָך יעצט, מעהר ווי אימער, אונטערדריקט. די העכערע שטרעבונגען, די העכערע אידעאַלען ווערען יעצט נאָך מעהר ווי אימער פון די שוואַרצע גייסטער געלעסטערט.

און די אַרבייטער-מאַסען זיינען געקומען צום שלוס, אַז זיי מוזען האָבען אַן אייגענע היים, אַן אייגענעם אַרבייטער טעמפּעל וואו זיי זאָלען זיך פיהלען פריי און וואו זיי זאָלען קענען זייערע גייסטיגע פליגלען צושפּרייטען, און — וואו עס איז דאָ אַ ווילען איז דאָ אַ וועג, זאָגט דער אַמעריקאַנער. דער ווילען איז דאָ, די באַגייסטערונג פאַר דעם איז דאָ, די ענערגיע און די פינאַנציעלע מעגליכקייטען זיינען דאָ, און — אַ גרויסער, אַ הערליכער אַרבייטער טעמפּעל וועט זיין — אין פילאַדעלפיא — אַ טעמפּעל וועלכער וועט נים נאָר זיין אַ שטאָלץ פאַר דער באַוועגונג אין פילאַדעלפיא, זאָנדערן ער וועט אויך זיכער זיין אַ שטאָלץ פאַר דער גאַנצער אַרבייטער באַוועגונג אין לאַנד.

דער קאַמפּיין איז אין פולען גאַנג. די טעטיגסטע טוער פון דער אַרבייטער באַוועגונג האָבען קאָנצענטרירט זייערע כוחות און זיי אַרבייטען מיט ליעבע און באַגייסטערונג פאַר דעם הייליגען צוועק.

זאָגאַר אין ניו יאָרק איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַ קאָמיטע וועלכע וועט העלפען די פילאַדעלפיער אַרבייטער מאַסען צו בויען אַ פּרעכטיגען אַרבייטער לייסעאום און עס איז אויך גאַנץ מעגליך אַז ניו יאָרק און זאָגאַר אַנדערע שטעדט זאָלען די פילאַדעלפיער אַרבייטער העלפען אין דיזער גרויסער און שעהנער אַרבייט, ווייל ווען די באַוועגונג [illegible] שטאַרק אין איין שטאָדט, ווערט די באַוועגונג אין אַנדערע שטעדט אויך דורך דעם פאַרשטאַרקט. עס זיינען ... באַוועגונג אַרבייטער ...

(שלוס אויף ז. 12)

שער זיך דער קאנסיל אין גאנצען נים אריינמישען. די קינקא האט א פאלקער־שאפט רעכט צו דיסטשארדזשען ווענען די פירמא געפינען גאר פאר נויטיג. דער קאנסול טאר זיך אויך נים אריינמישען אין דער פראגע ווי אזוי און דורך וואס פאר א סיסטעם די ארבייט זאל פראדו־צירט ווערען. מיט באנוס... אהן באנוס... ווי די פירמא וויל....

אויף אלע אנדערע קאמפליינטס, אויסער אויף דעם קאמפליינט פון דיס־טשארדזש און סיסטעם פון דער ארבייט קען דער קאנסיל אפעלירען צו א רעפערי. דער רעפערי דארף אויסגעקליבען ווערען פון א דזשאדזש פון א פעדעראל קאורט פון דיזען דיסטריקט. דאס הייסט, דאס דארף געטאן ווערען נאכדעם ווי דער טער־מין פון די יעצטיגע רעפערים געהט אויס, אויב זיי אליין זאלען ביז יענער צייט נים אויסגעהן.

עס טארען נים זיין קיינע סטרייקס.

אין דער פראגע פון ווייזדזשעס: — יעדער יאהר זאל דער באס פון יעדער שאפ מיט זיין קאנסיל זיך איינינגען אויף א רעפערי צו שליכטען די פראגע פון ווייזדזשעס. אויב דער באס מיט זיין קאנ־סיל קענען זיך אויף קיין רעפערי נים איינינגען, זאל א רעפערי אפאינטעט ווע־רען פון א דזשאדזש פון א פעדעראל דיס־טריקט קאורט.

אלע עקספענסעס פון אזעלכע רעפע־רים דארפען געדעקט ווערען פון — דריי פערטעל עקספענסעס וועט צאהלען דער באס, און איין פערטעל דער שאפ־קאונסיל.

וועלל, עס איז פיליכט דעם ערשטען מאל אין דער געשיכטע פון דער ארביי־טער באוועגונג, אז ארביטרייטארס, זא־גענאנטע אומפארטייאישע מענשען, זא־לען וואגען אויפצוטאן אזא שטיקעל אר־בייט.

אבער ווי שוין געזאגט, אונזערע קלאוק מאכער זיינען פון דעם זעהר אויפ־געבראכט. מיט פארקריצטע ציינער געהט מען ארום און מען האלט זיך אין איין טרענען איינע די אנדערע. ווען? ווען געהט מען שוין סטרייקען?

דער רעפערי, וועלכער האט שוין דא געדארפט זיין אויף דעם פארלאנג פון די מאנופעקטשורערס, איז נאך דערווייל נים געקומען. נאך די טעלעגראם וואס די רע־פערים האבען געקראגען פון אונזערע שאפ טשערליימע, דארף זיך זיי אפגלוס־טען דער אפעטים פון קומען אהער.

אויף מאנכע ארבייטער טרייען די מאנופעקטשורערס ווירקען, אז דיזער זא־גענאנטער רעקאמענדיישאן פון די רע־פערים פאר א מאשינערי קומט פון דער רעגירונג און זיי מוזען דאס פאלגען.

אבער נארישקייט, די מאנופעקטשו־רערס זעהן שוין יעצט אליין וואס זייער „מאכענאציע" האט דא אנגעמאכט.

די היגע ארבייטער זיינען ענטשלא־סען צו קריגען:

1) וואך ארבייט מיט א מינימום סקייל.

2) א העכערונג אין ווייזדזשעס פאר די יעצטיגע וואך־ארבייטער.

3) א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך.

4) די אנערקענונג פון דער יוניאן.

5) און א אמת'ע מאשינערי צו שליכטען קאמפליינטס.

ווי שוין באמערקט, ווען דיזע ציילען ווערען געשריבען געהען טויזענדער אר־בייטער, מענער און פרויען, צום שטים־קאסטען צו שטימען פאר אדער געגען א סטרייק. אבער אויף זייערע פנים'ער קאן מען לעזען דעם ענטשלאסענעם אויס־דרוק: — סטרייק! קאמפף.

עס ווערט געשטימט דורך א סיקרעט באלאט. דאס שטימען וועט אנגעהן שבת און מאנטאג און דינסטאג דעם 17טען, 19טען און 20טען מאי.

אונזערע ברידער אין ניו יארק קעמפפען שוין; מיר דא וועלען אויך באלד קעמפפען.

מיט פולע שריט פאראווערטס, שוועס־טער און ברידער דורך קאמפף צום זיעג!

וויכטיג פאר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאקאלס!

מיר ווילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון ניו יארק, אזוי גוט ווי פון די קאנטרים, דאס די בא־ריכטען וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאקאלס, וואס זיי ווילען האבען געדרוקט אין דעם ליפענדען נומער, מוזען מיר הא־בען אין רעדאקציע נים שפעטער ווי דיי־סטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך אויף קארעספאנדענטען, בריעף־שרייבער און אזוי ווייטער.

אינגעבארג

ראמאן פון ב. קעללערמאן

(פארזעצונג).

טרויעריג ברומט פאצא און ער בילט; ער קוקט אויף מיר.

— זיי געזונד, זיי געזונד!

אינגעבארג שטעהט אין דער בריטשקע און זי פאכט מיט'ן טיכעל.

קלאר זעה איך נאך איהרע אויגען און דעם בעטענדען אויסדרוק פון איהר פנים, וואס זעהט זיך ארויס פון אונטער איהר גרויסען הוט. גאלדיג גלאנצען איהרע לאקען. נאר אט זעה איך שוין נים מעהר איהרע אויגען, עפעס ווייסעס וועהט פון אונטער איהר הוט. עס וועהט דאס ווייסע טיכעל.

די בריטשקע פארדרעהט זיך אן א זייט, ווערט אין גאנצען קליין.

א ווייסע טויב פלאטערט אויף אין וואלד. א רייף האט א גלאנץ געטאן, און מעהר זעהט מען נאט נישט. בלויז וואלד, וואלד. —

פאצא קוויטשעט און בילט, שפרינגט אויף מיר.

— פאצא!

ניך שפרינגענדיג לויפט פאצא אוועק אונטערן בארג. איז דאס נים דער לעצטער גרוס?

— זיי געזונד, אינגעבארג!

איך פיהל עפעס א בייגעשמאק אויף די ליפען.

26

אינגעבארג איז שוין מעהר ניטא.

אט איז א מענש, ער הויבט זיך אויף אויף די טרעפען אין הויז ארויין. איין טרעפ, א צווייטע — וויפיעל־ושע איז דא אין גאנצען טרעפען? ער קוקט זיך נים אום. ער בליבט שטעהן ביי דער טיר, ער עפענט זי; שווער איז די טיר! ער קוקט זיך נים אום. ער פארשווינדט אין הויז. ער געהט ווייטער אויף די טרעפען, ער געהט דורך דעם לאנגען, ווייסען קארידאר. ער שטעלט זיך אפ; זיינע אויגען מאכען זיך צו.

דער דאזיגער מענש האט פארלארען אלץ, וואס ער האט גע־האט. ער ווערט בלייך. צוויי ווערטער זיינען אויסגעקריצט אויף דער ווייסער טיר. ער קוקט אויף זיין צימער. דאס איז זיין צימער. אט שטעהט ער שוין אויף דער שוועל און קוקט אויף זיין צימער און וואגט נים אריינצוגעהן. ער וואגט נים, ניין! דאס צימער איז פוסט.

יאמער, געלעכטער, פארצווייפלונג? יא? ניין! ניין! ניין! עס ציטערען די הענט, עס טרייסלען זיך די קני, — בלויז דאס. די פארצווייפלונג איז אין מיר, טיעף אין מיר.

פארנעבעלטע בילדער טראגען זיך איינע נאך דער צוויי־טער אין מיין קאפ. איינע ווערט פארשוואונדען און ס'קומען אנדערע, אום צו פארשווינדען. זיי פארשווינדען.

איך זעץ זיך אויף א שטוהל. איך שמייכעל.

עפעס א בייגעשמאק פיהל איך אויף די ליפען. אדיע, אדיע! איך געזעגען זיך. טראפען טוי, בעטענדיגע אויגען, און צובלויזטע האנט... א שטימע.

די שטימע שוועבט איבער מיר, פונקט ווי א געראנק. איך שמייכעל. איך לאז זיך ארונטער אויף די קני און נעהם ארום אינגעבארג.

א, וויפיעל פארצווייפלונג איז דא אין דעם שמייכעל, וואס שוועבט אויף איהר פנים! און אין איהרע אויגען, וואס פלע־גען שטענדיג בענשען! זיי געבענשט אויף אייביג, אינגעבארג! איך האב דיך ליעב!

מיין הארץ איז שווער און פארנעבעלט איז מיין קאפ. א, זי איז שוין מעהר ניטא. אלץ וואס איך האב פארמאגט האב איך פארלארען. איך שטעל זיך אויף, ווער שיער נים משוגע. פאר די אויגען — א פינסטערער תהום. אפשר פאלען אויף דער ערד? א, ווען איך זאל דאס קענען! כאטש אויף א ווײלע ווארפען זיך אויף דער ערד און צויאמערען זיך! — ניין, איך טו עס נים, איך שטעה גלייך. איך נעהם ארומשלעפען זיך, ארום־וואגלען. מיין וואגלען האט זיך אנגעהויבען.

עס האט אנגעהאלטען וואכען, חדשים און אין דעם מא־מענט האט עס זיך אנגעהויבען.

געהן אין וואלד? ניין, דארט איז זי. אפשר אין די וויי־סע צימערען? וואו דען? אפשר גאר אין קעלער? ניין, אויך דארט איז זי.

וואס איז פון מיר געווארען, וואס איז מיט מיר געווען, וואס האט געקענט פון מיר ווערען, ווען זון, גליק, שעהנהייט און רייכ־טום האב איך געהאט פארלארען? אדיע, גליק מיינס!

ניין, איך האב זיך נים געווארפען אויף דער ערד, איך האב נים געיאמערט, נים צוריסען זיך דאס פנים מיט די נעגעל. ניין, אזוינס האט נים פאסירט. איך האב צוריסען מיין נאז־טיכעל אויף שמיקלעך, דאס האב איך יא געטאן.

איך האב ארומגעוואגעלט; א, ווען איך וואלט כאטש גע־קענט ארומגעהן!

אויפ'ן וועג האבען זיך געזעהן צייכענס פון רעדער און פון פערדישע טריט. צייכענס פון פיס. איך האב געפונען אן אפדרוק פון מיין פוס און פון איהר פוס. אויפמערקזאם האב איך זיי גענומען באטראכטען. איך בין אוועקגעגאנגען. מאר־גען וועט מען שוין נים זעהן מעהר אית'ם זאמד די דאזיגע טריט, זיי האבען זיך איינגעגעסען אין מיין זכרון די דאזיגע טריט; אפטמאל האב איך זיי געזעהן אין חלום. איך בין אוועק אין וואלד און לאנג דארט שווייגענדיגערהייט געשטאנען. זיי גע־זונד, זיי געזונד — איך האב זיך נאך אלץ געהאלטען אין איין געזעגענען.

איך האב זיך אומגעקעהרט אהיים, ווידער אמאל ארויסגע־גאנגען, ווידער געבליבען שטעהן ביי דעם קליינעם צייכען אין זאמד.

די בריטשקע האט זיך צוריקגעקעהרט, דער קוטשער איז ארויסגעשפרונגען; עס איז געקומען אן ארבייטער און אויס־געשפאנט די פערד.

איך האב געפרעגט דעם קוטשער:

— וואו איז פאצא?

דער קוטשער האט איהם מעהר נים געזעהן. צום לעצטען מאל האט ער איהם געזעהן אויפ'ן באהנהויף. ווייס דער גר־טער יאהר, וואו דער הונט איז אהינגעקומען.

די דאזיגע בריטשקע האט געשראקען מיט איהר פוסט־קייט. אן עלענר אויסזעהן האט געהאט אט די בריטשקע. ליי־דיג זיינען געווען די קישענס, אין גאנצען ליידיג.

אן ארבייטער איז געקומען און געוואלט זיך נעהמען ריי־ניגען די בריטשקע.

— נים נויטיג, שטעל זי אוועק און דעק זי צו. ס'איז אן אלטע בריטשקע, — איך האב באשטעלט א נייע.

— איך בין אריין אין הויז.

— וואלסטו מיר, באבעני, נים געקענט צוגרייטען עפעס א לייכטען צוביים? — האב איך זיך געווענדעט צו דער אלטער מארי — איך האב זיך שרעקליך אויסגעהונגערט, כ'בין זעהר, זעהר פריה היינט אויפגעשטאנען.

ביי דער אלטער איז עפעס געווען אויפ'ן הארצען, דאס האט מען ליכט געקענט דערקענען נאך דעם, ווי זי פלעגט זיך ארומקוקען.

— נו, וועסטו עס צוגרייטען?

— אויף לאנג איז די הערדין אוועקגעפאהרען?

— דאס קען מען אויף באשטימט נים וויסען. מעגליך, אז אויף א מאנאט, מעגליך, אז אויף א יאהר. זי איז אוועקגעפא־רען קיין פאריז.

— קיין פאריז?

— יא, זי געהט זיך לערנען זינגען.

— אבער זי קען דאך שוין זינגען?

— כא־כא! ווי דו רעדסט עס, באבעניו! ווי קענסטו עס ריידען וועגען אזויגע זאכען?

— פארשטעהט זיך, אז זי קען זינגען, און גוט אויך, אפילו זעהר גוט. נאר אין אונזערע צייטען איז איינגעפיהרט, אז אלץ דארף מען זיך לערנען אין א שול. ווען דו, באבעניו, למשל, זאלסט זיין אי קלוג און געלערענט, וועט עס דיר קיין שום מענש נים גלויבען און דו וועסט דערמיט גאר נישט נים קענען טאן, אויב דו האסט נים באזוכט קיין פארשידענע שולען.

דאס זעלבע איז אויך, וואס אנבאלאנגט זינגען.

פאמעליך האט זיך געצויגען דער טאג. איך האב נים גע־האט וואס צו טאן. פאמעליך האט געמאכט דער שאטען זיין קרייז פון דעם קליינעם בירקען־בוים. פאצא האט זיך נאך נים באוויזען.

— הייסט דאס, אז אויפ'ן באהן־הויף האסטו איהם גע־זעהן צום לעצטען מאל?

— יא, הערר.

— און שפעטער האסטו איהם מעהר נים געזעהן?

— ניין, הערר.

אונבאמערקט פון אלעמען האב איך זיך פאר'גנב'ט, וואו עס איז געשטאנען די בריטשקע. איך האב די בריטשקע אויפ־געדעקט. זי איז געווען פול מיט שטויב. איך האב א שאר גע־טאן די האנט איבער די קישענס: פול מיט שטויב זיינען געווען די קנעפ און מעהר גאר נישט. איך האב גאר נישט נים גע־פונען.

איך האב גענומען דעם הוט, דעם שטעקען און א פייף גע־טאן. איך האב זיך אבער דערמאנט, אז פאצא איז נישטא. איך האב א שמייכעל געטאן. איך האב זיך גענומען ארונטערלאזען מיט'ן וועג, מיט דעם זעלבען וועג. איך האב קלאר געזעהן די צייכענס פון די רעדער און פון פאצא. פונקט ווי מען וואלט זיך נאך איהם געיאגט. אויף גרויסע פראגע־צייכענס זיינען געווען עהנליך די צייכענס פון זיינע טריט. איך בין צוגעגאנ־גען ביז צו דעם ארט, וואו ער האט דעריאגט די בריטשקע. די בריטשקע האט זיך אפגעשטעלט. פאצא איז אריינגעשפרונגען אין דער בריטשקע. דאס אלץ האב איך געקענט זעהן לויט די צייכענס פון זיינע טריט. אין דארף האבען זיך פארלארען די צייכענס פון דער בריטשקע, אבער הינטער'ן דארף האב איך זיי ווידער דערזעהן. זיי האבען מיך דערפיהרט [illegible] מאל צום

די אינטערנאציאנאלע ארבייטער ביורא

פון א. זעלדין.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 23, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער שיקזאל פון דעם ארבייטער פונקט אין דעם פרידענס אפמאך וואס איז אויסגעארביים געווארען פון דער פאריזער קאנפערענץ, איז דערזעלבער, ווי פון אלע אנדערע האפנונגען, מיט וועלכע די וועלט האט זיך געטרייסט אין די בלוטיגע מלחמה יאהרען.

ווי אלע אנדערע פונקטען פון דעם פרידענס אפמאך איז בלויז א קיצור פון דעם ארבייטער פונקט פארעפענטליכט געווארען. פון דעם קיצור אליין שוין זעהט זיך גאנץ גוט אן, וואס די ארבייטער קענען באמת ערווארטען פון דער געשאפענער אינטערנאציאנאלער ארבייטער ביורא און קאנפערענץ, חאטש וואס אנבעלאנגט דער פרינציפען־ערקלערונג פון דעם ארבייטער־פונקט קלינגט זי גאנץ שען. די קאנפערענץ האט קיינעם נים נעקארגט. און זי האט קיין ארבייטער נים געמאכט קיין אויסנאהם.

לויט דער פרינציפען ערקלערונג וואלט מען געקענט דענקען, אז עס האט זיך ווירקליך אנגעפאנגען א נייע עפאכע אין דעם לעבען פון די לוין־ארבייטער. די ערקלערונג האט אנגענומען אלס באזיס דעם פרינציפ אז „דער מאטעריעלער און מאראלער וואוילזיין פון די אינדוסטריעלע ארבייטער איז פון דער העכסטער אינטערנאציאנאלער וויכטיגקייט". צווישען די נייע פרינציפען, וואס דער ארבייטער־פונקט האט פראקלאמירט, געפינען מיר פאלגענדע: ערשטענס, אז ארבייט דארף נים באטראכט ווערען בלויז אלס א קאמערציעלער־ארטיקעל; צווייטענס, דאס רעכט פון די ארבייטער, פונקט ווי פון די ארבייטסגעבער, צו ארגאניזירען זיך; דריטענס, איינצופיהרען אן ארבייטס־לוין, וואס זאל זיין גענוג פאר'ן ארבייטער אויפצוהאלטען א פארנינפטיגען לעבענס סטאנדארד; פיערטענס, אן אכט שטונדיגער ארבייטס־טאג, אדער אן 48 שטונדיגע ארבייטס־וואך; פינפטענס, אן אפרוה פון 24 שטונדען יעדע וואך, אויב נאר מעגליך זאל דער אפרוה אויספאלען אם זונטאג; זעקסטענס, אפשאפען קינדער־ארבייט און פארזיכערען די קינדער א פארטזעצונג פון זייער פיזישער און גייסטיגער ענטוויקלונג; זיבעטענס, גלייכע באלוינונג פאר גלייכע ארבייט פאר מענער און פרויען; אכטענס, גלייכע באהאנדלונג פאר אלע ארבייטער אין א לאנד, ארייננערעכענט ניט־בירגער, און, ניינטענס, א סיסטעם פון אינספעקציאן, אין וועלכער פרויען זאלען נעמען אנטייל.

די פרינציפען, ווי מען זעהט, זיינען נים שטארק ראדיקאל, אבער ווען זיי וואלטען נאר דורכגעפיהרט געווארען באמת, וואלטען זיי זיכער געווען א גרויסע פארבעסערונג אין דעם ארבייטערס לאגע, אבוואהל זיי וואלטען נאך נים געבראכט די סאציאלע גאולה. אנאליזירט מען אבער די מעטאדען דורך וועלכע די קאנפערענץ האט באשטימט דורכצופיהרען די פרינציפען אין לעבען זעהט מען גלייך איין, אז אט די פרינציפען זיינען נים מעהר ווי שענע פוסטע פראזען, וועלכע האבען אין דער ווירקליכקייט קיין ממשות נים.

דער איינציגער אויסנאמס־פונקט, וואס איז אריינגעשטעלט געווארען אין דער פרינציפען ערקלערונג, מאכט זיי גלייך פון אנפאנג צו נישט. די קאנפערענץ רעקאמענדירט די אויבען־אויסגערעכענטע ארבייטער־רעפארמען „מיט די אויסנאמען, וואס זיינען נויטיג צוליעב דעם אונטערשייד אין קלימאט, געוואוינהייט און עקאנאמישער ענטוויקלונג". דער אויסנאם פון „קלימאט" שליסט שוין אויס אלע ארבייטער פון די טראפישע לענדער, וואו די מעהרסטע קאלאניעס געפינען זיך, צו גענינסען פון דעם בענעפיט פון די רעפארמען.

מילא, וואלט מען זיך געקענט טראכטען, כאפט זיי דער גוטער יאהר די נעגערס פון אפריקא, אדער די הינדו־מען פון אזיען, אבי מיר, די אייראפעער און אמעריקאנער וועלען פון זיי געניסען. מאכען אבער די איבריגע צוויי אויסנאמען צו נישט אין א היבשער מאס די רעפארמען אפילו פאר אמעריקא און אייראפא. די אויסנאמען פון „געוואוינהייטען" און „עקאנאמישער ענטוויקלונג" לאזען זיך זעהר ברייט אויסטייטשען. דער איטאליענישער ארבייטער, צום ביישפיעל, איז „געוואוינט" צו לעבען אויף ברויט און גראז און איז „געוואוינט" צו שלאפען מיט נאך נייגצעהן מענשען אין איין צימער. עס פארשטעהט זיך, אז עס וועט נים זיין די פליכט פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער ביורא איהם אפצוגעוואוינען פון זיינע „געוואוינהייטען". נעמען מיר ווייטער דעם לעצטען אויסנאם, די „עקאנאמישע ענטוויקלונג". די „קענינג" אינדוסטריע אין ניו יארק סטייט, וועלכע פאבריצירט אלערליי „געקענטע" ארטיקלען, נויטיגט זיך אין דעם, אז פרויען און קינדער זאלען ארבייטען אין די „קענר" פאבריקען פערצעהן און זעכצעהן שטונדען א טאג, און זי וועט, לויט דעם אויסנאם, קענען אנגעהן ווייטער מיט די פריהערדיגע באדינגונגען.

אבער לאמיר זיך פארשטעלען, אז די אויסנאמען זיינען נים געמאכט געווארען, כדי צו מאכען לכתחילה צו נארנים אלערליי געפלאנטע רעפארמען, און לאמיר דאריבער באטראכטען דעם מעכאניזם, וואס די קאנפערענץ האט באשטימט דורכצופיהרען די רעפארמען אין לעבען. ווען מיר באטראכטען דעם מעכאניזם זעהען מיר איין, אז נים נאר וועט ער נים קענען דורכפיהרען אט די רעפארמען אין לעבען, נאר אז ער איז אזוי ווי אבזיכטליך געשאפען געווארען נים צו דערלאזען, אז זיי זאלען איינגעפיהרט ווערען.

דער מעכאניזם, אדער דער אינטערנאציאנאלער אינסטרומענט וועט באשטעהן: ערשטענס, פון א יעהרליכער אינטערנאציאנאלער ארבייטער קאנפערענץ, און צווייטענס, פון אן אינטערנאציאנאלער לייבאר ביורא.

אין דער קאנפערענץ וועלען אנטייל נעמען צו פיער דעלעגאטען פון יעדען לאנד, ווי גרויס אדער ווי קליין די ארבייטער באפעלקערונג אין יעגעם לאנד זאל נים זיין. פון די פיער דעלעגאטען וועלען צוויי באשטימט ווערען פון דער רעגירונג און די איבריגע צוויי וועלען ערוועהלט ווערען פון די באלעבאטים און די ארבייטער — איין דעלעגאט פאר יעדען איינעם פון זיי.

עס איז אלזא קלאר, אז די ארבייטער וועלען־קענען שיקען בלויז א פערטעל פון די דעלעגאטען צו דער קאנפערענץ און די איבריגע דריי פערטעל וועלען געשיקט ווערען פון די רעגירונגען און פון די באלעבאטים. עס הייסט, אז די קאנפערענץ האט זיך גלייך פון אנפאנג באווארענט, אז די גרעסטע מאיאריטעט פון דער ארבייטער קאנפערענץ זאל באשטעהן פון עלעמענטען וואס ווערען קאנטראלירט פון די באלעבאטים און די רעגירונגען. און צוליעב מעהר זיכערהייט האט זי זיך באווארענט, אז די קאנפערענץ זאל קענען אננעמען באשליסע מיט צוויי דריטעל מאיאריטעט. א געוועהנליכע מאיאריטעט איז נים גענוג — נאר צוויי דריטעל.

פון די באווארעניסען וואלט מען געקענט מיינען, אז די קאנפערענץ האט ווירקליך עפעס א מאכט. הויבט זיך נים אן! די איינציגע פארפליכטונג פון די רעגירונגען צו דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער קאנפערענץ וועט זיין פארצושלאגען איהרע באשליסע אלס געזעץ־פראיעקטען אין זייערע באטרעפענדע געזעצגעבענדע קערפערשאפטען. יעדע רעגירונג וועט קענען ענטוועדער אננעמען די פארגעשלאגענע געזעצען, אדער אננעמען זיי בלויז אין פרינציפ און מאדיפיצירען זיי לויט איהרע לאקאלע באדערפניסען. אין פאל פון א פעדעראלען שטאאט (ווי די פאראייניגטע שטאאטען, צום ביישפיעל), וועט די פעדעראלע רעגירונג דאס קענען איבערלאזען צו די לאקאלע לעגיסלאטורען. אויסער דעם האט יעדע רעגירונג א רעכט צוריקצוווייזען די רעקאמענדאציעס פון דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער קאנפערענץ אהן קיינע ווייטערע טענות.

אין אנדערע ווערטער — די ברירה בלייבט אין גאנצען ביי די רעגירונגען. אויב זי איז שטארק גענוג נים צו רעכענען זיך מיט די פאדערונגען פון די ארבייטער, קען זי אינגאנצען איגנארירען די רעקאמענדאציעס פון דער קאנפערענץ; און אויב זי קען די ארבייטער נים איגנארירען, פרינט זי אנדערע מעטאדען

פערעלע

פון י. אדלער

צוויי אידישע אויגען מיט זונען אין זיי.
מיט זונען וואס האבען חלומות געשפונען;
חלומות פון יוגענד, וואס זיינען אנטרונען,
צוגאנגען ווי שנעע...

צוויי אידישע אויגען און גאלדענע האר,
וואס זיינען ווי זוניגע ליכטיגע שטראהלען –
געקרויזטע, בע'חן'טע אראנטערגעפאלען,
און אלט זעכצעהן יאהר.

געהייסען האט פעריל די אידישע רויז.
אין שבת און יום טוב מיט מיר אומגעגאנגען,
געפיהרט איהר אין וואלד און געהערט דארט געזאנגען —
געבראכט איהר אין הויז.

דערצעהלען פלעגט פעריל איהר מאמעניו באלד:
ווי פרעהליך די פייגעלעך שפיעלען און־זינגען,
ווי שבת'דיג זייערע זמר'לעך קלינגען,
ווי גרין ס'איז דער וואלד!

דערצעהלען ווי ס'רוהט דארט א טייכעלע גלאט,
ווי ס'רוישען די סאסנעס און ווערען אנטשוויגען,
ווי מאלענע־ביימעלעך וויגען זיך, וויגען,
ווי ס'שארכעט א בלאט...

איהר מאמע פלעגט זיצען אין קליידער פון זייד
און פערעלען קושען און פערעלען גלעטען,
און טענה'ן מיט לעבשאפט און הארצעדיג בעטען:
„פערקריך נישט צו ווייט"...

איז פעריל געבליבען אין הויז שוין אליין...
אין וואלד, אין דעם גרינעם, שוין מעהר נים געגאנגען,
און מעהר נים געהערט שוין קיין פייגעל־געזאנגען,
קיין טייכעל געזעהן...

נו, בין איך געבליבען פארלאזען, אליין...
אויף מארגען האט פעריל א בריעף מיר געשריבען:
„מיין מאמע זי זאגט מיר, איך זאל דיך נישט ליעבען,
און איך זיץ און וויין"...

דערשלאגען בין איך פון דעם שטעדטעל אוועק;
פון שטעדטעל, וואו ס'האט מיך מיין מאמע געבארען,
פון שטעדטעל, וואו כ'האב דארט פארבראכט מיינע יאהרען
און זוניגע טעג...

אוועק און געוויינט און איך וויין נאך ביז היינט.
און ס'וועבט זיך אין הארצען נאר אומעט־געוועבען—
און ס'האט נאך זייט דעמאלט מיין פינסטערען לעבען
די זון נים באשיינט...

שטאנדפונקטען איז עס העכסט־דרינגענד, אז די דיוס זאלען געהעכערט ווערען. דאס געלד וועט נים פארשפענדעט ווערען גלאט אין דער וועלט אריין. און יעדער סענט, וואס א מיטגליעד פון דער יוניאן אינוועסטעט אין דער יוניאן, אינוועסטעט ער עס פאר זיך, פאר זיין אייגענעם בענעפיט. זיכער, די מיטגלידער פון דער ליידיעס וויסט און דרעס מייקערס יוניאן לאקאל 25 זיינען צו אינטעליגענט, אז מען זאל דארפען דאס ערקלעהרען פאר זיי לאנג און ברייט. און מיר האפען דארום, אז דער דאזיגער פארשלאג וועט געפינען די פולסטע צושטימונג פון די מיסטע מיטגליעדער איהרע, און אויף אזא אופן וועט די יוניאן דורך דער גאנץ אונבאדייטענדער דיוס־העכערונג אויסגעשטעלט ווערען אויף א פיעל פעסטערען פונדאמענט, ווי ביז איצט.

* * *

און אז מיר האלטען שוין יא ביי דעם ענין פון דיוס, ווילען מיר זאגען, אז דאס זעלבע וואס מיר האבען געזאגט וועגען לאקאל 25 גילט אויך מיט דער זעלבער שטארקייט פאר אלע אנדערע לאקאלס. דער פאקט, דאס פון צייט צו צייט איז כמעט אין יעדען לאקאל דא א נויטווענדיגקייט ארויסצולעגען ספעציעלע אסעסמענטס אויף די מיטגליעדער פאר פארשיעדענע נויטווענדיגע אויסטאגען און ציעלען, איז פאר אונז דער קלארסטער באווייז, אז די דיוס אליין זיינען נים אזוי הויך, ווי זיי האבען באדארפט זיין. און עס שיינט אונז, אז עס איז פיעל גלייכער און לייכטער צו צאהלען וועכענטליך מיט א פאר סענט מעהר, איידער צו מוזען מיט א מאל באצאהלען אן אסעסמענט פון עטליכע דאלאר.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly.
Published every Friday by the International Ladies Garment Workers Union
office, 31 Union Square, New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: 1 year, $1.50
Vol. I. Friday, May 23, 1919. No. 19.
Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

די שטילע רעוואלוציע.

פון אלע ארבייטער-קעמפפע, וואס מיר האבען מיטגעמאכט, קענען מיר זיך ניט דערמאנען אן אזעלכען, וועלכער זאל זיין ענליך צו דעם איצטיגען קלאוקמאכער-סטרייק. ער האט איין כאראקטעריסטיק, וואס געהערט נאר איהם אליין: ער צייכענט זיך אויס מיט זיין ווירקליך אונגעוועהנליכער רוהיגקייט.

ניט נאר איז אין איהם ניט צו מערקען קיין סמן פון היסטעריקע, נאר אפילו די גאנץ געוועהנליכע און נאטירליכע נערוועזיטעט פעהלט אין איהם. איהר געהט אריין אין די האלס, וואו די סטרייקער קומען זיך צוזאמען, און עס דוכט זיך אייך, אז איהר געפינט זיך צווישען מענשען, וואס נעהמען זיך געמיטליך זייער נאכמיטאג-אפרות, און זיינען אהן די מינדעסטע זארג, וואס דער מארגען וועט ברענגען. ווער עס לייענט רוהיג זיין צייטונג, ווער עס רעדט שטילער-הייד, אהן די מינדעסטע ליידענשאפט, איבער די טאג-נייעס, און זעהר זעלטען הערט איהר דיסקוטיהען אימיצען איבער די פאדערונגען אין דעם איצטיגען קאמף.

און ווען איהר בארעכענט, וואס פאר א פאדערונגען די יוניאן האט ארויסגעשטעלט, און פאר וועלכע די איבער פופציג טויזענד קלאוקמאכער זיינען ארויס אין קאמף; ווען איהר ווייסט, אז די דאזיגע פאדערונגען באדייטען ניט מעהר און ניט וועניגער, ווי א גאנצע רעוואלוציע אין דער קלאוק-אינדוסטריע, זיינט איהר נאך מעהר ערשטוינט איבער די זאנדערבארע רוהיגקייט, און איהר פיהלט, אז איהר שטעהט דא פאר דער מערקווירדיגער ערשיינונג, וואס מען רופט: א שטילע רעוואלוציע.

יא, א שטילע רעוואלוציע, דאס איז דער איצטיגער קלאוקמאכער-קאמף, און טראכט איהר זיך אריין גוט אין דעם, זעהט איהר איין, אז אנדערש קען עס גארניט זיין.

צוערשט קומט דער פולער באוואוסטזיין פון מאכט, פון אייניגקייט, צו וועלכער עס איז ווירקליך זעלטען צו געפינען א ביישפיעל אין אונזער ארבייטער-באוועגונג. דאס אליין איז שוין גענוג צו געבען יעדען אייציגען סטרייקער די פולסטע זיכערהייט אין דעם אויסגאנג פון קאמף.

נאך דעם קומט דער פולער צוטרוי פון די סטרייקער צו זייערע פיהרער, צו די, וועלכע טראגען איצט אין זייערע הענד דעם באנער פון דער קלאוקמאכער יוניאן. עס איז ווירקליך ניטא קיין יוניאן-מיטגליעד, וואס האט ניט דעם פולסטען צוטרוי צו די שטארקע, פעסטע הענד, וואס האלטען דעם יוניאן-פלאג. זיי ווייסען, אז אזוי לאנג, ווי ער איז אין זייערע הענד, וועט דער פלאג געהאלטען ווערען ריין און אונבאפלעקט; פראסט גערעדט, זיי וועלען ניט אויסלאזען דעם מינדעסטען שאנס, אום אויסצוקעמפפען פאר די קלאוקמאכער די בעסט-מעגליכע באדינגונגען אין אלע הינזיכטען.

און נאך די צוויי הויפט-פאקטארען פון דער אונגעוועהנליכער רוהיגקייט קומט דער, וואס די הויפט-אישיום פון קאמף, וועלכע האבען פריהער געפיהרט צו אזעלכע הייסע שטורמדיגע דעבאטען, זיינען געסעטעלט געווארען אזוי שנעל, ווי דער קאמף האט זיך אנגעפאנגען. די סיסטעם פון שטיק-ארבייט, וועלכע איז ערשט ניט לאנג צוריק געווען אזוי לעבעדיג, און האט געפונען איהרע ליידענשאפטליכע פארטיידיגער זאגאר אין די רייהען פון דער יוניאן, איז שוין טויט, באגראבען און בעשאטען. אלע פיהלען עס, אלע ווייסען עס, און וועגען א מת איז ניטא וואס צו ריידען. די סיסטעם פון וואך-ארבייט איז געבארען געווארען אין דעם מאמענט, ווען דער סטרייק פון די קלאוקמאכער האט זיך אנגעפאנגען, פארלעצטען מיטוואך 10 אזייגער אין דער פריה.

דאס זעלבע איז אויך ריכטיג מכח דער פאדערונג פון א 44 שטונדיגער ארבייטס-וואך. צו שטעלען די פאדערונג האט אויך שוין געמיינט צו געווינען איהר. די ארבייטער ווייסען, אז מעהר ווי 44 שטונדען א וואך וועלען זיי ניט ארבייטען, און די באסעס ווייסען, אז צו קעמפפען נעגען דעם וואלט געווען העכסט זינלאז, ווייל עס וואלט זיי גארניט געהאלפען.

פונקט אזוי האבען ניט די סטרייקער די מינדעסטע אורזאכע צו זיין נערוועז איבער דער פאדערונג פון א מינימום-סקייל פון ווידזשעס. זיי ווייסען, אז האבען איי-מאל די באסעס געמוזט נאכגעבען די פאדערונג פון וואך-ארבייט, מוז לאגישערווייזע פאלגען אויך א באשטימטער מינימום-סקייל, וועלכער איז דער איינציגער מיטעל אריינצוברענגען אמת'ע זיכערהייט אין דעם לעבען פון די ארבייטער.

די איינציגע פראגע, וואס קען זיי מאכען נערוועז אביסעל, איז, פיעלייכט, ווי גרויס עס זאל זיין דער מינימום-סקייל פון ווידזשעס פאר די פארשיעדענע בעלי מלאכות, וואס זיינען באשעפטיגט אין דער קלאוק-אינדוסטריע; זיינען זיי אבער אויך וועגען דעם גאנץ רוהיג, ווייל, ווי מיר האבען שוין געזאגט, זיי האבען זייער פולסטען צוטרוי צו די אויסערוועהלטע פיהרער זייערע, און זיי ווייסען, אז זיי וועלען פאר זיי אויף די קאנפערענצען אויספיהרען דאס סאמע בעסטע, וואס איז נאר מעגליך אונטער די אומשטענדען.

אט דאס זיינען די סבות, וועלכע מאכען דעם גרויסען קאמף פאר דעם רוהיגסטען, געלאסענסטען פון אלע ארבייטער-קעמפפע, וואס דער שיקזאל האט אונז באשערט מיטצומאכען. אין קורצען זיינען די סבות פאלגענדע: דער טיפער באוואוסטזיין פון דער אייגענער מאכט, דער פולער צוטרוי צו די, וואס שטעהען אין די סאמע פאדערשטע רייהען פון קאמף, און דאס, וואס די הויפט-פאדערונגען פון דער יוניאן זיינען אויסגעפאכטען געווארען סיי צווישען די מיטגליעדער גופא און סיי צווישען דער יוניאן און דער באסעס אסס'ן נאך איידער פראקטיש דער קאמף האט זיך אנגעפאנגען. אלעס, וואס עס איז איבערגעבליבען, איז אויסצוארבייטען די איינצעלהייטען און די אויסגלייכונג פון די וועניגער-וויכטיגע פאדערונגען. און פון דעם קומט עס די גרויסע געמיטליכקייט, די זעלען-רוהיגקייט, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר דעם איצטיגען קאמף, אזוי, דאס מיט רעכט וועט ער בלייבען באקאנט אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג אונטער דעם נאמען: „די שטילע רעוואלוציע".

* * *

איצט געהען נאך אן די קאנפערענצען צווישען די פארשטעהער פון די ארבייטער און פון דער באסעס אסס'ן. און אזוי ווייט, ווי מיר ווייסען, געהט אלץ כשורה. און, אויב עס זאל ווייטער אזוי געהן ביז צום סוף, ביז אלע שטרייט-פונקטען וועלען אויסגעגליכען ווערען, איז עס גארניט אונוואהרשיינליך, אז אט די דאזיגע שורות וועלען געלעזען ווערען שוין פון די זיגרייכע סטרייקער, פון די, וועלכע האבען אויסגעפיהרט דורך דעם פאקט פון זייער אייניגקייט און פעסטער ענטשלאסענהייט אין איין וואך דאס, פאר וואס די קלאוקמאכער האבען אזוי העפטיג און אזוי שווער געקעמפפט, באוואוסטזיניג אדער ניט, פאר די לעצטע 25 יאהר.

און עס ווילט זיך אונז שוין איצט גראטולירען די גרויסע קלאוקמאכער יוניאן, די גאנצע אינטערנעשאנאל, איהרע אלע גרויסע און געטרייע פיהרער מיט דעם גרויסען זיעג, אין וועלכען מיר זיינען אזוי זיכער. — אבער מיר ווילען ניט פארכאפען די פאסירונגען. מיר ווילען נאר דערוויל גראטולירען די קלאוקמאכער יוניאן מיט איהר ווירדע, מיט איהר אויסגעהאלטענקייט, מיט וועלכער זי פיהרט איהר גרויסען קאמף. דאס אליין איז א זיעג פון אגאניזאציאנס-קראפט, וואס וועט פארשריבען ווערען מיט גאלדענע בוכשטאבען אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער-באוועגונג, און מיר ווינשען נאר, ניין מיר זיינען זיכער אין דעם, אז אזוי שעהן און רוהיג, און שטארק אין דערזעלבער צייט, ווי דער קאמף האט זיך אנגעפאנגען, פונקט אזוי שעהן, אזוי רוהיג און אזוי שטארק סאלידאריש וועט ער זיך ענדיגען; דאס קיין היסטעריקע, קיינע האסטיגע האנדלונגען אדער זאגאר ווערטער וועלען ניט פארדונקלען דעם גרויסען און טיעפען איינדרוק פון אט דיזער וואונדערבארער שטילער רעוואלוציע ביז צו דעם מאמענט פון איהר גרויסען זיעג.

העכערע דיוס.

אין פאריגען נומער „גערעכטיגקייט" האט ס. זיידמאן, דער מענעדזשער פון דער דרעס און וועיסט-מייקערס יוניאן, לאקאל 25, אין א קורצען ארטיקעל אנגעגעבען אייניגע אורזאכען, ווארום די דיוס פון די מעמבערס זאלען געהעכערט ווערען.

קיינער קען ניט לייקענען, אז די אנגעגעבענע אורזאכען זיינען זעהר שטארקע, און זיי דארפען אפעלירען צו יעדען דענקענדען מיטגליעד. למשל, קיינעם וועט ניט איינפאלען צו זאגען, אז די העכערונג פון די סאלאריס פון די יוניאן-בעאמטע איז אין דעם איצטיגען יקרות ניט קיין דרינגענדע נויטווענדיגקייט.

זיכער, די ארבייטער, וואס באקעמפפען אליין אזוי שטארק די סיסטעם פון סוועטעריי נעגען זיך, וועלען דאך ניט קענען אויף א מינוט ביי זיך פועל'ען צו זיין אליין אין דער ראליע פון סוועטערס, און ניט וועלען געבען זייערע בעאמטע א געהאלט, וואס זאל זיי געבען די מעגליכקייט צו לעבען לכל הפחות ניט ערגער, ווי זיי אליין לעבען.

ביי מאנכע פון די מיטגליעדער קען, אפשר, זיין א געדאנק, אז מען דארף די בעאמטע נאר אין גאנצען ניט, אז די יוניאן קען גאנץ גוט אויסקומען אהן זיי. איז אבער מיט אזעלכע ווילען מיר אין דעם איצטיגען מאמענט ניט דעבאטירען. ווארום פון זייער שטאנדפונקט איז דאך יעדער סענט, וואס ווערט אויסגעגעבען אויף די בעאמטע אזוי ווי ארויסגעווארפען. געליקליכערווייזע מוזען אזעלכע מענשען זיין גאנץ וועניג אין לאקאל 25. ווייל, ווען אזעלכע מענשען וואלטען, חלילה, געווען אין דער מאיאריטעט, וואלט שוין לאנג, לאנג ניט געווען קיין דוך אפילו פון א לידיעס וועיסט מייקערס יוניאן. דער פאקט אבער, וואס די יוניאן עקזיסטירט און בליהט, איז דער בעסטער באווייז פאר אונז, אז די מאיאריטעט מיטגליעדער זיינען פארנינפטיגע מענשען, ניט בלאס פראזען-שיסער, און אט די וועלען געוויס איינפארשטאנען זיין מיט אונז, אז די בעאמטע פון דער יוניאן קענען ניט לעבען איצט אויף דעמזעלבען געהאלט, וואס זיי האבען געקראגען מיט עטליכע יאהר צוריק.

שטארק און אונבאשטרייטבאר איז אויך בהודער זיידמאן'ס צווייטער ארגומענט פאר די העכערונג פון דיוס, ווייל די צאהל פון די ביזנעס-איידזשענטס מוז, דורך דער נייער לאגע פון זיך נאך דעם סטרייק, באדייטענד פארגרעסערט ווערען. דער געוואונענער זיעג, וועלכער האט געקאסט אזא גרויסען פרייז אין יסורים און הונגער-ליידען און קאמפף פון עלף וואכען צייט, קען נאר בלייבען פאקטיש א זיעג, ווען די יוניאן וועט האבען די מעגליכקייט אויפצופאסען אויף די פיעלע ניי-געוואונענע יוניאן-שעפער. וועט זי אבער דאס ניט קענען, קען מיט דער צייט זיך אויסלאזען גארנים מיט גארנים פון דעם גאנצען זיעג, אזוי אז מען זאל דאן נאר פון דאס ניי מוזען קעמפפען. דאס טאר ניט געשעהן. און עס איז אין דער מאכט פון דער יוניאן ניט צו דערלאזען דערצו. זי דארף עס נאר וועלען.

אבער צו די דאזיגע ארגומענטען פון דעם מענעדזשער פון דער יוניאן וואלטען מיר געוואלט צוגעבען נאך א פאר ארגומענטען, וואס דארפען אפעלירען צו די דענקענדע מיטגליעדער.

אונז שיינט, אז די פאדערונג פון א העכערונג פון די דיוס פון 20 אויף 25 סענט האט געזאלט געמאכט ווערען מיט עטליכע יאהר פריהער, און דאן וואלט, אפשר, דער צושטאנד פון דער יוניאן געווען א גאנץ אנדערער, מיר מיינען, א בעסערער, א שטארקערער. ווער ווייס, אויב עס וואלט געווען גאר נויטיג אט דער לעצטער סטרייק, ווען די יוניאן וואלט געווען געהאט אין איהר קאסע א גענוגענדען סטרייק-פאנד. ווער ווייס, אויב דער סטרייק, ווען ער וואלט אפילו שוין געמוזט קומען, אויב ער וואלט אזוי לאנג אנגעהאלטען, ווען די יוניאן וואלט געווען עקאנאמיש ניט אזוי שוואך.

לאמיר ערקלעהרען, וואס מיר מיינען. אונז שיינט, — אז ווען די באסעס וואלטען געוואוסט, למשל, אז די לידיעס וועיסט-מייקערס יוניאן האט א היבשען סטרייק-פאנד אין איהר טרעזשורי, וואלטען זיי ניט געווען אין אזא איילעניש ארויפצוצווינגען דעם סטרייק אויף דער יוניאן. בלויז זייער גלויבען — צוגעגעבען, א נארישער, אן אונבאגרינדעטער — צו קענען ניך צווינגען די ארבייטער אונטערצוגעבען זיך דורך הונגער — דאס האט זיי געמאכט צו ריזיקירען דעם קאמפף. זיי וואלטען אויך אפשר זיך אונטערגעגעבען פועל פריהער, ווען זיי וואלטען אליז גוט געהאפט, אז אט-אט, און די ארבייטער וועלען ניט קענען אויסהאלטען.

דער פאקט איז, עס איז דאך קיין סוד ניט, אז אנשטאט אירגענד וועלכען פאנד אין דער טרעזשורי, איז די יוניאן געווען נאר הינטערשטעליג אין א היבשער סומע, און דאס האט זיכער ניט פארפעהלט צו האבען א ווירקונג אויף די באסעס אין זייער באשלוס. ווי גאנץ אנדערש וואלטען זיי געהאנדעלט, ווי דאס איז איצט דער פאל מיט די קלאוקמאנופעקטשורערס, ווען זיי וואלטען געוואוסט, אז אין דער קאסע פון דער יוניאן איז דא א סומע פון 150 טויזענד דאלאר! און די סומע האט געקענט זיין, ווען יעדער מיטגליעד וואלט עס געהאלטען פאר זיין חוב, ערשטענס, צו באצאהלען דאס, וואס קומט פון איהם, און, צווייטענס, ווען די וועכענטליכע איינצאהלונגען וואלטען געווען כאטש נאר א ביסעל העכערע. אמת, 5 סענט פון יעדען מיטגליעד א וואך איז אן אונבאדייטענדע מטבע, וואס יעדער און יעדע קענען לייכט אויסגעבען, אבער 35 טויזענד מאל 5 סענט איז א גאנץ היבשע סומע. דאס מיינט אן איינקונפט יעדע וואך פון טויזענד זיבען הונדערט פופציג דאלאר, און פאר א יאהר צייט וואלט די איינקונפט פון דער יוניאן פארגרעסערט געווארען אויף 87,500, א סומע, וועלכע וואלט ווירקליך אפגעשראקען גאר פיעלע באסעס פון אנצוהויבען א קאמפף מיט די ארבייטער.

ליידער איז דאס ניט געווען אזוי. אנשטאט דעם, וואס די יוניאן זאל האבען א צוויי הונדערט טויזענד דאלאר, האט זי גאר געהאט א היבשען דעפיציט. דאס טאר מעהר ניט געשעהן. דער סטרייק דארף זיין א גוטער לעסאן פאר אלע.

און נאך אן אורזאכע איז דא, ווארום מיר גלויבען, אז די דיוס דארפען געהעכערט ווערען. מיר זיינען געווען די טעג מיט א באזוך אין דעם אפיס פון דער לידיעס וועיסט און דרעסמייקערס יוניאן. דער אפיס פארנעהמט א גרויסע שעהנע הויז אויף דער 21טער סט. עס איז דער יוניאן'ס אייגענע הויז, און מיר צווייפלען ניט, אז ווען דאס הויז איז געקויפט געווארען, איז עס געווען גרויס גענוג, לויט דער גרויס פון דער יוניאן, פאר אלע איהרע באדירפניסע. אבער די יוניאן איז איצט פיעל מאל אזוי שטארק, און דאס הויז מיט אלע זיינע פלארס איז דאך צו קליין פאר דער קאר-כעדינער און פיעלפאכער טעטיגקייט, וואס געהט דארט אן. אין פילאדעלפיא, וואו די יוניאן איז א זעקסטעל די גרויס, פארנעהמט זי דארט פונקט אזא הויז, אויב ניט זאגאר א גרעסערע, און דארט איז אויך ניט צו גראם. מען קען זיך דארום מאכען לייכט א באגריף, ווי מען איז צוזאמענגעשטיקט אין די איצטיגע העדקוואדערס פון דער יוניאן.

צוליעב דעם איז עס העכסט-נויטיג פאר דער יוניאן, פאר איהר טעטיגקייט, פאר איהר גוט-געפיהרטער ארדנונג און פאר דער העכסט-מעגליכסטע באקוועמליכקייט פון אלע איהרע מיטגליעדער צו האבען א פיעל גרעסערע הויז, ווי זי האט איצט. דערצו אבער פאדערט זיך גאר א היבשע סומע געלד. און פון וואנען זאל עס די יוניאן נעהמען, אויב די דיוס זאלען בלייבען די זעלבע?

מיר דענקען דארום, אז פון אלע

וועלכע סטרייקען, [illegible] גוט ווען די מאכט איז אויף זייער זייט פון די סטרייקערס און נים ווען די לענדלארדס הערען די וועלט פאר א נראש. קריגען מאקע די סטרייקערס נאר מאר־טערניש, נים מעהר.

די רעקאנסטראקשאן קאמיטע האט אט די אלע פאקטען געווים גענוואוסט, זי האט נים געקענט נים וויסען זיי, אבער איהר פלאן פאר א לעזונג פון דער פּראָבלעמע האט זעהר ווענינ צו טאן מיט די פאקטען. „העלפען" בויען הייזער, באַקעמפפען פּראָפיטירינג, — איז געווים ווענינ. מען דארף נים „העלפען" — עס איז פאראן גענוג געלד און גענוג ארבייטער, און באקעמפפען פּראָפיטירינג איז כמעט אונמעגליך אין א געזעלשאפט, וועלכע איז געבוים אויף דעם פונדאמענט פון פּראָפיטען.

די וואהנונג און רענט פראגען באלאנגען צו יענעם סארט פראגען, וועלכע האבען צוויי לעזונגען: א באלדיגע און צוקונפטדיגע. מיר מיינען דערמים נים, אז מען דארף ווארטען אויף סאציאליזם מים דער צוקונפטדיגער לעזונג, עס איז בלויז א פראגע פון א יאהר אדער אפילו עטליכע מאנאטען. מען קען פארטיג מאכען הייזער אין עטליכע מאנאטען. צוויי הונדערט טויזענד וואהנונגען — קאטעדזשעס און אפארטמענטס — קען מען האבען אין הערבסט, און די צוויי הונדערט טויזענד וואהנונגען וואלטען מים אמאל אפגעשאפט דעם דוחק אין וואהנונגען אין ניו יארק. און א פּראָפּריאיישאן פון צוויי הונדערט מיליאן דאלער וואלט געווען גענוג. דאס הייסט נים, אז מען דארף אויסלעגען צוויי הונדערט מיליאן, גענוג איז צוואנציג אדער פערציג מיליאן דאלער און דאס איבריגע קען מען קריגען פון די בענק אויף מארטגעדזשעס. די שטאדט ניו יארק וואלט עס געקענט טאן, דער שטאאט ניו יארק וואלט עס געקענט טאן. וואס באדייטען עטליכע צעהנדליגע מיליאן דאלער? דאס וואלט אבער אנגעריהרט די אינטערעסען פון די ריעל־עסטייטניקעס, דאס טאר מען נים טאן, ווייל ס'איז נעגען דעם פּרינציפּ פון פּריוואט אייגענטום, פון פּראָפיטען. וועט מען עס נים טאן.

און אפילו ווען די שטאדט און דער שטאאט וואלטען באשלאסען צו בויען הייזער, וואלט עס נעווען א צוקונפטדיגע לעזונג פון דער פראגע. די באפעלקערונג, די ארימע שיכטען פון דער באפעלקערונג לייִדען אבער איצטער, הייגטיגען טאג. זיי קענען נים ווארטען, זיי קענען נים אויסקומען אהן וואהנונגען, זיי קענען נים צאהלען די רענטס, וועלכע מען פאדערט פון זיי. מען מוז די פראגע באמש טיילווייז, לעזען באלד, תיכף ומיד. איז דען ווענינ וואהנונגס פלאץ דא אין ניו יארק? טויזענדער פאמיליען פארנעמען הייזער און אפארטמענטס פון צוואנציג [illegible] וויזיטינג רומס. עס קען גאנץ גוט זיין, אז אט די פאמיליען דארפען די, אלע רומס, זיי נוימען זיך אין עטליכע פארלארס, אין לייברעריס, אין בודוארען און אין ביליארד־רומס, אבער אז עס איז ענג אין שטעדטעל, קען מען ווי אזוי עס איז אויסקומען אהן בודוארען און אהן פּריוואטע ביליארד רומס. עס וואלט אפגעשפארט פלאץ פאר די וואס נויטיגען זיך אין א בעד־רום. געווים, עס וואלט נים געווען גענוג, אבער עס זיינען פאראן צעהנדליגע טויזענדער פאמיליען, וועלכע פארנעמען הייזער און אפארטמענטס פון צעהן און פופצעהן רומס. מען וואלט אין די „ארימערע" וואהנונגען געקענט אפשפארען נים ווענינ רומס פאר די, וועלכע נויטיגען זיך אין א קיך. עס איז דאך א פראגע פון בלויז עטליכע מאנאטען, קען מען ווי אזוי עס איז אויסקומען, מען קען זיך דורכמאכען אין זיבען־אכט רומס, בפרט ווען אט די אלע פאמיליען פאהרען ארוים אויף זומער־צייט צום ים אדער אין די וועלדער.

אזא פלאן וואלט מען געווים אנגערופען „באלשעוויזם". ווי אזוי אבער מען זאל איהם נים אנרופען איז נים וויכטיג. וויכטיג איז דאס, וואס ער וואלט תיכף אפגעשטעלט די „פּראָפיטירינג", ווייל די לענדלארדס וואלטען אויפגעהערט צו זיין מיוחסים, און וואלט געשאפען וואהנונגען צו די, וועלכע נויטיגען זיך אין זיי. די טענאנטס וואלטען געצאהלט פאר זייערע וואהנונגען, — ווער וויל עס וואהנען אין א הויז אומזיסט? — און די מיליאנערען וואלטען געקענט אריינגעמען נים ווענינ רענט־געלד. אם ענדע זומער וואלטען פארטיג געווען די הייזער, וועלכע די שטאדט אדער דער שטאאט וואלטען געבויעט, און קיין דוחק אין וואהנונגען וואלט נים געווען. אזא פלאן, אויב דורכגעפיהרט, וואלט אויך געווען אן אנהויב פון רעקאנסטראקשאן.

עס פארשטעהט זיך, אז אזא פלאן האט מען נים געקענט ערווארטען פון אונזער רעקאנסטראקשאן קאמיטע.

מיטגליעדער פון לאקאל 66, אויפמערקזאם!

דעם זונטאג, פונקט 1 אוהר בייטאג, וועלען די מיטגליעדער פון דער באנאז עמבראידערי ארבייטער יוניאן, לאקאל 66, זיך פארזאמלען אין מעטראפאליטאן מוזעאום אוו ארט, 84טע סטריט און 5טע עוועניו, אין רום „איי". מיר קאר וועט דארט פארטראגען א פארטראג איבער די גריכישע קונסט, און נאכדעם וועלען די מיטגליעדער מאכען א שפאציער איבער די קונסט־גאלעריס.

די מיטגליעדער פון דעם לאקאל, וועלכע ווילען גוט פארברייגגען און דערביי עפּעס לערנען, זיינען געבעטען צו קומען.

קלערט צוויי זאכען. איינס: אז מען קען נים מיט איין מאל איבערמאכען די וועלט און משיח מוז קומען שטופענווייז. צווייטענס: אז זיינע אידעאלען האבען ארויסגערופען נים צו ווענינ באגייסטערונג, נאר צו פועל. מענשען האבען געגלויבט, אז אט־אט קומט משיח. און דעריבער מוז ער זיי ווארענען: פאוואָלינקע, קינדערלאך! משיח טאר זיך נים איילען!

איך ברייננ דא ווילסאנ'ס מיינונג פאר די, וואס געהן ארום און זוכען, ווי זיי וואלטען עפּעס פארלארען; פאר די, וואס געהן ארום און זוכען די באריהמטע „פערצעהן פונקטען" אין זייער גאנצען גלאנץ און פּראכט; פאר די, וואס באוויינען און באקלאגען דעם פריהצייטיגען טויט פון דעם אייביגען שלום; בקיצור, פאר די, וואס לייִדען פון דער קראך־קראנקהייט און פון דער טרערען־קראנקהייט.

זאג איך צו די דאזיגע קלאגער און זוכער: משיח קען נים קומען מיט אמאל און אידעאלען זיינען פאר דער וויטער צוקונפט.

זאג איך צו זיי: סאציאליזם איז זיך טאקע סאציאליזם, אבער אן אייגען פאבריקעל שאדט דערוויל נים. און פעלקער־ליגע איז זיך פעלקער־ליגע און פּראָגראמען זיינען זיך פּראָגראמען. און אייביגער שלום איז זיך א גאנץ שעהנער אידעאל, אבער צו א מלחמה קומט עס נים. און „פערצעהן פונקטען" קען מען נים מיר־נים דיר־נים נעמען און אנהענגען אויף קלעמאנסאָ'ן און ארלאנדאָ'ן.

א קלוגער מענש ווילסאן און קען תמיד זאגען דאס ריכטיגע ווארט אין דער ריכטיגער צייט.

נאך אלעמען, אז איהר ווילט צוריק שמועסען, איז די וועלט תמיד געווען פארליעבט אין שלום און אלע מענשען זיינען זיך גרייט דעם הארץ צו שנייַדען פאר שלום.

אונזערע נביאים האבען געפּרעדיגט שלום און ווילהעלם דער צווייטער, להבדיל, איז געווען פארקאכט אין שלום, און ניקאלאי דער צווייטער, להבדיל באלף אלפי הבדלות, האט געוואלט שאפען אן אייביגען שלום. ווילהעלם האט א פערטעל יאהרהונדערט געקלונגען מיט זיין שווערד — מיינט איהר, צוליעב וואס? כדי צו היטען דעם שלום. און די גאנצע וועלט בכלל איז אזוי פארקאכט אין שלום, אז זי איז גרייט צוליעב איהם צו פיהרען די בלוטיגסטע מלחמות. און דערפאר שליסט מען געוועהנליך נאך יעדער מלחמה אן אייביגען שלום ביז... דער נעכסטער מלחמה.

אזוי פיהרט זיך די וועלט און איהר קענט די — זאגט ווילסאן — מיט איין מאל נים אוועקשטעלען מיט'ן קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף.

און מיר פרעהען זיך מיט'ן שלום. און מיר זיינען מיט איהם צופרידען. און ווילסאן, ווייזט אויס, איז אויך צופרידען.

און אז דער אינדיאנער „משיעה" וועט פרעגען ווילסאנ'ען:

— האסטו גערויכערט מיין ליולקע פון פרידען?

וועט ווילסאן איהם בארוהיגען: ער האט גערויכערט.

און אז דער אינדיאנער וועט איהם פרעגען:

— האסטו באגראבען די האק פון מלחמה?

וועט ווילסאן האבען וואס ענטפערן: ערשטענס, ברודערעל, האסטו, דער אמת'ער אמעריקאנער, פארגעסען מיר מיטצוגעבען די האק; צווייטענס, ווייסען אלע ציוויליזירטע מענשען, אז משיח קען נים קומען מיט איין מאל.

און אפשר וועט דער אינדיאנער זיך קענען איינלעבען אין דער פסיכאלאגיע פון ציוויליזירטע מענשען און אפשר וועט ער אויך זיין צופרידען.

וואָרום מוז מוני קריגען א נייעם פּראָצעס

א רעדע פון דר. י. ל. מאגנעס אין מעדיסאן סקווער גארדען, דעם 1טען מאי, 1919.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 23, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

מיר זיינען דא צו פאדערען א נייעם פּראָצעס פאר מוני. מיר פאדערען א נייעם פּראָצעס, ווייל מיר זיינען איבערצייגט, אז ער איז אומגערעכט פאראורטיילט געווארען צום טויט, און אז עס איז אן אומרעכט, וואס מען האלט איהם אין פּריזאן. דער ריכטער, פאר וועמען זיין טרייעל איז פארגעקומען, און וועלכער האט איהם פאראורטיילט, פאדערט א נייעם טרייעל. די קאמיסיע, באשטימט פון פּרעזידענט צו באטראכטען דעם פאל, פאדערט א נייעם טרייעל. פיעלע פון די באווייזע, פארגעבראכט אויפ'ן טרייעל, האבען זיך ארויסגעוויזען צו זיין פאלשע. דער דיסטריקט אטוירני פון סאן פראנציסקא, וועלכער האט געהענדעלט דעם פאל האט זיך ארויסגעוויזען, דורך די רענגזאם־ענטפלעקונגען, צו זיין א ווערקצייג פון דער סאן פראנציסקא'ער טשעמבער אוו קאמערס, א קנעכט פון די יעניגע, וועלכע זיינען נעגען דער אינדוסטריעלער דעמאקראטיע. וואָרום אלזא קריגט נים מוני א נייעם טרייעל?

איז עס דערפאר, ווייל אונזערע געזעצע און קאורטס, וועלכע זיינען אפשר געווען גוט גענוג אין דער פארגאנגענהייט, זיינען איצט פארעלטערט און קענען נים מעהר פאסיג זיין פאר די נייע פּראָבלעמען פון דער אינדוסטריעלער דעמאקראטיע, וועלכער פארשפרייט זיך ווי א פייער איבער דער וועלט? אויב מאנכע פון אונזערע געזעצע און מאנכע פון אונזערע קאורטס זיינען פארעלטערט; אויב צוליעב דעם קען נים געטאן ווערען קיין גערעכטיגקייט אין דעם מוני־פאל און אין אנדערע פּאָליטישע און אינדוסטריעלע פעלע, דאן איז עס די פליכט פון דער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט און פון אלע אנדערע דעמאקראטישע כוחות אנצושטרענגען זייער פּאָליטישע און עקאנאמישע מאכט פאר די באשאַפונג פון נייע געזעצע, און צו זעהען, אז עס זאל געשעהען גערעכטיגקייט. די געזעצליכע טעכנישע שוועריגקייטען, וועלכע שטערען דער גערעכטיגקייט, מוזען אוועקגעריסען ווערען דורך דעם רייניגענדען שטורם, וואס טראגט זיך איבער דער גאנצער וועלט, און דורך וועלכען די ארביטענדע מאסען שטרענגען זיך אן צו באשאפען א נייעם הימעל און א נייע ערד.

דער הייגטיגער מיטינג מוז זיין פאר אמעריקא א ווארנונג און א סימבאל, אז דאס אמעריקאנער פאלק איז אויף דער וואך, און דאס אין דער נייער אמעריקא וועט אפילו די קאורטס נים זיין ערלויבט צו האנדלען אומגערעכט.

מיר גלויבען, אז מוני דארף האבען א נייעם טרייעל, ווייל מיר זיינען איבערצייגט, אז ער האט גארנים געהאט צו טאן מים ווארפען באמבען, אדער אז ער האט באגאנגען יענעם פארברעכען, אין וועלכען ער ווערט באשולדיגט. ווען מיר וואלטען געגלויבט, אז ער האט עטוואס געהאט צו טאן דערמיט, וואלטען מיר דא נים געווען. איך ווייס, אז איך רייד אין דעם נאמען פון אייך אלע, ווען איך זאג, דאס מיר זיינען אבסאלוט נעגען מארד און בלוט־פארגיסונג אלס א מיטטעל צו ענטשיידען אירגענד וועלכען שטרייט. פאר זיך זעלבסט מוז איך זאגען, דאס איך פארהאס די בלוט־מעטאדע, און דאס איך גלויב נים אין די ווירקזאמקייט פון ברוטאלער געוואלט פאר די ענטשיידונג פון אירגענד א שטרייט, זאל ער זיין צווישען איינצעלנע, אדער צווישען קלאסען, אדער צווישען רעגירונגען זעלבסט.

בלוט־פארגיסונג איז א סארט „דירעקטע אקציאן", אין וועלכע איך גלויב נים און אין וועלכע, איך בין זיכער, אויך איהר גלויבט נים. אין וואס איך און איהר גלויבען יא, איז עס דירעקטע עקאנאמישע און פּאָליטישע אקציאן, און איך מעג אויך צוגעבען, דירעקטע גייסטיגע און מאראלישע אקציאן.

די ארבייטער פון דער וועלט מוזען אויספיהרען צו ברייננען א נייע, א בעסערע צייט, ארגאניזירענדיג זייער גאנצע פּאָליטישע און עקאנאמישע מאכט. נאר דורך דאס סטראשען פון א דזשענעראל סטרייק דורך דעם זאמענטאנען „טריפּעל אלייענס" — די אייזען־ארבייטער יוניאן, די טראנספּארט־ארבייטער יוניאן און די מיינערס יוניאן — איז די בריטישע רעגירונג געצוואונגען געווען נאכצוגעבען די בריטישע ארבייטער.

היינט אין פּאריז האבען אלע ארגאניזירטע ארבייטער אוועקגעלייגט זייערע ווערקצייג, אום צו קריגען דורך אן ארגאניזירטען פּאסיווען ווידערשטאנד זייערע ראדיקאלע פאדערונגען.

אמעריקא דארף נים מורא האבען פאר געוואלט און בלוט־פארגיסונג, ווען די ארבייטער וועלען ווען־עס־איז אויספיהרען צו ארגאניזירען זייער גאנצע פּאָליטישע און עקאנאמישע מאכט. אין דעם משך פון די עטליכע טעג אין סיאטעל, ווען די ארגאניזירטע ארבייטער האבען גענומען דעם קאנטראל איבער דעם לעבען פון שטאדט, איז געווען וועניגער געוואלט פון אירגענד וועלכע צייט, ווי אין אירגענד א צייט פון דער פריהערדיגער געשיכטע פון דער געמיינדע.

אמעריקא דארף פיעל מעהר שרעקען זיך פאר דער אנארכיע פון אזעלכע פערזאנען, ווי די מינען־אייגענטימער און רעפּיוטי שעריפס פון ביזבי, אריזאנא, וועלכע האבען ארויסגעטריבען הונדערטע געזעץ־געהארכענדע בירגער אין די וויסטע. אמעריקא דארף זיך מעהר שרעקען פאר דאס, וואס פיעלע ווערען ארעסטירט אונשולדיג, וואס פרייע פּרעסע, פרייע רעדע און פרייע פארזאמלונג ווערען אונטערדריקט.

דער מענש, וואס האט געשיקט די העלישע מאשינען דורך פּאסט נים לאנג צוריק איז א ברוטאלער, פיינער פארברעכער. און מעהר, ער איז אן אונוויסענדער נאר. ער האט געשאדט די ארבייטער, וועמען אין זיין אונוויסענהייט ער האט געמיינט צו העלפען. ער און עהנליכע צו איהם לייגען ארויין אין די הענד פון די רעאקציאנערען א וואפען, וועלכע זיי זיינען זעהר צופרידען צו געברויכען נעגען מיר און אייך.

ארגאניזירטע ארבייט און די זאך פון גערעכטיגקייט קענען גארנים געווינען און מוזען אלעס פארלירען דורך באנוצען זיך מיט געוואלט און בלוט־פארגיסונג. פון דער אנדערער זייט איז דא צופיעל אונגערעכטיגקייט, ארעמקייט און עלענד, צופיעל געוואלט פון די, וועלכע זיינען אין מאכט. ווען וועלען די, וועלכע זיינען אין מאכט, לערנען דעם לעסאן פון דער געשיכטע, דאס אונטערדריקונג פיהרט אונפארמיידליך צו געוואלט? דאס אונטערדריקען פון בירגערליכער פרייהייט, פון דיסקוסיאן און פון דער עפענטליכער מיינונג איז געפעהרליך אין א דעמאקראטיע. דורך די מאכט פון דער עפענטליכער מיינונג מוזען אלע איבלען באזייטיגט ווערען, און גערעכטיגקייט מוז זיין דער ווינקעלשטיין פון א רעפּובליק. און, ווי איך פארשטעה, זיינט איהר ענטשלאסען צו קריגען גערעכטיגקייט פאר מוני דורך די ערציהונג פון דער עפענטליכער מיינונג אויף דעם איינציגען אופן וואס איהר קענט, דורך דעם צוואנג פון אייער פאראייניגטער פּאָליטישער און עקאנאמישער מאכט.

מיר ווילען אויפוועקען די עפענטליכע מיינונג, דעם געפיהל, די הארץ, דעם געוויסען פון יענער אמעריקא, וועלכע איז פריי, איבער דער אונגערעכטיגקייט פון נים געבען מוני א נייעם טרייעל. מיר ווילען, אז די אמעריקאנער עפענטליכע מיינונג זאל זיין אינפארמירט איבער דעם פאל וועניגסטענס אזוי פיעל, ווי דאס איז די עפענטליכע מיינונג אין רוסלאנד.

מיר זאגען צום אמעריקאנער פאלק — און מיר זיינען זיכער, אז ער וועט אונז הערען: גיב מוני א נייעם טשאנס צו באווייזען זיין אונשולד אויף אן עהרליכען טרייעל, אויף וועלכען עס זאלען נים זיין קיינע געקויפטע און פאלשע עדות. מיר זאגען ווייטער צום אמעריקאנעם פאלק, באפריי אלע פּאָליטישע און אינדוסטריעלע געפאנגענע. זאל קיין מאן, קיין פרוי נים געהאלטען ווערען אין פּריזאן צוליעב זייערע מיינונגען אדער גלויבענס, אדער צוליעב זייער טרייהייט צו דער זאך פון די ארבייטער פון דער וועלט. זאלען יענע אלטע ווערטער ווידערלעבען, וועלכע די פאטערס פון אמעריקאנער פרייהייט האבען אויסגעקריצט אויף דעם ליבערטי בעל: „פּראָקלאמירט די פרייהייט דורך דאס, און צו אלע זיינע איינוואוינער".

קיטען, ווי שור ניט דורכצופיהרען
די פאדערונגען פון די ארבייטער. לאמיר
נעמען די פאראייניגטע שטאאטען, צום
ביישפיעל. די אינטערנאציאנאלע ארביי־
טער קאנפערענץ נעמט אן, למשל, אן
אכט שטונדיגען ארבייטס־טאג. די פעדע־
ראלע רעגירונג גיט עס איבער צו די לאָ־
קאלע לעדזשיסלייטשורס, וועלכע רעכ־
נען זיך מיט זייערע „לאקאלע צושטאנ־
דען" און ווארפען דורך דעם פראיעקט.
דער סוף איז, אז די פעדעראלע רעגירונג
בלייבט א שענער מענש און דער געזעץ־
פראיעקט איז דאך דורכגעפאלען.

די אינטערנאציאנאלע לייבאר ביורא
וועט באשטעהען פון פיער און צוואנציג
מענשען, דריי פערטעל פון וועלכע וועל־
לען פארטרעטען די רעגירונגען און די
באלעבאטים און איין פערטעל די אר־
בייטער.

די הויפט עובדא פון דער ביורא
וועט זיין ארויסצוגעבען בולעטינס וועל־
גען דער ארבייטער לאגע איבער דער גאנ־
צער וועלט. איהר הויפט־מאכט וועט בא־
שטעהן אין דעם, דאס טאמער וועט זיך
טרעפען א רעגירונג וואס וועט ניט וועל־
לען זיך אונטערווארפען צו א באשלוס
פון דער ארבייטער קאנפערענץ, ד. ה.,
זי וועט עס אפילו לפנים וועגען ניט וועל־
לען פארשלאגען אלס געזעץ־פראיעקט
צו איהר געזעצגעבענדער קערפערשאפט,
וועט די ארבייטער ביורא קענען מאכען
אן א נ פ ר א ג ע ביי דער באטרע־
פענדער רעגירונג און אין פאל זי וועט
ניט קריגען קיין צופרידענשטעלענדען
ענטפער, וועט זי קענען דעם פאקט
פ א ר ע פ ע נ ט ל י כ ע ן מיט קאמענ־
טארען.

אין אנדערע ווערטער, די ביורא
וועט אין אזא פאל קענען אפעלירען צו
דער עפענטליכער מיינונג און וועט קע־
נען זאגען צו דער באטרעפענדער רעגי־
רונג: „אדוני פריץ, איהר מעגט זיך
שעמען!"

ווי אזוי די פאריזער קאנפערענץ
האט גערעכנט דורך אזא אינסטרומענט
צופרידענצושטעלען די אומרוהיגקייט
פון די ארבייטער איז ווירקליך אונבא־
גרייפליך. נאך אונבאגרייפליכער איז עס,
ווען מען דערמאנט זיך, אז געוויסע אר־
בייטער־פארטרעטער האבען איינגע־
שטימט צו דעם ראזיגען פלאן.

פרעזענטירען דעם טשערמאן.

די ארבייטער פון דער אינטערנע־
שיאנאל ווייסט קאמפ. 110 וו. 17טע סט.
האבען פרעזענטירט דעם שאפ־טשערמאן
ברודער סעם לעווין, מיט א גאלדענע
טשיין, פאר זיין גוטער יוניאן־טעטיגקייט.

די קאמיטע.

רעקאנסטראקשאן, רענט און וואוינונגען

פון מ. קאלטשין.

True translation filed with the Postmaster at New-York City on May 23, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

אונזער שטאאט ניו יארק האט זיך
אויך באשעפטיגט מיט רעקאנסטראק־
שאן, — אזא שטאאט האט דאך ניט גע־
קענט אויסקומען אהן אזא מאדנער
פראבלעמע. און מאדנע איז די פראבלעמע
געווען, — ווי שפאנישע אינפלוענזא,
פערצעהן פונקטען, ארבייטער פארטייען
און נאך אזעלכע זאכען. צוריק מיט א
יאהר האט מען וועגען קיין פראבלעמע
אזוי פיעל ניט גערעדט און געשריבען ווי
וועגען רעקאנסטראקשאן. מען האט רע־
קאנסטרואירט אלעס און אומעטום, מען
האט אפילו אנגעהויבען רעקאנסטרואי־
רען רעקאנסטראקשאן. געוויס, דאס האט
געדויערט בלויז א קורצע צייט, ווייל
גלייך ווי מען האט זיך אויפגע־
שלאגען, האט מען ביי אונז אלע פראב־
לעמען וועגען רעקאנסטראקשאן אוועק־
געלעגט אויף דער פאליצע. איצטער, ווי
עס ווייזט אויס, ווען מען קען זיך בא־
געהן אהן די ברייטע מאסען, ווען דע־
מאקראטיע איז זיכער און פונקטען הא־
בען מיר אהן א שיעור, דארף מען ניט
קיין רעקאנסטראקשאן, מען דארף אפילו
וועגען דעם ניט רעדען, ווייל אז מען
רעדט קען מען זיך נאך צו עפעס דערע־
דען. אין אנדערע לענדער האט מען
עטוואס געטאן אהן רעדעס, אבער ביי
אונז, אזוי ווי געטאן האט מען גארניט
און גערעדט האט מען א סך, איז פון
דער רעקאנסטראקשאן פראבלעמע גאר
ניט געבליבען ווען מען האט אויפגעהערט
רעדען.

* * *

מיר האבען ניט פיעל ערווארטעט
פון דער רעקאנסטראקשאן קאמיטע פון
שטאאט ניו יארק, וועלכע איז אנגע־
שטעלט געווארען ביי גאווערנאר סמיטה.
וואס־וואס, קאמיטעס האבען מיר געהאט
מעהר ווי גענוג, אבער ארויסגעקומען
דערפון איז ווייניג. אויסער דער ניו יארק
סטייט פעקטארי אינוועסטיגייטינג קא־
מישאן האבען אלע קאמיטעס נאכגע־
פאלגט איינעם און דעם זעלבען פלאן:
זיי האבען אונטערזוכט א פראגע אזוי
לאנג, מען פארפלאנטערט דעם ענין אזוי
שטארק, אז יעדער האט זיך אויפגעהערט
מיט דעם צו אינטערעסירען. און נאך
אלעס פארעפענטליכט מען א באריכט,
וועלכען קיינער לייענט ניט און קיינער
פארשטעהט ניט. איך מיין דערמיט ניט
צו זאגען, אז די ניו יארק סטייט פעק־
טארי אינוועסטיגייטינג קאמישאן האט
פיעל אויפגעטאן, פארקעהרט, אויפגע־
טאן האט זי זעהר ווייניג, אבער איהר
ארבייט איז פארגעקומען אין א צייט,
ווען דער עולם האט זיך אינטערעסירט
מיט דער ארבייטער־פראגע און די אר־
בייטער זעלבסט האבען אויך באוויזען א
שטיקעל אינטערעס. די פאראהערע פון
דער קאמישאן האבען דאריבער צוגעצוי־
גען די אויפמערקזאמקייט פון די ברייטע
מאסען און איהרע אונטערזוכונגען הא־
בען געדיענט אלס פראפאגאנדא צווישען
די ארבייטער. דאס אלעס. אונזער רע־
קאנסטראקשאן קאמיטע האט דאס אויך
ניט געטאן: הגם רעקאנסטראקשאן איז
געווען די וויכטיגסטע פראגע פון טאג,
די ברענענדיגע פראגע, האט מען וועגען
איהרע פאראהערען ווייניג געהערט און
איהרע אונטערזוכונגען האבען קיינעם
ניט אינטערעסירט. און איצט האט די קא־
מיטע אפגעגעבען א באריכט מיט רעקא־
מענדאציעס. אמת, עס איז ניט קיין ענד־
ליכער באריכט, אבער מען האט געקענט
ערווארטען, אז די קאמיטע וועט זיך
קודם כל באשעפטיגען מיט די פונדא־
מענטאלע פראבלעמען פון רעקאנסטראק־
שאן, און אנשטאט דעם האט זי זיך
הויפטזעכליך אפגעשטעלט אויף דער
פראגע פון וואהנונגען, גלייך ווי דאס
וואלט געווען די וויכטיגסטע אדער די
איינציגע וויכטיגע פראגע, גלייך ווי אר־
בייטסלאזיגקייט איז ניט־וויכטיג, גלייך
ווי דער יקרות איז ניט ביטער. די רע־
קאנסטראקשאן קאמיטע האט די גאנצע
פראבלעמע פון רעקאנסטראקשאן פאר־
וואנדעלט אין א פראגע פון וואהנונגען,
פון הויכע רענטס.

און מען קען ניט זאגען, אז די
פראגע פון וואהנונגען און רענטס איז גע־
שטעלט געווארען ווי עס דארף צו זיין.
מיר ווייסען אלע, אז עס איז א מאנגעל
אין וואהנונגען, ניו יארק איז ניט דער
איינציגער שטאאט, און אמעריקא איז
ניט דאס איינציגע לאנד, אין וועלכען די
וואהנונגס פראגע ווערט יעדען טאג שאר־
פער. מען האט א צייט ניט געבויעט קיין
הייזער און פאר די לעצטע פאר יאהר,
טראץ אלע אינקאם שטייערען, עקסעס־
פראפיט שטייערען און נאך אנדערע
שטייערען, זיינען געשאפען געווארען ניט
ווייניג אלרייטניקעס, וועלכע ברויכען
גרעסערע אפארטמענטס. עס איז א דוחק
אין וואהנונגען און די רענט ווערט אלץ
העכער. ערשטענס, זיינען די שטייערען
העכער; צווייטענס, איז ארבייט טייע־
רער, און דריטענס, איז מאטעריאל
טייערער. די הייזער באזיצער זיינען גע־
וויס בארעכטיגט — לויט דאס פריוואט
אייגענטום רעכט — צו העכערע רענטס.

אבער די רענט האט זיך פארגרע־
סערט אויף פיעל־מעהר, איידער די
שטייערען, די קאסטען פון ארבייט און
די פרייזען פון מאטעריאל. פארוואס?
ווייל ווען די ריעל עסטייטניקעס האבען
דערזעהן, אז עס איז פאראן ווייניגער
וואהנונגען איידער די נאכפראגע אויף
זיי, האבען זיי אנגעהויבען העכערען
רענט אויסער אלע פראפארציעס. אנ־
געהויבען האט זיך פאר־א־יאהרען. כמעט
יעדען מאנאט האבען די טענאנטס גע־
קראגען נאטיסעס, אז זייער רענט ווערט
פארגרעסערט, א דאלער, צוויי דאלער,
דריי דאלער. ביסלעכווייז האט מען די
רענט אזוי אנגעצאגען, אז אין איינינע
טיילען פון ניו יארק זיינען איצטער די
רענט צוויי מאל אזוי גרויס ווי זיי זיי־
נען געווען אין 1917. און קיין הייזער
בויעט מען ניט, מען זאגט, אז עס לוינט
זיך ניט, און עס קען זיין, אז עס איז
ריכטיג. פאר א ריעל עסטייטניק לוינט
זיך געוויס מעהר צו האבען צוואנציג
אפארטמענטס צו דרייסיג דאלער א מא־
נאט, איידער דרייסיג אפארטמענטס צו
צוואנציג דאלער א מאנאט. די הכנסה
וועט ער האבען דיזעלבע, היינט צו וואס
זאל ער בויען נייע הייזער, ספענדען געלד
איצטער, ווען ארבייט און מאטעריאל
איז טייער. ער וועט בעסער ווארטען.
יעדער גלויבט דאך, אז די ארבייטער־
שכירות וועלען מיט דער צייט פארקלע־
נערט ווערען.

די לאגע פון די ארבייטער־פאמי־
ליעס איז געוויס שלעכט. די לעצטע פאר
וואכען האבען מיר געהאט ניט ווייניג
לאדעניש אין די קאורטס, לאדעניש
צווישען די לענדלארדס און די טענאנטס.
אין בראנקס, צ. ב., האט א טענאנט גע־
קראגען א נאטיס, אז זיין רענט ווערט
פארגרעסערט אויף זעקס דאלער א מא־
נאט. ער האט ניט געקענט צאהלען אזא
רענט און קיין אנדער וואהנונג האט ער
אויך ניט געקענט געפינען. דער לענד־
לארד האט געבעטען דעם קאורט ער זאל
ארויסמופען דעם טענאנט, און דער טע־
נאנט האט גענומען מופען. וואהין? דאס
ווייסט מען ניט. און דאס איז ניט נאר
אין בראנקס אזוי, אין ברוקלין און אין
מאנהעטען איז ניט בעסער. אין בראנקס
און אין בראנזוויל וואהנען עטליכע פא־
מיליעס אין איין אפארטמענט, זיי האבען
ניט וואהין צו געהען און קענען ניט
אפארדען צו דינגען באזונדערע אפארט־
מענטס. אזוי איז געווען ביז איצטער,
היינט וואס וועט זיין אין הערבסט, וואס
וועט זיין מיט די רענט דאן? עס זיי־
נען פאראן איינינע גרופען טענאנטס,

שלום

(פעליעטאן)

פון א. וואהלינער.

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 23, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

האלט עס ביי שלום. די שלום־באדינגונ־
גען אויסגעארבייט. די דייטשען וועלען
מסתמא אונטערשרייבען. און עס וועט זיין
שלום. אזוי זאגט מען.

און דא האט אייך א לעגענדע:

בעת אונזער פרעזידענט איז צום ערשטען
מאל געפאהרען נאך אייראפא צו די שלום־
פערהאנדלונגען, איז צו איהם, זאגט מען, גע־
קומען אן אלטער אינדיאנער „משיעף" און
האט איהם דערלאנגט אן אלטע אינדיאנער
ליולקע און האט צו איהם אזוי געזאגט:
„געה, רויכער די ליולקע פון פרידען".

ביי די אינדיאנער איז א מנהג: ווען
מען מאכט שלום, באגראבט מען דעם „וואר
העטשעט" — די מלחמה־האק, הייסט עס;
מען זעצט זיך אוים אין א קרייז און מען
רויכערט די ליולקע פון שלום. איין און
דיזעלבע ליולקע געהט פון מויל צו מויל.
און דאס איז גענוג. די אינדיאנער זיינען,
זאגט מען, ווילדע מענשען. ווייסען זיי, גע־
וויס, קיין חכמות ניט. געענדיגט די מלחמה,
באגראבט מען די מלחמה־האק. אויסגערוי־
כערט די ליולקע, און דער מלחמה־האס איז
אוועק מיט'ן רויך. און פון דיפלאמאטיע
ווייסען אודאי ניט די ווילדע מענשען.

האט דער נאַיווער אינדיאנער „משיעף".
דער ערשטער און אמת'ער אמעריקאנער, דער
הונדערט־פראצענטיגער אמעריקאנער באשלאָ־
סען, אז זיין אמעריקא מוז האבען אין פאריז
א ליולקע פון שלום און אן אכת'ען, אן אמע־
ריקאנישען שלום. האט ער אבער פארגעסען
ווילסאנ'ען מיטצוגעבען א „וואר העטשעט",
כדי מען זאל עס דארט באגראבען אין איירא־
פא. און דערפון, הערט זיך, נעמען זיך אלע
צרות.

און ווען פוילען שלאגט אוקראינא און
רומעניען פיהרט מלחמה געגען אונגארן און
אלע פיהרען מלחמה אין רוסלאנד און געגען
רוסלאנד; און ווען עס האלט ביי א מלחמה
שוין נאכ'ן שלום צווישען איטאליען און
יוגא־סלאוואקיא און צווישען אלע געגען אלע־
מען, איז עס דער בעסטער סימן: די באגרא־
בענע קריעג־האק פעהלט.

עס איז אייגענטליך שוין לאנג שלום —
עס זינט מען האט ערקלערט וואפענשטיל־
שטאנד, א קימא לן פון א האלב יאהר. אבער
איהר הערט דאך: א קראצעניש איז באפאלען
די שלום־קאנפערענץ אין פאריז. דאס איז
אזא קראנקהייט, וואס האט זיך אנטוויקעלט
אין די טראנשעען אויף די שלאכט־פעלדער
און האט נאכדעם אנגעשטעקט די גאנצע וועלט
און הויפטזעכליך די שלום־קאנפערענץ אין
פאריז.

די קראנקהייט באשטעהט אין דעם, וואס
זי איז אין אמת'ען קיין קראנקהייט ניט. א
מענש איז געזונט און שטארק אויף אלע
אברים און ער איז צופרידען מיט'ן זיינע און
ער פרעהט זיך מיט שלום. נאר עפעס בייסט
איהם און ער קראצט זיך.

האט דייטשלאנד געהוליעט אויף דער
שמחה פון דער רעוואלוציע און האט זיך גע־
קראצט. און פראנקרייך האט זיך געפרעהט
מיט'ן זיעג און האט זיך געקראצט. און
רוסלאנד האט זיך געבאדען ממש אין מציא־
לע רעוואלוציעס און עס האט איהר ארויסגע־
ביסען די נשמה. און איטאליען און פוי־
לען — אלע.

א שלום־בייסעניש געיורש'ט פון דער
מלחמה און מען קען דערפון ניט פטור ווער־
רען, פונקט ווי פון דער מלחמה.

און שפעטער איז נאך דער קראץ־קראנק־
הייט געקומען א וויין־קראנקהייט אדער א
טרערען־קראנקהייט. אויך א מלחמה־ירושה.
מענשען וויינען, מענשען גיסען טרערען. אט
אין דעם באשטעהט די קראנקהייט. פיהרסט,
למשל, דיין געליעבטע צו דער חופה און דו
וויינסט. פרעהסט זיך מיט'ן שלום און טרערען
גיסען, גיסען, גיסען. מען טאנצט אין די
גאסען צוליעב דעם זיעג און מען כליפעט.

און דאס אלץ איז אויך אפשר דערפאר,
ווייל דער אינדיאנער „משיעף" האט פארגע־
סען בפירוש אנצוזאגען ווילסאנ'ען, ער זאל
למען השם זעהן ניט נאר רויכערען די ליולקע
פון שלום, נאר אויך צו באגראבען די האק פון
מלחמה.

אבער נאך אמאל זיך צוריקגעקערט צום
הויפט ענין: מיר האבען שלום.

די שלום־באדינגונגען זיינען אנגענומען
געווארען אין יענעם זאל פון דעם ווערסא־
לער פאלאץ, וואס באשטעהט דורכאויס פון
שפיגלען. און וואוהין א שלום־דעלעגאט
האט זיך ניט א קער געטאן, האט ער געזעהן
זיין פנים. און וואוהין ער האט זיך ניט א
דרעה געטאן, האבען אלע איבעריגע געזעהן
זיין פנים. און עס איז געווען שווער צו בא־
האלטען דאס פנים פון די פארבארגענע גע־
היים־דיפלאמאטישע געדאנקען, ווייל מען האט
געזעהן ניט איין פנים, נאר צעהנדליגע. און
דאך, זאגט מען, האט די אייראפאאישע גע־
היים־דיפלאמאטיע געקענט פארשטעלען איהרע
צעהנדליגע אבגעשפיגעלטע פנים'ער און האט
אביסעל אפגענארט אונזער אמעריקאנער פרע־
זידענט.

אבער דאס איז א נעבענזאך. די הויפט
זאך איז: עס איז שלום.

זיינען מיר צופרידען מיט איהם, אדער
ניט? דאס איז איצט ניט וויכטיג. איך וויל
אייך נאר זאגען אט־וואס:

ביי פרצ'ען איז פאראן א מעשה'לע, ווי
איינער א האלבער אידיאט האט אויף א באס
געקענט ארויסבעטען נאך די אומגעלומ־
פערטע קלאנגען: בו־בו־בו. אבער ווי ער
האט אזוי „געבוקעט" אויף זיין אומגעלומ־
פערטען אופן, האבען זיך פאר איהם געעפענט
די הימלען.

און אמאל טרעפט זיך, פארקערט, אז איי־
נער צוגיסט זיך גן־עדן'דיג אויפ'ן שענסטען
פידעלע און — גארנים! די הימלען בליי־
בען פארשפארט. אדער אמאל נאך ערגער:
דער גיהנם עפענט זיך גאר און די טייוואלים
געהן א הפקר.

איך מיין עס אנטקעגען דעם, וואס די איי־
ביג־אונצופרידענע טענה'ן איצט, אז אלע
שעהנע רייד, וואס מיר האבען געהערט פון
ווילסאנ'ען און פון אנדערע, האבען ניט גע־
עפענט פאר אונז די הימלען פון אייביגען
שלום, און פארקערט אפשר: א פייער גיהנום
פון האס און מלחמה־מעגליכקייטען עפענט
זיך איצט. א שעהנער געזאנג, הייסט עס, גע־
ווען, אבער דער רבונו של עולם האט איהם
ניט געוואלט פארנעמען. געה מאך!

אבער שלום ווערט דאך געמאכט? מע זייט
צופרידען.

ווילסאן האט אין א רעדע אין פאריז ער־

הויפט אצינדערט, סאמע אין דער רעכטער צייט פון זומער.

און ער האט ארויסגענומען די ווייסע פלורערן, האט זיי ארויסגעשפרייט אויפ'ן בעטעל, האט זיי עטליכע מאל מיט'ן עלענבויגען איבערגעפרעסט, האט ארונטערגעווארפען די פריהערדיגע און האט זיי אנגעטאן.

ארומגעוואשען און פארקאמט, האט ער זיך אוועקגעשטעלט ביים צושפאלטענעם שפיגעלע וואס איז געהאנגען אויף דער וואנד, האט אריינגעשטעקט ביידע הענד אין די קעשענעס פון די ווייסע הויזען, און אונטערטאנצענדיג צופרידען, איז ער געקומען צום שלוס, אז ער איז אייגענטליך נאך גאר א יונגערמאן. קיינער וואלט איהם ניט נעגעבען מעהרער, ווי הערכסטענס זיבען־אכט און צוואנציג יאהר, און אין מח איז איהם דורכגעלאפען; אז דאס איז דערפאר ווייל ער איז געראטען אין דער מאמען. די מאמע זיינע, האט זיך אויך געהאלטען יונג, און ווען זי איז שוין אלט געווען באלד פופציג יאהר, האט מען זי געשאצט אכט־און־דרייסיג...

דער זייגער האט שוין געהאלטען באלד ניין. ניין א זייגער האט ער בעדארפט געבען „א שטונדע" אויף א פלאץ, און האט שוין אפילו קיין צייט ניט געהאט די מילך, וואס ער האט אריינגענומען פון יענער זייט טיר, אויפצוקאכען.

ער האט אריינגעגאסען אין זיך א גלאז רויהע מילך, און איז איילענדיג אראפ פון די טרעפ.

ווען ער איז שוין געווען אין גאס און האט אין הארצען זיך ניט אויפגעהערט צו חידוש'ן: ווי פלינק ער איז דאס ארונטער פון די טרעפ, און ער האט פלוצים פון דערווייטענס דערזעהן, געהן דעם בריעף־טרעגער.

ער איז שוין דענסטמאל געווען אפגעגאנגען א היבשע שטרעקע פון הויז. ער האט זיך אבער באלד אומגעקערט, האט זיך אוועקגעשטעלט פאר דער טיר, און געווארט ביז וואנען ער איז איבערגעגאנגען. ער האט זאגאר דעם בריעף־טרעגער אפגעשטעלט, און איהם געפרעגט צו ער האט ניט קיין בריעף פאר קאלמאנאוויטש'ען. דער בריעף־טרעגער האט איהם געענטפערט: ניין! און ער האט געצויגען מיט די אקסעל, ווי פאר'חידוש'ט.

ער איז דערנאך געקומען צו זיך, און האט זיך גענומען פרעגען: פון וועמען ער ערווארטעט א בריעף, און ער איז געווארען ביי זיך קלאר, אז ער ערווארטעט ניט קיין בריעף פון קיינעם. עס איז אבער ביי איהם קיין ספק ניט געווען, אז ער האט מיט'ן בריעף־טרעגער אצינד א שטיק שייכות. ווען־ניט־ווען וועט ער צוקומען צו זיין טיר, וועט געבען א פייף, און וועט אויסשרייען: קאלמאנאוויטש! און ער האט בעת מעשה דערפיהלט עפעס אזא מין ווארימקייט אין אלע אברים, אז די פיס האבען זיך פון זיך אליין געהויבען. ער איז געגאנגען און עס האט איהם געטראגען: — קאלמאנאוויטש האט געפונען אין לעבען אן אינהאלט.

די אידישע פרוי אין אמאליגע צייטען

פון דר. אסתר לוריע.

אדם און חוה געפינען זיך אין גן־עדן. גאט האט זיי פארבאטען צו עסען פון איין בוים, ווייל די פרוכט פון אט דיזען בוים וועט זיי עפענען די אויגען, און זיי וועלען דערגעהן, וואס איז שלעכט און וואס איז גוט. די שלאנג האט אנגערעדט די פרוי ניט צו פאלגען גאט. חוה איז געווען נייגעריג, ווי א פרוי, און זי האט געגעסען פון'ם פארבאטענעם בוים. זי האט אויך געגעבען די פרוכט איהר מאן. גאט האט דערפאר באשטראפט אדם'ן, חוה'ן און די שלאנג. צו חוה'ן האט ער געזאגט: „אין שמערצען וועסט דו געבארען קינדער; דיין מאן וועט זיך ניט רעכענען מיט דיין ווילען, נאר ער וועט הערשען איבער דיר". אין דיזער ביבלישער געשיכטע ווערט אייגענטליך געשילדערט די לאגע פון דער אידישער פרוי אין יענער צייט. זי דארף האבען קינדער, דער מאן רעכענט זיך מיט איהר, ער איז אבער דער אמת'ער בעל הבית.

דער פרוי'ס אויפגאבע אלזא, איז צו זיין א מאמע. דיזע אויפגאבע איז געווען אין ארץ ישראל א הייליגע. אין קיין לאנד האט מען זי ניט באטראכט פאר אזוי וויכטיג, ווי אין ארץ ישראל. „זייט פרוכטבאר, מעהרט אייך און פילט אן די ערד". דיזע ווערטער געפינט מען אזוי אפט אין אונזער ביבעל. מיט אנדערע ווערטער, דער איד האט געהאט פאר זיך א הייליגע אויפגאבע צו מעהרען די מענשהייט. דער פרומער איד פון יענער צייט האט געפאלגט גאט, ער האט געזעהן צו האבען קינדער. קינדער האט ער געוואלט, און דערפאר האט מען אין ארץ ישראל ניט באהאנדעלט די ניי־געבארענע מיידלאך אזוי בארבאריש ווי אין אנדערע לענדער. די אנדערע פעלקער פלעגען אין יענער צייט אפט דער'הרג'ענען ניי־געבארענע מיידלעך. די אידען האבען אפשר אויך בעסער געוואלט האבען אינגלאך איידער מיידלאך, אבער זיינען זיי שוין געקומען אויף דער וועלט, פלעגט מען זיך צו זיי באציהען מיט דערזעלבער צערטליכקייט ווי צו אינגלאך.

צוליעב דעם וואס קינדער זיינען געווען הייליג פאר'ן אידען, האט די פרוי געהאט, אלס מאמע, מעהר פרייהייט ווי ביי אנדערע פעלקער אין יענער צייט, ביי וועלכע די מוטער פלעגט ערציהען בלויז די מיידלעך, די אינגלאך פלעגען געהערען צו דער רעגירונג. אידישע אינגלאך פלעגען ערציהען די מאמעס. די העכסטע זאך איז פאר איהר געווען אפנעמען די קינדער פון חדר, און זיי אוועקפיהרען אהין. די מאמעס פלעגען ערציהען די קינדער רעליגיעז. עס האט אפילו עקזיסטירט א מין פאראיין פון אידישע מאמעס, וועמעס אויפגאבע איז געווען צו זעהן, אז זייערע קינדער זאלען זיין פרום און געלערנט.

פארמעהרען זיך איז געווען פאר'ן אידען א הייליגע זאך, און צוליעב דעם ערקלערט זיך דער בארבארישער געזעץ: ווען א פרוי האט ניט צעהן יאהר קיין קינדער, מוז דער מאן זי גט'ן. אויף דיזען געביעט זיינען באשאפען געווארען אזעלכע שעהנע לעגענדעס. איינע וויל איך דא דערצעהלען.

א פרוי האט ניט געהאט צעהן יאהר קיין קינדער, זי האלט ביים פארלאזען איהר מאן, דער מאן ליינט איהר פאר, אז זי זאל נעמען פון הויז וואס זי וויל נאר. זי האט די זאכען ניט געטשעפעט. ווען דער מאן האט געשלאפען, האט זי איהם אוועקגעפיהרט, א שלאפעדיגען, צו איהרע עלטערן, — דאס טייערסטע פון הויז האט זי צוגענומען. גאט איז געווען געריהרט מיט דער ליעבע, און האט געבענשט די פרוי מיט קינדער.

דיזע לעגענדע ווייזט; ווי טיעף איז געווען די ליעבע פון דער אידישער פרוי אין יענער צייט. זעלבסטפארשטענדליך, אז אזא טיעפע ליעבע האט געמוזט פיהרען צו טראגישע ריהרענדע סצענעס. ווען א פרוי מוז זיך גט'ן מיט'ן מאן, ווען זי האט ניט קיין קינדער צעהן יאהר. עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז אידישע קינסטלער זאלען שילדערען אזעלכע סצענעס.

אזוי שטעלט שלום אש פאר — פאעטיש און שעהן — א גט: פון רב צוגעהען זיך מאן און ווייב, ווייל זיי זיינען פארהייראט צעהן יאהר און קיין קינדער האבען זיי אלץ ניט. זי קעהרט זיך אום, כדי דעם לעצטען מאל א קוק צו טאן אויפ'ן געליעבטען. דעם קראגען הייסט זי איהם אויפהויבען, כדי ער זאל זיך ניט פארקיהלען.

אזוי ווי די פרוי איז געווען די מאמע, און א מאמע איז געווען פאר'ן אידען פון יענער צייט א הייליגע זאך, האט דער מאן געמוזט באצאהלען פאר זיין ווייב, אדער דיענען פאר איהר. אזוי פאהרט אברהם'ס דיענער צו זוכען א כלה פאר יצחק'ן, מיט רייכע מתנות. יעקב דיענט, כדי צו באקומען זיין געליעבטע. מיט דער צייט האט זיך דאס ביי אידען געענדערט, ווי ביי אנדערע פעלקער. דאס וואוקס פון פריוואט אייגענטום ענדערט די לאגע, ווייל דער מאן איז געזעצליך דער בעל הבית פון דיזען אייגענטום. אויך אנדערע זאכען ווערען געענדערט. שרה זיצט צוזאמען מיט אברהם'ס געסט, מענער. אין די שפעטערדיגע צייטען ווערט די פרוי ביי די אידען, אזוי גוט ווי ביי אנדערע פעלקער, שטרענג איזאלירט פון מאן. אין הויז האט די פרוי מיט די קינדער און די פרויען־שקלאפען א ספעציעלע אפטיילונג. אהער טאר אריינטרעטען בלויז א נאהענטער קרוב. ווען א פרעמדער מאן ווערט דא געפונען, ערווארט איהם טויט־שטראף. די אידישע הייזער אין יענער צייט האבען געהאט הויפען, וועלכע זיינען געווען געפלאנצט מיט אריענטאלישע ביימער און באוואקסען מיט טייערע פרוכט. דא פלעגען די פרויען פארברייניגען פיעל צייט, טוענדיג זייער האנד־ארבייט און שפיעלענדיג זיך מיט זייערע קינדער.

ווי אלע פעלקער אין יענער צייט, פלעגען אויך די אידען האבען ביי זיך שקלאפען — פרויען און מענער. די פרויען פלעגט מען באהאנדלען מיט מעהר פארזיכט. זעהר אפט פלעגען די פרויען־שקלאפען זיין די פרויען פון זייער בעל הבית. דאס האט אבער געקענט פאסירען בלויז מיט דער ערלויבניס פון דער געזעצליכער פרוי. דער אידישער געזעץ האט געווארנט וועגען די שקלאפינען און וועגען די פרויען. אידען האבען דאן ניט געבילדעט קיין אויסנאהמע פון אנדערע פעלקער, און האבען געקענט האבען אן אונבאשרענקטע צאהל פרויען. אזוי האט שלמה המלך געהאט זיבען הונדערט פרויען און דריי הונדערט שקלאפינען־פרויען *). דער אידישער געזעץ האט זיך געקימערט וועגען דער לאגע פון דער פרוי, וואס ביי אנדערע פעלקער האט ניט פאסירט. אזוי אין ארויס א געזעץ, לויט וועלכען קיינער טאר ניט האבען מעהר פרויען ווי ער האט — אין דעם פאל ווען ער איז ניט אימשטאנד אלעמען צו באזארגען גוט מיט עסען. צוליעב א נייער פרוי טאר ער ניט ליידען די איבריגע.

די אידישע פרוי פלעגט ארבייטען אין הויז, אין פעלד, פלעגט מאכען האנד־ארבייט, וועלכע איז געווען באריהמט און וועלכע מען פלעגט פארקויפען אי ארץ ישראל און אויך אין פרעמדע לענדער. א גוטע בעל הבית'טע איז געשעצט געווען זעהר הויך ביי אידען. זי ווערט געשילדערט אין פאלגענדע ווערטער:

„אן עדעלע פרוי, ווער קען זי געפינען? איהר ווערטה איז העכער פאר פערל. איהר מאן'ס נשמה זוכט ביי איהר בארוהיגונג, און ער זוכט דאס ניט אומזיסט. דאס גאנצע לעבען טוט זי איהם טובות, קיין מאל ניט קיין רעות, פלייסיג זוכט זי אויס וואל און פלאקס און האט שטענדיג פול די הענד. ווי אן האנדעלס־שיף שאפט זי פאר זיך און פאר'ן הויז חיונה פון דער ווייטען. עס איז נאך נאכט ווען זי שטעהט אויף, פארזארגענדיג דאס הויז מיט נאהרונג און די דיענסטען מיט ארבייט. זי באזעעט דאס פעלד, באפלאנצט דעם וויינגארטען, איהרע שולטער באוועגט זי מיט קראפט, איהרע ארמס לאזט זי ניט רוהען, זי שטרעבט צו זיין ניצליך, אויך ביינאכט לעשט ניט אויס איהר ענערגיע. קלוג שטרעקט זי אויס איהר האנד צום שפינראד. זי פארגעסט ניט אן ארימאן, העלפט דעם ליידענדען מיט וואס זי קען. פאר'ן שנעע האט זי ניט וואס מורא צו האבען, ווייל איהר הויז איז באשיצט פון דרויסען, און אין הויז פעהלען ניט קיין ווארימע קאלדרעס, עס פעהלט אויך ניט אין הויז קיין ליינען און פורפור פאר איהר און איהרע קינדער. איהר מאן האט א שם, זייענדיג א כלל טוער, זי וועבט פראכטפאלע העמדער און פארקויפט זיי, זי באזארגט דעם קויפמאן מיט א גארטעל, אין רייכטום איז זי אנגעטאן, דעם נייעם טאג באגעגנט זי ארויס מיט געלעכטער, פון איהר מויל קומען ארויס חכמות, טריי בלייבט זי

---

*) די בארבארישע פעלקער האבען נאך ביי הייטיגען טאג פיעל פרויען. וואס רייכער איינער איז, אלץ מעהר פרויען האט ער. אזוי ווי פאר א מיליאנער פאסט ניט צו האבען א ווינטער און זומער פאלאץ, אזוי פאסט ניט פאר'ן בארבארישען רייכען מאן צו האבען א קליינע צאהל פרויען.

רעפארטער. האט ער גראדע ביי זיך א נומער פון דער סטרייק אויסגאבע פון דער „גערעכטיגקייט" און ער ציינט מיר אן אויף א געוויסער שורה. איך געדענק זי ניט אויף אויסוועניג, אבער דער באפעהל איז געווען: „פון די שעפער גלייך אין די האלס."

פארט דיסציפלין.

* * *

איך בין ארונטער אויף דער גאס זיך צוקוקען אביסעל נעהענטער צו סטרייקערס. זיך אריינגעדרעהט אין די רייהען און מארשיר מיט. אין די רייהען איז גאנץ רוהיג. מען רעדט וועגען סטרייק, אבער אויך וועגען טויזענדערליי קלייניקייטען וואס האבען ניט דעם מינדעסטען שייכות צום סטרייק. ווען דא וואלט זיך געהאנדעלט וועגען א סטרייק פון די קארפענטערס, לאמיר זאגען, וואלט מען געמעגט דענקען אז די טויזענדער קלאוקמאכער אינטערעסירען זיך מיט דעם ווי מיט דעם פאר־יאהריגען שניי. אבער אט די קאלט־בלוטיגקייט, כמעט גלייכגילטיגקייט צו זייער אייגענעם סטרייק, וואס איז ניט בלאט א סטרייק נאר א גאנצע רעוואלוציע, האט אויף מיר געמאכט א געוואלדיג טיעפען איינדרוק. דא האט זיך געפיהלט דער לייכטזין פון טיעפען ערנסט, די שפאסיגקייט פון שטאלענער ענטשלאסענהייט. עס האט זיך געפיהלט אז אין די צופעליגע באמערקונגען וועגען סטרייק אין די ווערטלעך, וויצען, פלוידערייען וואס האבען מיט דעם סטרייק גאר ניט צו טאן, אז דער אויסגאנג פון סטרייק איז שוין א באשלאסענע, באשטימטע זאך, אז וועגען דעם לוינט זיך ניט אפילו צו רעדען.

* * *

„סיי, דו ווייסט אז די יוניאן האט באשטימט א „פרייז" פון צעהן טויזענד דאלאר?" — וויצעלט זיך א יונגער מאן מיט א פארריסענעם נאז און אפגעפאשעטע באקען. ער חלש'ט צו „קעטשען" אימיצען.

„וואס פאר א פרייז?"

דער וויצלינג איז זיכער מיט זיין קרבן, איילט ער זיך ניט. „וואס, דו ווייסט גאר נישט? און דו ביזט נאך א הייסער יוניאן מאן און ספיטשסט אויף די מיטינגען!"

„נו, ווייס איך ניט, האסטו ביי מיר אן עולה! וואס איז דאס, וואס?"

„די סטרייק קאמיטע האט באשלאסען צו געבען צעהן טויזענד דאלאר צו דעם פיקעט וואס וועט געפינען א סקעב אין ניו יארק". — און די גאנצע איבערפלוס ענערגיע פון אט דעם געזונטען בחור האט זיך ארויסגעריסען אין א הילכיגען געלעכטער.

— כ'האב דיך אין דר'ערד, — האט זיין קרבן געזאגט. ער איז אבער אין כעס ניט געווארען. פארקעהרט, ער האט געשמייכעלט. קענטיג אז דער שפאס האט איהם הנאה געטאן.

* * *

אן אמת'ער רחמנות איז געווען אויף די עטליכע פאליסלייט, וואס האבען זיך געפונען אין דער געגענד פון מעדיסאן סקווער. איינער, אן איירישער, שטייף ווי א געטשקע, האט אויסגעזעהן אין גאנצען ענטוישט. „געהען אזוי פיעל מענשען," האט מען געקאנט לייענען אויף זיין פנים, „ארבייטער, סטרייקערס, פארפלייצען די גאסען, די סיידוואקס, שטערען דעם „טרעפיק", — און גארניט, מען קאן אפילו דעם פייפעלע ניט באנוצען, שוין אפגערעדט פון דעם „קלאב". ער האט געווארפען בליקען פון האפנונג אויף דעם, אויף יענעם טראטואר, אבער איבעראל דיזעלבע ענטוישונג. איך האב זיך פארקוקט אויף א וויל, און נוען איך האב ווידער א קוק געטאן אויף דעם רויטען, שטייפען פנים זיינעם, איז שוין אין באק געווען אביסעל געשוואלען פון א פארציע קיי־טאבאק. פארקייט די צרות, הייסט עס.

* * *

עס זיינען געווען ווייניג פרויען אין די רייהען, אבער זיי האט מען אם בעסטען ארויסגעזעהען. דער קאנטראסט איז געווען גרויס. די וואכעדיגקייט פון די מענערשע קליידער האט נאך מעהר חן צוגעגעבען צו די געשמאקפולע טואלעטען פון די סטרייקערינס. א סך פון זיי האבען געטראגען בלומען. א יונגער מאן מיט פאר'חלום'טע אויגען איז געגאנגען האנד ביי האנד מיט איינער פון די סטרייקערינס; איהר פנים איז איינער פון יענע וואס מאכט אייך אומרוהיג, וואס מאכט אייך בענקען נאך ווייטקייטען. דער יונגער מאן האט קענטיג געטרוימט. ניט וועגען סטרייק.

* * *

פרעזידענט שלעזינגער האב איך געפונען נעהענדיג הין און צוריק ביי זיך אין אפיס.

— ווי געפעלט איך עפעס דער ארויסטריט? — האב איך איהם געפרעגט.

דער אייביג־רוהיגער שלעזינגער האט מיט ווירדע געענטפערט: „איך בין שטאלץ אויף דעם ווי די קלאוקמאכער האבען זיך אפגערופען אויף אונזער אויספאדערונג צום סטרייק". ער איז אנשוויגען געווארען אויף א ווילע, און ווען ער האט א זאג געטאן, „ווי וויל גיוו דהעם דהי סורפרייז אוו טהעיר לייווס", האט א פייערל א שלענגעל געטאן אין זיינע אויגען, און איך האב שטיל אין זיך געמאכט א ברכה. געבענשט זיי, גאט אונזער האר, וואס דו האסט מיך ניט באשאפען א קלאוק־מאנופעקטשורער.

געפונען אן אינהאַלט

פון מ. שמואלזאָהן.

(שלום).

שלאָפען איז ער דעם אויפדערנאַכט געגאַנגען שפּעט, ער איז די גאַנצע צייט געלעגען אין די זאַכען אויפ'ן בעטעל, האָט מיט די פאַרטרערטע אויגען באַטראַכט דאָס צונעקליבענע צימערל, און האָט אין הארצען זיך געחידושט אויף איינעם א קאַלטאַנאָוויטש'ען וואָס האָט איהם אויסגעוויזען אַצינד פאַר גאָר א ווילד פרעמדען; און האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטעהן פאַר וואָס יענער איז אַזוי אָפּגעלאָזען, נאַכלעסיג.- און די גאַנצע וועלט איז איהם מיאוס.

— אָט קען דאָך, למשל, א מענש זיך אַליין מאַכען באַקוועם, — האָט ער געמוסר'ט דעם דאָזיגען נאַכלעסיגען קאַלטאַנאָוויטש'ען ביי זיך אין הארצען, — יעדען טאָג נעמט מען, אָט אַזוי, און מען קלייבט צו, מען רוימט אויף, מען וואַשט אויס דאָס פּענדעל פון דער מילך און מען טרייבט אַרויס די פליגען, ווערט דערנאָך אויפ'ן הארצען אַזוי גראָם; א מחיה!

און ער האָט זיך הרחבה'דיג אויסגעשטרעקט די פיס, פאַרלענט ביידע הענד אונטער'ן קאָפּ, און האָט געשמעקט פרייע, גראָם, אַזוי ווי נאָך א קאַלטער שפּריץ-באָד. ער האָט געפיהלט אַז ער איז דאָ, ער געפינט זיך, ער עקזיסטירט, ער לעבט!

אויסגעשלאָפען האָט ער זיך שטיקלעך-ווייז. ער האָט פריהער אַראָפּגעוואָרפען דעם ראָק, נאָכדעם דעם קאָלנער מיט'ן האַלדז-טוך, אין א ווײַלע אַרום האָט ער אויסגעטאָן די זשילעט, און אַרונטערגעוואָרפען די שליקעס פון די אַקסעל.

און נאָך יעדען מלבוש וואָס ער האָט אַרונטערגעוואָרפען פון זיך, האָט ער זיך געפיהלט פרייער. עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט צוגעקומען נעהנטער צו דער נשמה, און די נשמה, האָט ער געפיהלט, איז ביי איהם אַצינד, ניט ווי אַלע מאָל. עפּעס איז זי מיט עפּעס פאַרנומען, עפּעס האָט זי ערגיץ אַזעלכעס, צו וועלכען זי ציהט זיך, און דאָס דאָזיגע סאָרט ציהעניש, האָט ביי איהם דערמאָנט אינעווייניג אַרויסגעריסען עטוואָס שווערעס, דריקענדעס, און האָט איבערגעלאָזט א פריי פּלאַץ פאַר עפּעס א אונבאַשטימטען תענוג וואָס פיהלט זיך שוין באַצייטענס חיות'דיג אין אַלע גלידער...

ווען ער האָט דערנאָך פון זיך אָפּגעצויגען די לעצטע בגדים, האָט ער זיי פאָרזיכטיג צוזאַמענגעלעגט אויף א פּלאַץ און, קומענדיג צום שלום, אַז מאָרגען מוז ער אונבאַדינגט דעם אַנצוג געבען אויספּרעסען, און אויף די שיך געבען א פּאָר נייע אָבצאַצען, — האָט ער זיך אוועקגעלעגט אין בעטעל, און עפּעס א געדאַנק אין איהם האָט גענומען פון איהם אָפּ-

לאַכען, חוזק מאַכען: וואָס, וועגען וועלכען איז מיט איהם די שמחה?...

איידער אָבער דער דאָזיגער געדאַנק, האָט נאָך צייט געהאַט אַרויסצוטרעטען פאַר איהם בולט, האָט איהם ווער אין איהם פאַרטויבט מיט פילאָזאָפישע חקירות.

די חקירות האָבען זיך געדרעהט אַרום דעם ענין פון גוף און נשמה. און געפילאָזאָפירט האָט ער: אַז דער מענש אין עצם איז נאָר די נשמה — דער גייסט. דער קערפּער איז ניט מעהר ווי א מין לבוש, אין וועלכען די נשמה איז אָנגעטאָן. קען דאָך אויך אַזאַ אופן געמאָלט זיין, אַז א נשמה זאָל זיך קענען מתיחד זיין, א יחיד רוחניות, מיט א נשמה וואָס געפינט זיך גאָר אין צווייטען עק וועלט, כאָטש די קערפּער, די מלבושים פון זייערע נשמות, זיינען זיך גאָר ווילד פרעמדע. ראיות דערויף האָט ער געהאַט גאָר א סך: הלמאַי א בוך. זיצט זיך א שרייבער, א פּאָעט, אָדער א פילאָזאָף, זאָלען מיר זאָגען, ערגעץ אין'ם אַנדערען עק וועלט. אָדער ער זיצט שוין גאָר ניט. דער קערפּער זיינער, דער לבוש, איז שוין לאַנג פאַרפוילט געוואָרען. די ווערים האָבען איהם צופרעסען, און איך זיץ דאָ, ביי זיך אין צימערל, ביי זיינעם א בוך און לייען און שטודיר זיין נשמה. איך שטודיר און ווער באַגייסטערט, די נשמה מיינע הויבט זיך אַרויס פון מיין קערפּער. זי קריגט אַן עליה, זי איז זיך מתיחד, הייסט עס, בשעת מעשה מיט זיין נשמה מיט דער נשמה וואָס לעבט אין די טויטע בוכשטאַבען צווישען די בלעטער... און נאָך א ראיה: — די שריפט.

איך שרייב א בריעף. אין די טויטע בוכשטאַבען פון'ם בריעף איז אַריינגעגעבען געוואָרען ליעבע, ליידענשאַפט, תאוה, — נשמה הייסט עס. יענער קריגט דעם בריעף, די נשמה זיינע נעמט אויף די דאָזיגע געפיהלען און עס ווערט ביי איהר אַרויסגערופען א באַגעהר, א מין גייסטיגער פאַרלאַנג, זיך מיט די געפיהלען צו פאַראייניגען. און דאָס דריקט זי אויס אין אַן ענטפער. איך ענטפער דערנאָך אויף דעם ענטפער אַן ענטפער. און יענער שרייבט מיר ווידער, און אַזוי ווערען צוויי פרעמדע נשמות וואָס אַמאָל היימישער און נעהענטער, ביז זיי פאַרליעבען זיך, פאַראייניגען זיך איינע מיט דער צווייטער.. עס ווערט ביי זיי א יחוד רוחניות. מיין נשמה בענקט נאָך יענער, און יענע — נאָך מיינער, און די ביידע נשמות זיינען אין בענקשאַפט צוזאַמענגעשמאָלצען מיט א מין רוחניות'דיגער תאוה, וועלכע ווערט נאָר קיין מאָל ניט זאַט...

מיט די דאָזיגע חקירות איז ער גע-

זעהן פאַרטמען ביז ער איז איינגעשלאָפען.

אין שלאָף האָט זיך איהם געחלום'ט, אַז ער פליהט אין דער לופטען. אויבען איבער איהם איז אויסגעשפּרייט א בלויער הימעל מיט א ליכטיגער זון, און הינטען זעהן זיך גרינע לאַנקעס בוימער און מיט תבואה-פאַרוואַקסענע פעלדער און ער ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, גרעסער און גרינגער, ער פליהט אַרום אין דער ריינער לופט ווי א פרייער פויגעל, און אָט אַקעגען דאָרט ווייס, ווייס, אויף א געלען וואָלקען, באַווייזט זיך א פרויען-געשטאַלט, מיט א פאַרפלאָמטע געזיכט, מיט א פּאַסמע שוואַרצע האָר אַרונטערגעפאַלען אַן א זייט, מיט ענטבלויזטע ברוסט און אָרעמס. אין איין האַנד האַלט זי א באַרשט, און פאַרבט מיט איהם. דעם הימעל אין געלען, און אין דער צווייטער — א פעדער פון גאָלד און זי פיהרט מיט איהר, מיט א שרעקליכען מהירות אויף דעם געלען אונטערגרונד. און עס קומען אַרויס גאָלדענע אותיות וואָס צושוועבען זיך אין דער לופט, און שטעלען זיך צוזאַמען אין ווערטער. און די ווערטער — אין געדאַנקען. געדאַנקען אַזעלכע וואָס וועקען אין איהם א חיות'דיגען אונבאַשטימטען באַגעהר, און מיט אַלע כחות פליהט ער און ציהט זיך אַהין צום געשטאַלט פון יענער פרוי, און מיט אַלע כחות, דאַכט זיך, ציהט זיך יענע געשטאַלט צו איהם, און ער פיהלט אַזאַ ביינקעניש, אַזאַ נשמה-לעכצעניש, אַז ממש די נשמה רייסט זיך פון גלוסטעניש פון'ם קערפּער אַרויס!...

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען שפּעט אויף טאָג. דאָס ערשטע וואָס האָט זיך איהם געוואָרפען פאַר די אויגען, איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געטראָפען זיינע מלבושים צוזאַמענגעלעגט און דאָס צימערל איז געווען צוגעקליבען. דאָס איז געווען פאַר איהם אַזאַ נייעס, אַז פון אָנפאַנג האָט ער עס גאָר ניט געקענט באַגרייפען. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַזוי ווי עס וואָלט איהם ווער ביינאַכט איבערגעטראָגען ערגעץ אויף אַן אַנדער פּלאַץ.

באַלד אָבער האָט ער דערפיהלט; אַז ניט נאָר דאָס צימערל, נאָר ער אַליין איז אויך ניט דער זעלבער. זיין שטענדיג פאַרוויינטע נשמה אין איהם, איז איצט פריש, צאַפּלדיג...

ער איז מאָדנע לעבעדיג אַראָפּ פון בעלעגער, האָט גענומען אויף זיך אָנציהען די קליידער, און עפּעס פון זיך אַליין, האָט זיך איהם, בעת מעשה, גענומען זינגען א פריהליך ניגון'דעל:

— טראַ-לאַ-לאַ, טרי-טאַ-טאַ! — האָט ער געשלעפּט אויף זיך די הויזען זינגענדיג — טראַ-לאַ-לאַ, טריטאַטאַ-לאַ!

און ווען ער האָט אַרויפגעצויגען א פלודער אויף איין פוס, און האָט דעם צווייטען באַדאַרפט אַריינשטעקען אין'ם צווייטען פלודער, איז ער פלוצים געוואָר געוואָרען, אַז ער איז נאָך גאָר א ציטליך שטאַרקער קערל. אָט שטעהט ער

אויף איין פוס, אַזוי ווי א [illegible], און נאָך אויף וואָס פאַר א פוס — אויפ'ן ליגקען!

ער האָט געהאַלטען דעם לעדיגען פלודער געגען רעכטען פוס און האָט אַרומגעטאַנצט מיט'ן לינקען. ער האָט געוואָלט זעהן ווי לאַנג ער וועט אַזוי קענען אויסהאַלטען. און ווען ער איז דערנאָך אומגעפאַלען און האָט זיך קוים דערכאַפּט, אָנשפּאַרענדיג זיך מיט ביידע הענט אויפ'ן דיל. איז ער געווען ביי זיך זיכער: אַז ער האָט אַרומגעטאַנצט אַזוי, נאָר, נאָך, א היבשע ווײַלע.

עס איז איהם, בעת מעשה אַרויפגעקומען אויפ'ן געדאַנק, אַז ער וואָלט יעדען אויפדערנאַכט, פאַר'ן שלאָף, און יעדען אין דער פריה, נאָכ'ן אויפשטעהן, געדאַרפט מאַכען אַביסעל גימנאַסטיק. דאָס ענטוויקעלט דעם קערפּער, און שטייפט די גליעדער און מען פיהלט זיך בכלל שטאַרקער, לעבעדיגער, אָט, למשל, אָט-אַזוי-אַ!

ער האָט שנעל אַרויפגעצויגען דעם צווייטען פלודער, האָט פאַרקנעפּעלט אויף איין קנעפּעל, האָט א כאַפּ געטאָן א שטוהל ביי דער פאַרענטשע, און האָט זיך פאַרמאָסטען, זי א הויב צו טאָן מיט זיין האַנט אין דער לופטען.

דאָס האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען. און ווען ער האָט געפּרובט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביז עס האָט אויף איהם אַרויסגעזעצט א שוויס, און אין הארצען האָט אָנגעהויבען קלאַפּען, — איז ער געקומען צום שלום: אַז עס איז נאָר געווענדט אין א געוועהנהייט. קיין גרויסע כחות דאַרף מען ניט דערצו. מען דאַרף זיך בלויז איינאיבען...

ביים אָנטאָן זיך האָט ער דעם האַלדז-טוך איינגאַנצען אוועקגעוואָרפען, און האָט אַרויסגענומען פון קעסטעל דעם יום-טוב'דיגען און האָט זיך געוואונדערט: ווי אַזוי ער האָט נאָר פריהער אַזאַ אַלטע צוטרי-פעלטע שמאַטע געקענט טראָגען אויפ'ן האַלז. צום האַלדז-טוך האָט ער שוין אין איין ווענס, אויך אַרויסגענומען א ווייס העמד מיט א ווייסען קאָלנער. ער האָט זיך אויך דערמאָנט וועגען זיין נעכטען-אויפדערנאַכטיגען באַשלוס: אוועקצוגעבען אויספּרעסען דעם אַנצוג און אונטערשלאָגען א פּאָר אָבצאַצען אויף די שיך. אָבער דאָס האָט ער אָפּגעלעגט אויף אַן אַנדערס מאָל. באַלד נאָך'ן ערשטען ווען ער וועט שוין האָבען באַצאָהלט פאַר'ן צימערל. דערפאַר אָבער האָט ער זיך דערמאָנט אַן זיינע ווייסע לייוואַנטענע פלודערען וואָס ער האָט מיט א יאָהר דריי צוריק געקויפט, ווען ער איז געפאָהרען צום „פּיקניק" פון'ם „לעהרער פאַראיין". די דאָזיגע פלודערען האָט ער דאַמאָלס, וואַלגערענדיג זיך אויפ'ן גראָז — אויף עטליכע פלעצער פאַרגרינט. און ליגענדיג די גאַנצע צייט הינטען אין קעסטעל זיינען זיי געווען שטאַרק צוקנייטשט. ער האָט אָבער פון דעסטוועגען אויסגעפונען; אַז זיי זיינען אָהן אַן ערך פראַנטישער פון די וואָס ער טראָגט אויף זיך. איבער-

סצענקעס פון סטרייק

פון נ. בוכוואַלד.

* True translation filed with the Postmaster at New York City on May 23, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

דער אַרויסטריט.

מיטוואָך אין דער פריה, דעם 14טען מאַי, בין איך געזעסען אין אָפיס פון דער „גערעכטיגקייט" און דורכגעבלעטערט די אין-דער-פריהיגע צייטונגען, געוואָלט זעהן, וואָס זאָגט מען עפּעס וועגען דעם סטרייק וואָס דאַרף זיך באַלד אָנהויבען. קוים געפונען די „נייעס", וואָס איז פאַר מיר שוין קיין נייעס ניט געווען. די טרוקענע, קורצע באַריכטען האָבען מיך אַביסעל גענערגט. לויט ווי איך האָב געפיהלט איז דער סטרייק פון די קלאָוק מאַכער געווען די וויכטיגסטע נייעס פון טאָג, און דאָ פאַררוקט מען עס ערגעץ אין א ווינקעל, צווישען אַדווערטייזמענטס וועגען אויטאָמאָבילס און פוירניטשור.

— קומט, איהר ווילט זעהן דעם „פּאַרעיד"?

איך האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון די צייטונגען און א קוק געטאָן אויף אונזער „סטעף-רעפּאָרטער" נאָר ניט אַזוי פריינדליך.

— וואָס מיר פּאַרעיד, שוין דרעסען.

— האָב איך א ברום געטאָן. און אַזוי ווי איך האָב געפיהלט גאָר ניט אויפגעלעגט האָב איך אָנגעהויבען אָהן א פּאַר-וואָס, אויסצוגיסען מיין גאַל אויף די „באָסים" און זייערע פּאַראַדען. עס איז נישטאָ וואָס צו זעהן, האָב איך זיך געבייזערט. די זעלבע יוניפאָרם, די זעלבע מוזיק, די זעלבע גראָדע רייהען, די זעלבע צושויער. שוין געזעהן גענוג פּאַראַדען, ס'לאַנגווײַליגט שוין.

— וואָס דרעהט איהר א ספּאָרעק? — קוקט מיך דער „סטעף רעפּאָרטער" אָן פאַרוואונדערט, — וואָסערע באָסים, וואָסערע יוניפאָרמען? איך מיין אונזער פּאַראַד, די קלאָוקמייקערס, זיי געהען דאָך באַלד אַרונטער פון די שעפּער.

איבער די בוימער, זאָגט דער רום, זעהט מען ניט אַרויס דעם וואַלד. איך בין געווען אַזוי פאַרטיעפט אין די באַריכטען וועגען דעם קלאָוק מאַכער סטרייק אַז עס איז מיר גאָר פון זינען אַרויס, דאָס דער סטרייק דאַרף זיך אָנהויבען אין איינינע מינוטען אַרום.

* * *

עס איז געווען א פערטעל נאָך צעהן, ווען מיר זיינען אַרויף אויף א פייער-עסקייפּ פון דער געביידע וואָס דער דזשאָינט באָארד פאַרנעהמט. איך בין נישט געווען דער איינציגער וואָס האָט

געקוקט אויף דעם זייגער — געווען א סך נייגעריגע, וואָס האָבען געוואָלט זעהן ווי פּינקטליך אונזערע סאָלדאַטען וועלען דאָס אויספיהרען די באַפעהלען פון די גענעראַלען. ווייזט אויס אַז די סאָלדאַטען האָבען זיך אַביסעל צוגעהיילט — א ברוך פון דיסציפּלין, אָבער נעה ביי'זער זיך אויף זיי פאַר דעם! שוין געהענדיג צום דזשאָינט באָארד האָבען מיר געזעהן גרופּען מענער דאָ און דאָרט, מיט פּעקלעך אין די הענט. וואָלט דאָס זיין א פּאָר שעה פריהער וואָלטען די דאָזיגע גרופּעס קיין באַזונדער אויפמערקזאַמקייט ניט צוגעצויגען: געהען צו דער אַרבייט, מסתמא. צעהן א זייגער איז אָבער ניט די צייט צו געהן צו דער אַרבייט. דאַן זיינען די גאַסען כמעט לעדיג. דאָס איז דער פּאַר-טאָג פון דער גרויסער שטאָדט. א חוץ דעם זיינען די פּעקלעך אויך געווען מאָדנע. דאָס זיינען ניט געווען קיין „לאָנטשעס", ווייל אַפילו ווען די מענער מיט די פּעקלעך וואָלטען זיך צונויפגערעדט און יעדער פון זיי וואָלט מיטגענומען א גאַנצען הערינג אָדער א „ווהייט פיש", וואָלטען די פּעקלעך דאָך אויסגעקומען א סך קירצער.

— דאָס נעהמען די קליינע שעפּער, — זאָגט דער סטעף רעפּאָרטער.

— און וואָס טראָגען זיי אין די פּעקלעך?

— וואָס הייסט? זייערע טולס.

— כ'פאַרשטעה.

* * *

אויף דעם פייער עסקייפּ האָט מען קיין באַגייסטערונג ניט געקענט זעהן. נאָר קיין חידוש ניט. פאַרט אָפיציערען, ליעדערס.

ס'פּאַסט זיך ניט צו זיין סענטימענטאַל. בראַווע פיהרער, וועטעראַנען — מען טאָר זיך ניט נאָכגעבען. איז עס אָבער מעגליך אַז אויך די רייהען זיינען ניט באַגייסטערט. עפּעס איז דאָרט אויך שטיל. א מאָדנע שטילקייט. די גאַסען אַרום זיינען שוואַרץ מיט מענשען. די טראָטואַרען איז ניט אַרויסצוזעהן. ניטאָ וואו א שפּילקע א וואַרף צו טאָן. דער טאָן איז א טונקעלער. טונקעלע העטס, טונקעלע קליידער. נאָר דאָ און דאָרט ווייסלען זיך די פּעקלעך און... די בערד פון די אַלטע. און מען געהט אין געשלאָסענע רייהען, טאַקי ווי אין א פּאַראַד. איז דאָס דיסציפּלין אָדער די נאַטירליכע פאָרמירונג, דער נאַטירליכער ריטם פון א מאַסע וואָס איז ניט קיין מאָב? שווער צו זאָגען. מען זעהט ניט קיין פיהרער, מען הערט ניט קיין געשרייען: „אין די רייהען! רעכטס, לינקס." דאָס קוקט אויס צו זיין ספּאָנטאַן.

פלוצים פאַרווילט זיך מיר צו מאַכען אַן עקספּערימענט. זאַפּ איך אַריין אַזוי פיעל לופט ווי איך קען נאָר און שריי אויס „הורראַ פאַר דהי קלאָוקמייקער יוניאָן!" דער פייער עסקייפּ ענטפערט אין א כאָר, און אין א ווײַלע אַרום דערהערט זיך א לוסטיגער, טיכטיגער „הורראַ" פון אַלע זייטען. מען האַלט אָבער אין איין מאַרשירען. דער דזשאָינט באָארד, א גענעראַל שטאַב — דאַכט זיך זיי וואָלטען זיך געמעגט דאָ אָפּשטעלען. ניין, אָבער זיי האַלטען אין מאַרשירען, עפּעס ווי זיי וואָלטען קיין צייט ניט געהאַט. איך באַמערק דאָס אום סטע-

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער.

י. ה. גרינבערג: — די זעלבע וואך, וואס מיר האבען ערהאלטען אייער בריעף, איז ער פארעפענטליכט געווארען אין אונזער ענג־לישער אויסגאבע „דזשאסטיס", און מיר האָ־בען ביי אייך גלייכצייטיג אנגעפרעגט דורך די צייליגן פון דער אפטיילונג, אויב איהר ווילט עס אין אידיש אויך. נון, איז יענער נומער פארהאלטען געווארען פון פאסט אפיס און איהר האט אונזער אנפראגע ניט געזעהן. נו, איז וואס איז דא דער אונגליק, וואס איהר מאכט אזא געפילדער, אזוי ווי מיר וואלטען אימיצען גע'הרג'עט? ווען מיר האבען אייך געשריבען צו לאזען אונז ווי־סען וועגען אלץ, וואס קומט ביי אייך פאר, האבען מיר עס געוויס געמיינט גאנץ ערנסט, און מיינען עס אימער. אבער מיר ווילען ניט קיין מליצה, קיין אגיטאציע; מיר ווי־לען די פאקטען, וועלכע מליצה'ווען און אגיטירען שוין אליין. נון, אזוי ווי אין אונזער „גערעכטיגקייט" זיינען די פאקטען ניט געווען, טו זאלען זיי דא איבערגעגע־בען ווערען אין קורצען: אלע לוידיעס טוי־לארס פון סאן פראנציסקא האבען געקראגען א האלבען טאג שבת פריי מיט פולער באַ־לוינונג פאר'ן גאנצען טאג. די מיטגליע־דער פון לאקאל 8, 350 אין צאהל, און וועל־כער האלט אין איין וואקסען, זיינען, נא־טירליך, זעהר צופריעדען מיט זייער געווינס, און מיר, פון אונזער זייט, שיקען זיי און אייך אונזער הערצליכסטע גראטולאציאן מיט דעם זיעג, גלויבענדיג, אז דאס איז בלויז אן אנפאנג פון דעם, וואס איהר האט נאך צו דערגרייכען. שרייבט נאר אפט אזעלכע גוטע נייעס, און זיי וועלען געוויס געפינען דעם פראמינענטסטען פלאץ אין דער „גערעכטיגקייט" און אויך אין אלע אנדערע אויסגאבען פון דער אינטערנעשאנאל, אויב נויטיג. נאר אהן כעס, און מאטערט זיך ניט אנצומאכען אומזיסטע מיספארשטענדני־סע. יע, פארגעסט אויך ניט, אז פון סאן פראנציסקא נאך ניו יארק איז א היבשע שטרעקע, און אז זאגאר א רעדזשיסטירטער בריעף נעהמט באלד א וואך, און דאס ווען דער בריעף קומט אן, זאגען מיר, מיטוואך, קען ער שוין אין דעם לויפענדען נומער ניט געדרוקט ווערען, און מוז בלייבען אויף נעקסטען נומער, אזוי, דאס אפט מוז נעה־מען א דריי וואכען צייט ביז איהר קענט זעהן אייערע באריכטען געדרוקט. ווי עס זעהט אויס, האט איהר וועגען דעם גארניט געטראכט.

דזש. ה—מאן. — א דאנק פאר דעם צו־געשיקטען נומער צייטונג, אין וועלכען עס ווערט באריכטעט דער גרויסער זיעג פון דער „אמאלגאמייטעד" אין שיקאגא, וועלכער באשטעהט אין דעם, וואס די שניידער־באסעס האבען ענדליך אנערקענט די יוניאן, וואס די ארבייטס־צייט איז איצט 44 שטונדען, און ז. וו. ווי מיר פארשטעהען האבען די שניי־דער אין שיקאגא אויסגעפיהרט צו קריגען א „פראטאקאל", עהנליך צו דעם אמאליגען פראַ־טאקאל צווישען די קלאוק מאכער און דער מאנופעקטשורער אסס'ן. צו ער וועט לאנג אר־בייטען, דאס בלייבט צו זעהען, אבער דערווייל איז עס אונצווייפעלהאפט א גרויסער זיעג, מיט וועלכען די אמאלגאמייטעד האט ווירקליך א רעכט צו שטאלצירען. דאס איז אייכס אוועק. אבער איהר האט אונז שלעכט פארשטאנען, ווען מיר האבען אייך געבעטען וועגען אינפארמא־ציע פון אלץ, וואס קומט פאר. פאר אונז איז אלע מאל ניט אזוי וויכטיג דער רעזולטאט פון א באוועגונג, ווי די באוועגונג גופא. און ניט נאר, ווי די באוועגונג ווערט באשרי־בען אין די צייטונגען, וואס איז ניט אלע מאל ריכטיג, נאר ווי עס זעהען איהר די מענשען וואס זיינען פאראינטערעסירט, און האבען זייער קוק אויף פארשידענע ערשיינונגען. דאס אבער מוז מען אליין שרייבען, דאס צו־שיקען פון א צייטונג אדער א קליפינג פילט ניט אויס דעם ביל... איהר פארשטעהט?

מ. פ—ן. — מיר הויבען ניט אן צו פער־שטעהן אייער ברויועל, אין וועלכען איהר שרייבט, אז אימיצער זאל אונז האבען פאר־פיהרט, און ווער נאך, דארפסלייט! וואס מיינט איהר דערמיט? וואס בייסט אייך? ווארום ניט ארויסקומען מיט קלארע דבורים? איהר מיינט צו זאגען, אז מען האט אונז געזאגט ליגען, און מיר האבען געגלויבט? אבער מיר האבען שוין פון אימער אזא נאטור: צו גלויבען איי־נעם ביז מיר געפינען ניט אויס, אז ער איז א ליגנער. מיר האלטען אימער פון דעם כלל, אז עס איז בעסער צו האבען צוטרוי צו מענשען, איידער יעדען מיסטרויען. מיר קע־נען גארניט פארשטעהן, ווי עס קענען לעבען מענשען אויף דער וועלט, וועלכע זיינען פול מיט מיסטרויען צו אלע און אלעס. און טאמער ווערען מיר אמאל אפגענארט, שעמען מיר זיך גארניט. מיר טראכטען: זאל זיך שעמען דער, וואס האט אונז אפגענארט. אלזא, מיר פיהלען זיך ווירקליך א האר ניט אונגליקליך, אויב מען האט אונז אפילו אפגענארט, נאר פון דעסט־וועגען וואלטען מיר געוואלט וויסען, ווארום איהר מיינט אזוי, און אין וואס די נארעריי איז באשטאנען. טוט א טובה, און מאכט אייער באהויפטונג קלאר און פארשטענדליך חאטש נאר דורך איין פאקט. אייער שענער פעליעטאן איבער דעם באנקעט אין פילאדעלפיא איז גע־ווען פארעפענטליכט. לוידער אבער האט איהר איהם ניט געקאנט לייענען געדרוקט, ווייל דער נומער איז געווען אזוי אונגליקליך פאר־האלטען צו ווערען אין פ. א.

ל. א. — וועט מיט דער צייט פארעפענט־ליכט ווערען.

א ריפער מאכער. — כאטש עס פרעהט אונז ווירקליך צו זעהן א ריפערמאכער, וואס פארשטעהט די גאנצע וויכטיגקייט פון וואך־ארבייט, אבער צו באזינגען עס, ווי מען וואלט עס באדארפט, פעהלט אייך, לוידער, דער נויטיגער טאלאנט, און דארום קען אייער גע־דיכט, וואס איז געווידמעט צום דזשענעראל־סטרייק, ניט פארעפענטליכט ווערען. מעג־ליך, אז ווען דער סטרייק וועט געוואונען ווע־רען, און איהר וועט האבען מעהר פרייע צייט און א רוהיגערען קאפ און א לייכטערען גע־מיט, אפשר דאן וועט איהר קענען עפעס בע־סערעס שאפען. דאס איצט־געשאפענע אבער טויג גארניט. מיר האפען, איהר וועט עס ניט נעמען פאר אומגוט. עס איז דער אמת.

בן־יחיד. — דאס געדיכט אייערס האט דעם גרויסען פעהלער, וואס אין איהם „זינגט" איהר אימער דאס, וואס איז שוין געזאגט געווארען אויף פארשיידענע אופנים וועגען דעם פרייען פויגעלע און דעם פארשקלאפטען ארבייטער. דערצו נאך מאכט איהר דעם פוי־געל פאר א צו גרויסען פרייהייטס־קעמפפער. דער פויגעל פליהט אין דער לופט, און לוידט הונגער און קעלט ניט, ווייל עס וויל זיין פריי. ניין, דער פויגעל זוכט זיין חיונה אין דער לופט פונקט, ווי מיר זוכען עס אויף אונזער ערד און איבעראל, וואו מיר קענען עס נאר געפינען. נאר אויסער דעם אלעם, איז ניטא קיין פאעזיע, קיין שעהנקייט אין אייער געדיכט, און אלץ, וואס איהר זעהט אין דעם זומער איז ניט א האר מעהר, וואס אלע אנדערע געוועהנליכע שטערבליכע זעהען. דער פאעט, דער אמת'ער פאעט, מוז זעהן מעהר, אדער „ווענינגסטענס", זיין פאעזיע מוז מאכען דעם איינדרוק, אז ער זעהט און פיהלט מעהר, ווי מיר, די געוועהנליכע פראזע־מענ־שען.

מ. פייערשטיין. — איבערלייגענדיג זיך ריכטיג, געפינען מיר, אז איהר זענט גע־רעכט. שרייבענדיג איבער די פיהרער פון דער „אינטערנעשאנאל", האט זיך ביי אונז, אויס בייזער געוואוינהייט, ארויסגעגליטשט פון פעדער, אז צווישען זיי זיינען דא סא־ציאליסטען, אנארכיסטען און זאגאר ראדי־קאלען. דער אמת איז, אז אנארכיסטען, אויסגעשפראכענע, זיינען ניטא צווישען די פיהרער פון דער יוניאן. אפשר זיינען דא אזעלכע „וועלכע זיינען עס אמאל געווען, אבער איצט, אזוי ווייט ווי מיר ווייסען, זיי־נען זיי עס ניט. מיט דער דאזיגער קארעק־ציאן בלייבט אונזער ענטפער צו ל. ח. אזוי, ווי ער איז געווען, און באהאלט אויך זיין גאנצע ריכטיגקייט.

ב. לאזינסקי. — 1) מיר ווילען איבער־געבען פריינד בוכוואלד אייער גוטע מיינונג וועגען די דריי ארטיקלען זיינע, וואס זיינען ערשינען אין דער „גערעכטיגקייט" איבער דער פראגע פון „לינקע און רעכטע", איבער וועלכע עס שטורמט אזוי די גאנצע סאציא־ליסטישע פארטיי, און מיט וועלכער אירגענד א דענקענדער מענש דארף זיך אינטערעסי־רען. מיר ווילען אייך דא זאגען, אז איהר זענט ניט דער איינציגער מיט אייער מיינונג. פון פיעלע זייטען האבען מיר געהערט, אז דיעזע ארטיקלען זיינען דערווייל די קלאר־סטע און שארפסטע, וואס זיינען געשריבען געווארען איבער דעם ענין. 2) וועגען דעם אנדערען ענין זעהט לעצטען נומער „פ. א. ש." דארט האבען מיר ארויסגעזאגט גאנץ קלאר, וואס מיר דענקען איצט. מיר באטאנען דאס ווארט „איצט", ווייל אונזער מיינונג, אונ־טער דעם דרוק פון די אומשטענדען, האט זיך גאר שטארק געענדערט. 3) די אלע קלאגען זיינען אויף גארנישט באגרינדעט. מיר קענען אייך פארזיכערען, אז אזוי ווייט, ווי מיר וויסען עס, איז עס ניט אמת. מיר האבען א פארדאכט, אז די קלאגען ווערען פאר־שפרייט פון די שונאים פון די ארבייטער מיט דעם איינציגען צוועק צו צומישען זייערע מוחות און אנצומאכען טראבעל. עס וועט זיי אבער ניט געלינגען. די קלאוקמאכער זיינען אינטעליגענט גענוג זיך ניט צו לאזען פארבלאפען אויף אזא אומגעלומפערטען אופן.

ב. פרידמאן. — ניין.

דזש. ליפמאן. — יע, עס איז אמת. די „גערעכטיגקייט", אלס אן ארגאן פון דער „אינטערנעשאנאל", וועלכע האט טאג־טעגליכע קעמפפע, קען ניט אימער זיין אזוי פריי מיט איהר ווארט. אמאל קען מען ניט אלעס ארויסזאגען, ווייל דערמיט קען זיך באנוצען דער שונא. און מאנכעס מאל זיינען דא אנ־דערע אורזאכען. איהר ווייסט דאך, טאקע־טיש האט עס געהייסען, אז מיר געהען אפ־שאפען די געהיימע דיפלאמאטיע. אבער אז עס איז געקומען צו דער פראקטיק, האט איהר שטארקסטער באקעמפפער אליין זיך געמוזט באנוצען מיט איהר. צי דאס איז רעכט, צי ניט, דאס איז אן אנדער פראגע, אבער אין לעבען מוז מען אמאל פארבויגען דעם גאנץ אבסטראקטען באגריף פון רעכט און האנדלען לויט די אומשטענדען ערלויבען.

ג. פעלדמאן. — איהר האט ניט אזוי באדארפט פארשטעהן דאס ווארט „אונזער" אין דעם זין, אז מיר זיינען מיט איהם אין אלץ, וואס ער זאגט און טוט. דער פאקט איז, דאס אין די פאלגענדע שורות ווערט דאך געזאגט גאנץ אויסדריקליך, אז מיר זיינען גארניט מיט איהם איינפארשטאנען אין פיעלע פונקטען. צו דערזעלבער צייט ווידערהאלען מיר, ווען א מענשען, וואס איז פארבונדען מיט אונז אין גאר פיעלע באציהונגען, פא־סירט אן אומגליק, פארגעסען מיר, ניט ווי־לענדיג, אן דאס, וואס צושיידט אונז, און מיר געדענקען מעהר דאס, וואס פאראייניגט אונז, און אן דאס גוטע, וואס ער האט גע־טאן. דאס איז דאך אזוי נאטירליך, און ווארום אייך געפעלט צו געפינען דוקא א פגימה אין אונזערע ווערטער, קענען מיר קוים פארשטעהן.

ב. — קיט א'הער איז פאראורטיילט גע־ווארען צו 5 יאהר פריזאן. איהר פארהאנד־לונג האט ניט פאראורזאכט קיין טומעל, ווייל זי איז אריין אין פריזאן פונקט א טאג נאכ־דעם, ווי דעבס איז צוגענומען געווארען אין זיין פריזאן אין ווירדזשיניא. די עפענט־ליכע מיינונג איז דארום געווען צו פארנו־מען מיט דער פארהאפטונג פון דעבס'ן און קיט א'הייר'ס אריינגעהן אין פריזאן האט שוין דארום ניט ארויסגערופען די גאנצע אויפמערקזאמקייט, כאטש איהר טעטיגקייט אין דער סאציאליסטישער פארטיי איז גע־ווען פון גרויסער וויכטיגקייט. א חוץ דעם, וואס זי איז געווען איינע פון די בעסטע רעדנערינס, איז זי געווען פאר א היבשער צייט די אינטערנאציאנאלע סעקרעטערין פון דער סאציאליסטישער פארטיי. זי זיצט אין דעמזעלבען פריזאן, וואו עמא גאלדמאן, אין סטייט פריזאן, אין דזשעפערסאן סיטי, מי־זורי. זיי, און נאך א יונגע מיידעל, זיינען די איינציגע דריי „פאליטישע" אין יענעם געפענגניס.

ב. זילבערט. — אז איהר וועט צושי־קען, וועלען מיר זעהן. אויסענוועניג קע־נען מיר אייך קיין תשובה ניט געבען.

ר. פ. — ווען עס זיינען אנגעגעבען גע־ווארען די נעמען פון איינציגע פיהרער, צווי־שען וועלכע עס איז אויך געווען דער נא־מען וויינער, האבען מיר ניט געוואוסט, אז דער לעצטער האט רעזיגנירט פון זיין אמט. און עס איז ניט אזא גרויסער אומגליק. דאס שלעכטע איז, וואס מאנכע אנדערע זיינען ניט דערמאנט געווארען, ווי, למשל, לעפקאוויטש, וועלכער טוט גאר וויכטיגע ארבייט אין דעם סטרייק, און איז ווירקליך איינער פון די ענערגישסטע צווישען די יוניאן־טוער.

פילאדעלפיער ארבייטער בויען אן ארבייטער טעמפעל

(שלוס פון זייט 9)

עס טארען ניט זיין. די ארבייטער באוועגונג מוז זיין גאנץ איבעראל; די ארבייטער־באוועגונג מוז פיהלען גלייך איבעראל און דער ציעל פון דער באוועגונג אין איין שטאדט מוז אויך זיין דער ציעל פון דער באוועגונג אין אנדערע שטעדט. איין „שטאדט" מוז העלפען דער אנדערער; איין ארבייטער מוז העלפען דעם אנדערען, מאכט ניט אויס וואו ער זאל זיך געפינען.

עס איז דערפאר זיכער אז די ארבייטער־מאסען פון גאנצען לאנד וועלען זיך פרעהען מיט דער גרויסער אונטער־נעמונג פון די פילאדעלפיער ארבייטער און עס איז אויך קיין צווייפעל ניט, אז די ארבייטער־מאסען פון די אנדערע שטעדט וועלען העלפען פארווירקליכען דעם גרויסען, דעם הערליכען טרוים פון זייערע פילאדעלפיער ברידער.

אין די העדקווארטערס פון דעם ליי־סעאום קאמפיין, 514 וואלנאט סט. איז זעהר ביזי, זעהר לעבעדיג, און, דער פריהערדיגער שענער און רייכער טרוים וועבט זיך אין א ווירקליכקייט.

פאבליסיטי קאמיטע פילאדעל־פיער ארבייטער לייסעאום.

די יוניאן מעדיקאל און דענטאל קליניקס

פון דעם ערשטען מאי, 1919, זיינען די ניו יארקער לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל געווארען די אייגענטימער פון צוויי קליניקס, אין וועלכע טויזענדע ארבייטער ווערען יעהרליך באהאנדעלט.

פון א סטאף רעפארטער.

עס איז איצט א צייט פון אומענדע־רונגען און א אומענדערונג איז אויך פאר־געקומען אין די יוניאן קליניקס, פון 31 יוניאן סקווער, וואס זיינען עטאבלירט גע־ווארען פון דעם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל" אין די קלאוק און סוט און ווייסט און דרעס אינדוסטריען.

ווי די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" האבען שוין אודאי באמערקט, איז אין דער צייטונג פון לעצטער וואך ערשינען א גרויסע אנאנסע וועגען אט דער אומ־ענדערונג אין די יוניאן קליניקס. די זעל־ביגע אנאנסע ערשיינט אויך די וואך אויף א צווייטער זייט פון דער צייטונג.

דר. דזשארדזש מ. פרייז, דער די־רעקטאר פון דעם דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל, וועלכער איז די נשמה פון דער גאנצער אינסטיטוציע האט אונז, ביי דער געלעגענהייט, איבערגעגע־בען, אין קורצען נאטירליך, די געשיכטע פון די צוויי יוניאן קליניקס, דער מעדי־קאל און דענטאל, און איך גלויב, אז דאס וועט זיין גאנץ אינטערעסאנטע לעזע־שטאף פאר די לעזער פון די „גערעכטיג־קייט".

דער דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל איז געגרינדעט געווארען נאך'ן גרויסען דזשענעראל סטרייק אין 1910, ווי עס האט געפאדערט דער „פראטאקאל" אגרימענט וואס איז דאן געשאפען גע־ווארען. די אינסטיטוציע איז געשאפען געווארען אויפצופאסען דאס די קלאוק און סקוירט שעפער אין ניו־יארק זאלען זיין ריין און „פייער־פרוף", און איז אויפגעהאל־טען געווארען בשותפות, פון דער קלאוק־מאכער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אסס'ן. דר. דזשארדזש מ. פרייז איז נאכ־דעם אנגעשטעלט געווארען אלס דירעק־טאר פון דער גאנצער אונטערנעמונג.

ווען די זאך האט אנגעפאנגען צו ארבייטען אין דער פראקטיק האט מען זיך ארומגעזעהן, דאס צו היטען די שע־פער זאלען זיין ריין און ציכטיג איז נאך ניט גענוג. מען האט זיך באלד ארומגע־זעהן, דאס מען דארף אויך זיך צוקוקען אויף דעם געזונד־צושטאנד פון די ארביי־טער אין די שעפער. ווארים, אויב, למשל, אין א שאפ געפינט זיך איין ארבייטער בלויז וועלכער האט קאנסאמפשאן, און אפטמאל ווייס ער אליין ניט אז ער האט עס, אדער ער ליידעט פון עפעס אנאנ־דער קראנקהייט וואס איז אנשטעקענד, שטעלט ער אין געפאהר אלע אנדערע אר־בייטער אין דעם שאפ, ווען אפילו, דער שאפ ווערט געהאלטען ריין און ציכטיג. מען איז אלזא געקומען צום שלוס, דאס פונקט ווי עס איז נויטיג די שעפער זא־לען זיין ריין, ציכטיג און זיכער אין פאל עס ברעכט אויס א פייער, איז פונקט אזוי וויכטיג אויפצופאסען אויף דעם גע־זונד צושטאנד פון די ארבייטער אין די שעפער. אין יאהר 1912 האבען דאקטוי־רים, אונטער'ן אויפזיכט פון דר. פרייז, אנגעפאנגען אונטערזוכען דעם געזונד־צו־שטאנד פון די ארבייטער אין די „פרא־טאקאל"־שעפער. יענע מעדיצינישע אונ־טערזוכונגען האבען שוין אנגענומען דעם כאראקטער פון א „קליניק".

אין יאהר 1913 האבען דאקטוירים אין דעם קליניק אונטערזוכט 800 ארביי־טער פון קלאוק טרייד. נאך דעם יאהר איז דער קליניק רעארגאניזירט געווארען. אונ־זער פרעסער יוניאן לאקאל 35 האט דאן איינגעפיהרט קאנסאמפשאן־בענעפיט און נאכדעם אויך קראנקען־בענעפיט. אביסעל שפעטער האבען דעם זעלבען בענעפיט אויך איינגעפיהרט די פינישערס יוניאן, לאק. 9, און די סקוירט מאכער יוניאן לא־קאל 23. דאס האט געבראכט מיט זיך, דאס די נייע מיטגלידער וואס האבען נא־

איהר הויז. זי עסט נים קיין ברויט פון א פוילען, איהרע זיהן טרעטען ארוים זי צו בענשען, איהר מאן זי צו ליעבען. פיעלע פרויען האבען באשאפען גרויסארטיגעס, זי איבערשטייגט איבער זיי אלעמען. די גראציע נארט אפ, די שענקייט ענטוישט, לויבען דארף מען א פרוי וואס האט מורא פאר גאט. די פרוכטען פון איהרע הענד רעדען פאר איהר, איהרע ווערק אליין לויבען זיי".

„די גראציע נארט אפ, די שענקייט ענטוישט". עס קען זיך צוליעב די ווערטער דוכטען, אז ביי אידען האט נים עקזיסטירט קיין פאעזיע, אז ליעבע און שענקייט האבען נים געשפיעלט קיין ראָלע. אין דער אמת'ען אבער איז די ביבעל פול מיט פאעטישע ליעבעס-בילדער.

אזוי ווען יעקב דיענט אפ פאר רחל'ען זיבען יאהר זאגט ער: „די זיבען יאהר זיינען מיר אוועק ווי איינינע טעג". וואס קען שענער און טיעפער אויסדריקען די ליעבע, ווי דיזע ווערטער.

די כאראקטעריסטיק פון דער ווירטין מיינט בלויז, אז דאס פאמיליען-לעבען קען זיין גליקליך בלויז דאן, ווען עס הערשט ליעבע, פריעדען און ארדנונג.

די ראָלע פון דער אידישער פרוי אלזא איז געווען אין יענער צייט באַשרענקט. זי איז געווען א ווירטין, א מאמע. וועגען העכערער בילדונג פאר פרויען איז דאן נים געווען קיין רייד. אויך האָבען זיך אויף דיזען געביעט ווייניג אויסגעצייכענט איינצעלנע פרויען.

אין דער ביבעל איז דא א שטעלע, וועלכע צייגט, אז די פרוי איז אויך געווען א סוחר'טע. זי האט באטראכט דאס פעלד און האט דאס געקויפט. מיט די פריכטע פון איהרע הענד האט זי באַזעצט וויינגערטנער. זי פלעגט מאכען דאס פיינע לייווענד און פלעגט דאס פארקויפען. „דער עפעל פאלט נים וויט פון בוים". אויך ביי היינטיגען טאג זיינען אידישע פרויען באריהמט אלס איבערגעבענע מאמעס. ביישפיעלען וואלט מען געקענט ברייננען א סך. איך וועל זיך בלויז אפשטעלען אויף איינעם.

די סטאטיסטיקעס פון דער באארד אוו העלטה אין ניו יארק צייגען, אז די שטערבליכקייט פון קינדער אין די ערשטע יאהרען, איז ביי אידען די קלענסטע. די באארד אוו העלטה גיט צו, אז דאס איז צוליעב דער איבערגעבענהייט פון דער אידישער מאמע.

די אידישע פרוי האט אין אמאליגע צייטען זיך נים אויסגעצייכענט אויפ'ן וויסענשאפטליכען געביעט, ווייל די אומשטענדען זיינען נים געווען גינסטיגע. איצט אבער זיינען די אומשטענדען אנדערע, און די אידישע פרוי האט זיך אויסגעצייכענט אויף פיעלע געביעטען פון קולטורעלען און געזעלשאפטליכען לעבען.

די פרויען וועלט

פון ראזע בעדריק (בלינדער).

True translation filed with the Postmaster at New York City on May 23, 1919, as required by the of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

אן אינטערנאציאנאלער פרויען-קאנפערענץ אין דער שווייץ.

דעם 12טען מאי האט זיך אין ציריך, שווייץ, געעפענט דער צוזאמענפאהר פון דעם „פרויענס אינטערנאציאנאלען קאנפערענץ פאר באשטענדיגען פריעדען".

דער צוזאמענפאהר האט זיך באשעפטיגט מיט שטודירען די ארבייט פונ'ם אלוועלטליכען פריעדענס קאנפערענץ אין פאריז, און ספעציעל מיט דעם קאנפערענץ'ס פארעפענטליכען אפמאך (קאווענאנט) פון דער ניי-געגריינדעטער פעלקער-ליגע. דער דאזיגער אפמאך איז אויפ'ן צוזאמענפאהר שטארק קריטיקירט געווארען פאר זיין נים באשטימען קלאר גענוג די קינפטיגע לאגע פון די פרויען אינ'ם פאליטישען און עקאנאמישען לעבען פון די נאציאנען, וואס שטעלען צונויף די פעלקער-ליגע.

איבער הונדערט דעלעגאטקעס, פארטרעטענדיג פופצעהן לענדער, האבען זיך באטייליגט אינ'ם צוזאמענפאהר. די ערשטע ערעפנונגס-זיצונג איז געהאלטען געווארען אונטער'ן פארזיץ פון מיס דזשעין עדעמס, די פיהרערין פון דער אמעריקאנער דעלעגאציע אויפ'ן צוזאמענפאהר.

די אנדערע אמעריקאנער דעלעגאטקעס זיינען: עמילי באלטש, עליס העמילטאן, דזשענעט רענקין, פלארענס קעלי, און ליליען וואלד.

דער צוזאמענפאהר האט אנגעהאלטען ביז דעם 19טען מאי. ביי דער שליסונג פונ'ם צוזאמענפאהר איז ערוועהלט געווארען א קאמיטע צו פאהרען צום פריעדענס-קאנפערענץ אין פאריז, און דארט ארויסטרעטען נעגען דעם איצטיגען קאווענאנט פון דער פעלקער-ליגע. אין דער דאזיגער קאמיטע זיינען ערוועהלט געווארען אויך איינינע אמעריקאנער דעלעגאטקעס.

* * *

אמעריקאנער פרויען-ארבייטער וועלען דיסקוטירען אינטערנאציאנאלע פראבלעמען.

וואס נעהנטער עס קומט דער טאג פון דער נאציאנאלער פרויען טרייד-יוניאן ליגע'ס קאנווענשאן, וועלכע וועט זיך צונויפקומען אנהויב יוני אין פילאדעלפיא, אלץ גרעסער וואקסט דער אינטערעס פון דער אמעריקאנער ארגאניזירטער ארבייטערשאפט בכלל, און פון די פרויען-ארבייטער בפרט, צו דער דאזיגער פיעל-פארשפרעכענדער קאנווענשאן און צו די גרויסע און וויכטיגע פראבלעמען, מיט וועלכע זי וועט זיך באשעפטיגען.

אינטערנאציאנאלע פראבלעמען, וואס האבען א שייכות צום לעבען פון די פרויען-ארבייטער אין אנדערע לענדער, וועלען זיין צווישען די סאמע וויכטיגסטע פראגען אויף דער קאנווענשאן'ס פראָגראם.

מיס מערי ענדערסאן און מיס ראזע שניידערמאן, וועלכע זיינען די דעלעגאטען פון דער נאציאנאלער פרויען טרייד-יוניאן ליגע צום אלוועלטליכען פריעדענס קאנפערענץ אין פאריז, וועלען די טעג צוריקקומען פון איראפא, און זיי וועלען צושטעלען דער פילאדעלפיער קאנווענשאן א גענויען באריכט איבער אלץ, וואס זיי האבען אויפגעטאן מיט זייער שליחות און אויך איבער דער לאגע פון די פרויען-ארבייטער אין די אייראפעאישע לענדער, וועלכע זיי האבען באזוכט.

די בריטישע פרויען-ארבייטער וועלען אויף דער פילאדעלפיער קאנווענשאן זיין פארטראטען דורך מיס מערי מעקארטור, וועלכע איז ספעציעל צוליעב דעם אהער געקומען פון ענגלאנד. מיס מעקארטור און איהר טעטינקייט אין די בריטישע פרויען-ארבייטער קרייזען, זיינען אונזערע לעזער שוין באקאנט פון דעם ספעציעלען ארטיקעל, וואס מיר האבען געהאט וועגען איהר אין דער „גערעכטיגקייט" פון צוריק מיט עטליכע וואכען.

די שטים-האבענדע פארטרעטערשאפט אויף דער קאנווענשאן וועט איינשליסען די דעלעגאטען פון אלע אפטיילונגען, וואס די ליגע צעהלט איבער'ן גאנצען לאנד; די דעלעגאטען פון אלע נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע טרייד-יוניאנס, וועלכע האבען פרויען אלס מיטגלידער; דעלעגאטען פון פארשידענע שטאאט-פעדעראציעס פון ארבייטער און פון צענטראלע ארבייטער-קערפערשאפטען; און דעלעגאטען פון אזעלכע לאקאלע טרייד-יוניאנס וואס זיינען דירעקט פארבונדען מיט דער נאציאנאלער ליגע. אויף אזא אופן וועט די צאהל פרויען-ארבייטער, וואס וועלען זיין פארטראטען אויף דער קאנווענשאן, גרייכען ביז איבער דריי הונדערט טויזענד.

די אויפגאבען פון אראנזשירען די קאנווענשאן און פון באזארגען אלע נויטיגקייטען פאר דער ארבייט פון דער קאנווענשאן זיינען אין די הענד פון א קאמיטע פון דער פילאדעלפיער פרויען טרייד-יוניאן ליגע, אונטער דער פיהרערשאפט פון מיס פרידא מילער, דירעקטאר פון דער פילאדעלפיער ליגע, און פון מיס פאולין ניומאן, די אנפיהרערין פון דער דארטיגער ליגע'ס ארגאניזאציאנס ארבייט.

די קאנווענשאן וועט זיך עפענען דעם 2טען יוני און וועט אנהאלטען ביז דעם 7טען יוני. די זיצונגען וועלען געהאלטען ווערען אין דער ערשטער באפטיסטישער קירך פון פילאדעלפיא, אויף באמסאן גאס. צימערען פאר די דעלעגאטען זיינען צוגעגרייט געווארען אין לינקאלן האטעל, נים וויים פון דעם קאנווענשאן-פלאץ.

די פילאדעלפיער פרויען טרייד-יוניאן ליגע, וועלכע וועט נאטירליך זיין די הויפט-מחותנת'טע אויף דער קאנווענשאן, איז איינע פון די גרעסטע און טעטיגסטע לאקאלען פון דער נאציאנאלער ליגע. דורך די לעצטע צוויי יאהר, זינט דער לעצטער קאנווענשאן פון דער נאציאנאלער ליגע, האט דער פילאדעלפיער לאקאל ארגאניזירט טרייד-יוניאנס פון אפיס-ארבייטערינס, קעלנערינס, מעבעל-ארבייטערינס, ציגאר-מאכערינס און שול-לעהרערינס; און האט מיטגעהאלפען אין דער ארגאניזירונג פון דרעסמאכער, מאשינינסטען, טעלעגראפיסטען, שטריקער, וועבער, בעקערס, איינבינדערס און אנדערע.

די פילאדעלפיער פרויען טרייד-יוניאן ליגע איז אויך געווען די אנפיהרערין פונ'ם קאמפף פאר אן אכט שטונדיגען ארבייטס-טאג פאר די פרויען-ארבייטער פון פענסילווייניא.

ארבייטער-ארגאניזאציעס ערמוטיגט פון דער רעגירונג צו עפענען אייגענע קליניקס.

די אפטיילונג פונ'ם וואשינגטאנער לייבאר דעפארטמענט, וועלכע האט די אויפזיכט איבער די ארבייטס-קאנדיציעס אין לאנד, האט זיך איצט געווענדעט צו די אכט הונדערט צענטראלע ארבייטער-קערפערשאפטען אין די פאראייניגטע שטאאטען, און זיי פארגעשלאגען, אז זיי זאלען עפענען אייגענע אינדוסטריעלע קליניקס פאר זייערע מיטגליעדער.

לויט דער באהויפטונג פון מיסס פלארענס טהארן, געהילפס-דירעקטאר פון דער דערמאנטער אפטיילונג, שלאגט די רעגירונג פאר צו נעמען אויף זיך די אויפזיכט איבער די קליניקס, און באט אן צו באזארגען די ארבייטער, וואס וועלען זיך ווענדען נאך מעדיצינישער הילף צו די דאזיגע קליניקס, מיט דער בעסטער עקספערטיווער מעדיצינישער אונטערזוכונג, ראט און באהאנדלונג, פאר דעם קליינעם פרייז פון צעהן סענט ביז איין דאלער פון א פאציענט. דער דאזיגער פרייז איז באזירט אויף אויסרעכנונגען לויט די ביז-איצטיגע ערפאהרונגען, און עס איז גאנץ מעגליך, אז מיט דער צייט זאל דער פרייז נאך מעהר פארקלענערט ווערען. דאס וועט זיך ווענדען אן דער צאהל פאציענטען, וואס די קליניקס וועלען באהאנדלען, און אן דעם כאראקטער פון זייערע קראנקהייטען, און וועלכע באַהאנדלונגען די קראנקהייטען וועלען באַנויטיגען.

דער איצטיגער פארשלאג פון דער רעגירונג איז קאפירט פון דעם ארבייטער-קליניקס פלאן, וועלכער ווערט שוין היינט פראקטיצירט מיט באדייטענדען ערפאלג דא, אין ניו יארק, און אויך אין באסטאן און אין פילאדעלפיא. אין ניו יארק ווערט די דאזיגע ארבייט פינאנסירט און אנגעפיהרט פון קיין אנדערען ווי נאר אונזער איינענע אינטערנעשיאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, וועהרענד אין באסטאן און אין פילאדעלפיא ווערען די דאזיגע ארבייטער-קליניקס געשטיצט פון די שטאאטישע קאסעס. דער פאקט, אז די רעגירונג האט קאפירט איהר פארגעשלאָגענעם פלאן דירעקט פון אונזער אינטערנעשאנאל'ס קליניקס, איז נאטירליך א גרויסער קאמפלימענט פאר אונזער אינטערנעשיאנאל. ערשט דא נים לאנג צוריק האט דער לייבאר-דעפארטמענט גענומען אליין דורכפיהרען גענוי דעם זעלבען פלאן אין נוארק ניו דזשוירזי. אבער, ווי עס זעהט אויס, איז די רעגירונג מיט דער מיינונג, אז עס וועט זיין בעסער, אז די ארבייטער-ארגאניזאציעס זאלען עפענען אזעלכע קליניקס אויף זייער איינענער איניציאטיווע.

די מעדיצינישע אויפזיכט איבער דער ארבייט אין די פארגעשלאגענע קליניקס וועט די רעגירונג איבערגעבען צו א סטעף עקספערטען, וואס וועט שטעהן אונטער דער דירעקציע פון דר. א. דזשיי. לאנדזא, הויפט פון דער רעגירונגס אפטיילונג איבער אינדוסטריעלער היגיענע און מעדיצין.

אויסער דער פריהער דערמאנטער מיס פלארענס טהארן זיינען אויפ'ן סטעף פאראן נאך דריי פרויען. צוויי דאקטוירים: דר. אידאיטה א. בעיקאן און דר. עלאיז מיק, און מרס. לארי דזשין רייד, הויפט-נוירס אין דעם „פאלקס-געזונדהייטס ביורא".

* * *

איינינע אינטערעסאנטע פאקטען וועגען פרויען.

זיבען פון יעדע צעהן ערוואקסענע פערזאנען אין די פאראייניגטע שטאאטען זיינען פרויען.

* * *

איבער הונדערט טויזענט פרויען זיינען באשעפטיגט ביי די אמעריקאנער אייזענבאנען.

* * *

די ארבייטער-פרויען אין ענגלאנד פאדערען די עטאבלירונג פון א ספעציעלען מיניסטעריום פאר דער אויפפאסונג אויפ'ן פאלק'ס געזונט.

* * *

איבער דריי מיליאן פרויען זיינען געווען באשעפטיגט אין דער ענגלישער טראנספארט-דיענסט אין דער צייט פון דער מלחמה.

* * *

זינט אויגוסט, 1914, האט זיך די צאהל פון פרויען טרייד-יוניאניסטען אין ענגלאנד פארגרעסערט אויף פופציג פראָצענט.

די באזונדערע סטרייק קאמיטעס און וואו זיי געפינען זיך:

די גרויסע דזשענעראל סטרייק קאמיטע איז פארטיילט געווארען אין פארשידענע, באזונדערע סאב-קאמיטעס און דא איז א ליסט פון די אלע קאמיטעס און וואו זיי געפינען זיך. פרעזידענט שלעזינגער איז דער טשערמאן פון דער אלגעמיינער סטרייק קאמיטע.

ארגאניזיישאן קאמיטע: — סאול מעטץ, טשערמאן, בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סטריט. — טעלעפאן: ארטשארד 2566.

פיקעט קאמיטע: — דזש. ברעסלאו, טשערמאן. ארלינגטאן האל, 23 סט. מארקס פלייס. טעלעפאן — ארטשארד 2585.

האל קאמיטע: — דזש. האלפערין, טשערמאן. אפיס פון לאקאל 9, 228 2טע עוועניו, 3טער פלאר. טעלעפאן — סטייוועסענט 6753.

אוט-אוו-טאון קאמיטע: — ל. לאנגער, טשערמאן, 40 איסט 23טע סט. 3טער פלאר. טעלעפאן — גרעמערסי 7140.

אינפארמיישאן ביורא: — ס. פריואמט, טשערמאן, 40 א. 23טע סט., 1טער פלאר. טעלעפאן — גרעמערסי 7140.

רעדנער קאמיטע: — י. פיינבערג, טשערמאן, 40 א. 23טע סט. 4טער פלאר. טעלעפאן — גרעמערסי 7140.

לאא און קאורט קאמיטע: — ס. לעפקאוויטש, טשערמאן, 40 איסט 23טע סט. טעלעפאן — גרעמערסי 7140.

רעליעף קאמיטע.

די רעליעף קאמיטע וועט מיטען אין ארלינגטאן האל, 23 סט. מארקס פלייס.

ת. וואנדער, טשערמאן.

דזש. העלער, סעקרעטער.

טעלעפאן, ארטשארד 2585.

וויכטיג פאר די קלאוק מאכער פון ברוקלין

ברודער ד. ניסענעוויץ איז דער טשערמאן פון דעם ברוקלין דיוויזשאן. דער אפיס געפינט זיך אין 99 מעקיבען סט. די ברוקלינער סטרייקער פארזאמלען זיך אין ראיאל פעלעס, 16 מאנהעטען עוו.

וויכטיג פאר די קלאוק מאכער פון בראנזוויל.

דער אפיס פון דעם בראנזוויל דיוויזשאן געפינט זיך אין 219 סעקמאן סטריט. א. באביטש, טשערמאן. די בראנזווילער סטרייקער פארזאמלען זיך אין דעם בראנזוויל לייבאר לייסעאום.

וויכטיג פאר די קלאוק מאכער פון דזשוירזי סיטי.

דער אפיס פון דער קלאוק מאכער יוניאן אין דזשוירזי סיטי געפינט זיך 76 מאנטגאמרי סט. פ. קאטלער, טשערמאן.

וויכטיג פאר די קלאוק מאכער פון נוארק.

דער אפיס פון דער קלאוק מאכער יוניאן אין נוארק איז אין 103 מאנטגאמרי סטריט. ברודער מאקס ברוק איז דער טשערמאן פון יענער דיוויזשאן.

וויכטיג פאר די קלאוק מאכער פון הארלעם.

דער אפיס פון דער קלאוק מאכער יוניאן אין הארלעם געפינט זיך אין 1714 לעקסינגטאן עוו. ברודער רובינבוים איז דער טשערמאן פון דעם הארלעם דיוויזשאן.

דירעקטאָרי

פון

יוניאָן אָפיסעס פון דזשאָינט באָארד

פון דער

קלאָוק, סקירט און ריפער מאַכער יוניאָן פון ניו יאָרק

פראָטעקטיוו דיוויזשאָן,
40 איסט 23טע סט., 3טען פלאָר.
מאקס פינקעלשטיין, מענעדזשער;
מאקס בראַדפעלד, קאָמפּלייגט קלוירק

אינדעפענדענט דיוויזשאָן,
40 א. 23ט סט., 2טען פלאָר.
ס. מעטץ, מענעדזשער; ה. סלוצקי,
קאָמפּלייגט קלוירק.

סקירט דעפּאַרטמענט,
40 איסט 23טע סט., 2טען, פל., בעק
ס. פריזמאַן, מענעדזשער

ריפער דעפּאַרטמענט,
40 א. 23טע סט., 1טען פלאָר.
א. בערקאָוויטש, מענעדזשער.

דאון-טאון אָפיס,
40 איסט 2טע סטריט.
ס. סאפין, מענעדזשער;
ב. קוק, קאָמפּלייגט קלוירק.

הארלעם אָפיס,
1714 לעקסינגטאָן עוו., קאָרנער
107ט סטריט.
י. רובינבאום, ביזנעס איידזשענט.

ברוקלין אָפיס,
99 מעקיבען סט., קאָרנער מאנהעטען עוועניו.
ד. ניסנעוויטש, מענעדזשער.

בראַונזוויל אָפיס,
219 סעקמאַן סטריט.
א. באבישש, מענעדזשער.

דזשוירזי סיטי אָפיס,
76 מאָנטגאָמערי סטריט.
א. מאנגאיפי, ביזנעס איידזשענט.

נוארק אָפיס,
103 מאָנטגאָמערי סטריט.
מאקס ברוק, מענעדזשער.

לאָקאַל אָפיסעס פון דזשאָינט באָארד לאָקאַלס

לאָקאַל 1, 236 פערסט עוועניו.
פ. קאָטלער, מענעדזשער;
ס. דינגער, סעקרעטער.

לאָקאַל 3, — 9 וועסט 21טע סט.
ד. רובין, סעקרעטער.

לאָקאַל 9. — 228 סעקאָנד עוועניו.
דזש. האלפערן, מענעדזשער.

לאָקאַל 10. —7 וועסט 21טע סט.
גארענשטיין, מענעדזשער;
י. סעמיועלס, סעקרעטער.

לאָקאַל 11. —219 סעקמאַן סט.,
בראַונזוויל.
ה. בראָדסקי, סעקרעטער.

לאָקאַל 17. —117 סעקאָנד עוועניו.
דזש. העללער, סעקרעטער.

לאָקאַל 21. —103 מאָנטגאָמערי סט.,
נוארק, נ. דזש.

לאָקאַל 23. —231 איסט 4טע סט.
ה. וואַנדער, מענעדזשער.

לאָקאַל 35. —228 סעקאָנד עוועניו.
דזש. ברעסלאווער, מענעדזשער;
א. ע. קאַזאַן, סעקרעטער.

לאָקאַל 48. —231 איסט 4טע סט.
ס. ביגפא, מענעדזשער.

לאָקאַל 64. —112 וועסט 21טע סט.
קלאוק עקזאמינערס, באנדרערס און בושלערס יוניאָן ל. 82,
78 איסט 10טע סטריט.
לעאָן ראָזענבלאַט, סעקרעטער.
י. מ. אשפיז, מענעדזשער.

ל. לאנגער, סעק. דזש. באָארד.
מ. זיגמאַן, דזש. מענעדזשער.
פ. קאפלאָוויטש, טרעזשורער.
40 א. 23טע סט., 4טען פלאָר.

לײדיס טײלאָרס און אָלטערײשאָן אַרבײטער יוניאָן, לאָקאַל 80.

דער עקזעקוטיוו באָארד האָט באשלאָסען צו פארלענגערען די צייט צו באצאָהלען די 5 דאלאר אסעסמענטס ביז דעם 1טען דזשון. יעדער מעמבער וואס וועט ניט האָבען באצאָהלט דעם 5 דאלאר אסעסמענט, וועט מוזען באצאָהלען $1.50 מעהר, דאָס איז דער אינטערנעשאָנעל אסעסמענט, וואס געהט יעצט אריין אין די 5 דאלאר פאר דעם ספּעשעל סטרייק פאָנד. נאָך דעם 1טען דזשון וועט יעדער מעמבער וואס וועט ניט האָבען באצאָהלט דעם אסעסמענט אין פול, מוזען צאָהלען $6.60 אנשטאָט פינף דאָלער.

עקזעקוטיוו באָארד לאָקאל 80

ה. הילפמאן, סעקרעטער.

„גייזעל־רעסט" הייסט בעקוועמ־ליכקייט! די קאָסט איז קליין — דער פערגעניגען גרויס!

יעדער איינער וואָס טראָגט גלעזער — דאַרף נוצען א פרייס וועלכע זאָל פּאסען זיין נאָז, און זאָל ניט פעראורזאכען שמערצען אָדער נערוועזיטעט.

דר. ב. ל. בעקער'ס „גייזעל־רעסט" איז געשאפען געוואָרען צו פערמיידען די אלע שוועריגקייטען.

דר. באַרנעט ל. בעקער

אָפּטאָמעטריסט און אָפּטישען

215 East Broadway — 100 Lenox Avenue

1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

אויגען ווערען עקזאמינירט ביי די בעסטע אויגען־ספּעציאַליסטען.

צו אלע סעקרעטערע פון אונזערע לאָקאלס

אלע ענדערונגען אין די אדרעסען ווי אויך אלע אדרעסען פון נייע מעמבערס זאָלען צוגעשיקט ווערען צום רעקאָרד־דעפּארטמענט אויף די ספּעציעלע סליפּס, וועלכע ווערען צוגעשיקט צו אייך.

ענדערענדיג א מעמבער'ס אדרעס מוזט איהר אבער אנגעבען זיין געוועזענעם אלטען אדרעס. דאָס איז נויטיג כדי צו פארמיידען אומזיסטע ארבייט פאר אייך און פאר אונז און אויך כדי צו האָבען א בעסערען קאָנטראָל איבער אונזער מיילינג־ליסט.

עליאס ליבערמאן, מענעדזשער.

וואס יעדער מעמבער פון לאָקאל 23 דאַרף וויסען און געדענקען וועגען קראַנקען בענעפיט.

1. ווען איהר ווערט קראַנק מעלדעט זיך גלייך אין אָפיס, 231 איסט 14טע סטריט. גיט אָן אייער ריכטיגען אדרעס, דעם פלאָר און רום וואו איהר וואוינט. אויב איהר וואוינט אין באָרד, גיט אָן דעם נאָמען ביי וועמען איהר וואוינט.

2. שיקט גלייך אייער יוניאָן בוך אין אָפיס מיט יעמאנדען אדער דורך א רעדזשיסטרירטען לעטער.

3. ווען איהר געפינט זיך אין א האָספּיטאל גיט אָן דעם נאָמען פון האָספּיטאל. ווען איהר קומט ארויס מעלדעט זיך גלייך אין אָפיס פון דער יוניאָן.

4. די צייט רעכענט זיך פון דעם טאָג וואס איהר האָט זיך אפיציעל געמאָלדען אין אָפיס און איבערגעגעבען אייער יוניאָן בוך.

5. אום צו קריגען בענעפיט מוז דער קראַנקער עקזאמינירט ווערען ביי דעם יוניאָן דאָקטאָר.

6. קיינע אטעסטען פון אנדערע דאָקטוירים, סערטיפיקייטס פון לאָדזשען אדער פאראיינען וועלען פאזיטיוו נישט אנערקענט ווערען.

7. קראַנקע וועלכע ליגען נישט אין בעט דארפען עקזאמינירט ווערען אין דאָקטאָר'ס אָפיס, און דארפען זיך מעלדען 3 מאָל אין וואָך אין אָפיס פון יוניאָן.

8. צו בענעפיט זיינען בלויז בארעכטיגט די וועלכע האָבען איינגעצאָלט אמווינציגסטען פאר איין מאָנאט בעפאר ער אדער זי האָט זיך געמאָלדען קראַנק.

9. ווען איהר זייט ריקשטענדיג איבער 3 מאָנאטען, ווערט איהר פאר רעכענט פאר נישט גוטשטעהענד.

10. די ערשטע וואָך בענעפיט ווערט געצאָהלט אויפ'ן 10טען טאָג. די איבריגע וואכען רעגולער יעדע 7 טעג.

ה. וואַנדער, מענעדזשער.

די יוניאָן־קאָאָפּעראטיוו סאָסייעטי

לאָקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאָן

פערקויפט אויסשליסליך

וזייט לילי טהעע קאָלאָמביא טהעע צוועטאָטשני טשאַי

רעזאָרסעס איבער

$60,000,000.00

מעהר ווי 100,000 דעפּאזיטארס

די סטייט באַנק

זיכער — קאָנסערוואטיוו — צופריעדענשטעלענד

מעמבער פון ניו יאָרק קלירינג הויז

די יונייטעד סטייטס גאָווערנמענט, סטייט און סיטי אָוו ניו יאָרק, און די יונייטעד סטייטס פאָסטאל סייווינגס דעפּאזיטען מיט אונז.

ווערט אויך איינער פון אונזערע דעפּאָזיטארס.

THE STATE BANK

שטארק ווי דער פעלזען פון גיבראלטאר

374 גרענד סטריט, ניו יאָרק

7 וועסט 26טע סטריט. — 100 עסעקס סט. — 1400 פינפטע עוועניו

158טע סטריט, יוניאָן און וועסטשעסטער עוועניוס

ברוקלין ברענטשעס:

גרעהעם עוו. און ווערעט סט., פיטקין און סטאָן עוועניוס.

האלט זיך אנשליסען צו דיזע לאקאלס האבען נעדארפט פריהער זיך לאזען אונטערזוכען פון א דאקטאר, און דאס איז געמאן געווארען אין דעם מעדיקאל קליניק פון דעם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל".

ביסלעכווייז האט זיך די ארבייט פון דעם מעדיקאל קליניק אויסגעברייט. פון אנפאנג זיינען די אויסגאבען זיינע אין גאנצען געדעקט געווארען פון'ם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל". שפעטער אבער, איז צוגעקומען דער איינקונפט וואס איז געצאהלט געווארען פון די אפליקאנטען פאר די לאקאלס 9, 23 און 35, וועלכע זיינען אונטערזוכט געווארען.

אויף דער לעצטער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשיאנאל אין באסטאן איז באשלאסען געווארען איינצופיהרען קאנסאמפשאן בענעפיט אין יעדער לאקאל פון דער גאנצער יוניאן, און דאס מיינט, אז יעדער נייער מיטגליעד וואס שלאגט זיך פאר אויפגענומען צו ווערען, מוז בעפאר זיך לאזען אונטערזוכען פון א דאקטאר, און דאס האט, נאטירליך, א סך פארגרעסערט די טעטיגקייט פון דעם מעדיקאל קליניק. דאס האט געפיהרט צו דעם, דאס דער מעדיקאל קליניק זאל ארויסגענומען ווערען פון אונטער דעם שוץ פון'ם „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנטראל" און די דריי דערמאנטע לאקאלס, און דאס שטעלען אונטער'ן שוץ און קאנטראל פון אלע אינטערנעשיאנאל לאקאלס אין גרויס נויארק. און מיט א צוויי מאנאטען צוריק איז געגרינדעט געווארען די „יוניאן קליניקס אסאסיאיישאן", וועלכע באשטעהט פון די לאקאלס 1, 3, 6, 9, 10, 11, 17, 20, 23, 25, 35, 41, 46, 48, 50, 58, 62, 66, 80, 82 און 90, — אלע אינטערנעשיאנאל לאקאלס אין גרויס נויארק. צו דער אסס'ן באלאנגט יעצט נים נאר דער מעדיקאל קליניק, נאר אויך דער דענטאל קליניק. ביידע קליניקס שטעהן איצט אין גאנצען אונטער'ן קאנטראל פון דער אסס'ן, מיט דר. פרייז אלס דירעקטאר און טשיעף. דאס גאנצע אייגענטום וואס איז אין די קליניקס אריינגעטאן געווארען אין דער גאנצער צייט פון זייער עקזיסטענץ איז איבערגעגעבען צו דער נייער יוניאן קליניקס אסאסיאיישאן און דאס אלעס באלאנגט איצט צו איהר.

די פאלגענדע פערזאנען זיינען ערוועהלט געווארען אלס בעאמטע פון דער אסס'ן: ברודער ה. וואנדער פון לאק. 23, פרעזידענט; ברודער א. ע. קאזאן פון לאק 35, טרעזשורער; ברודער ס. דזש. רייגנער פון לאק. 1, סעקרעטער; די ברידער זארעמסקי, דזש. קעסטין און ד. רובין זיינען ערוועהלט געווארען אין באארד אוו דירעקטאס. דאקטאר דזש. מ. פרייז, וועלכער, ווי שוין באמערקט, ארבייט פאר דער אינסטיטוציע זינט 1912, פארבלייבט דער דירעקטאר פון דער אונטערנעמונג.

דער מעדיקאל קליניק האט שוין איצט אייניגע אפטיילונגען און טוט אויף א מאסע גוטע ארבייט. אט זיינען איניגע ציפערן וועגען די מעדיצינישע אונטערזוכונגען.

אין יאהר 1912 זיינען געמאכט געווארען בלויז 800 עקזאמינײשאנס; אין 1913 איז שוין געווען 1234; 1914 — 4712; אין 1915 — 5229; אין 1916 — 7226; אין 1917 — 3415; און אין 1918 — 5024: די גרעסטע צאהל עקזאמינײשאנס זיינען, אלזא, געמאכט געווארען אין יאהר 1916, אין דער צייט פון'ם צווייטען גרויסען סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטרי פון נויארק. אין איין טאג, דעם 11טען מאי פון יענעם יאהר זיינען געקומען 156 קאנדידאטען זיך לאזען אונטערזוכען, 656 דורך יענער וואך און 1705 דורך דעם גאנצען מאנאט. דאס איז דעמאלט געווען די גרעסטע צאהל מעדיצינישע אונטערזוכונגען אין דער געשיכטע פון'ם מעדיקאל קליניק. אבער דער היינטיגער יאהר צייכענט זיך אין דער הינזיכט נאך מעהר אויס. דורך די מאנאטען יאנואר, פעברואר און מערץ, 1919, זיינען אין דעם קליניק געמאכט געווארען 3229 מעדיצינישע אונטערזוכונגען. די גרעסטע וואך איז געווען אין מערץ. די וואך וואס האט זיך געענדיגט מיט'ן 22טען מערץ זיינען געמאכט געווארען 205 אזעלכע אונטערזוכונגען. דער יאהר וועט שוין אלזא, אריבערשטייגען דעם יאהר 1916.

צום מעדיקאל קליניק לעגט מען איצט קיין געלד נים צו; ער באצאהלט זיך אליין, עס בלייבט נאך אפילו איבער א שטיקעל פראפיט. ער האלט זיך אויף דערפון וואס יעדער קאנדידאט פאר א מיטגליד אין א לאקאל באצאהלט א דאלאר פאר דער מעדיצינישער אונטערזוכונג. ווען איינער, אדער איינע, וואס איז שוין א מיטגליד אין דער יוניאן לאזט זיך אונטערזוכען, קאסט עס בלויז 50 סענט. און די דאלארס מיט די 50 סענטיגע דעקען די אויסגאבען פון דעם מעדיקאל קליניק. דורך די מאנאטען יאנואר, פעברואר און מערץ פון דעם יאהר איז געווען די אייננאהמע פון דעם קליניק 2,888.40 דאל. און די אויסגאבען 1,645.30 דאל. די דריי מאנאטען ציינגען, אלזא, א פראפיט פון 1,243.10 דאל.

וואס אמבעלאנגט דעם דענטאל קליניק, ווערט ער איצט קוים צוויי יאהר אלט. ער איז געעפענט געווארען דעם 7טען מאי, 1917. שוין דורך דער צייט האט אויך דער דענטאל קליניק זיך ארויסגעוויזען צו זיין אן ערפאלג. מען קאן זאגען, דאס אויך דער קליניק באצאהלט זיך שוין אליין. דורך די קנאפע צוויי יאהר וואס ער עקזיסטירט, האט דער קליניק אריינגענומען כמעט 22,000.00 דאלער, און דאס האט שוין באלד געדעקט אלע זיינע אויסגאבען. מען קען זיך אלזא, אויך אויף דעם נים באקלאגען.

אין דער אנאנסע פון דער ניי-געגרינדעטער יוניאן קליניקס אסס'ן, וועלכע איז געדרוקט אויף אנאנדער פלאץ אין דער ציימונג, וועט איהר געפינען די שטונדען פון דער באשטימטער צייט ווען די מעדיצינישע אונטערזוכונגען ווערען געמאכט אין פארשידענע אפטיילונגען פון די צוויי יוניאן קליניקס.

די ספעציעלע אפטיילונגען אין דעם מעדיקאל קליניק ווערען געפיהרט פון קאמפעטענטע, באוואוסטע דאקטוירים, ספעציאליסטען אין זייער פאך. ווען א מיטגליד פון דער אינטערנעשיאנאל דארף זיך קורירען אויף עפעס אן ערנסטע קראנקהייט באקומט מען אין דעם קליניק א טריטמענט פאר 50 סענט אדער א דאלער, וואס וואלט געדארפט קאסטען פריוואט כאטש 5 דאלער.

דאס זעלבינע אויך אין דעם יוניאן דענטאל קליניק. עס ווערט געמאכט די בעסטע ארבייט צו א מעסיגען פרייז. דער דענטאל קליניק איז אונטער'ן אויפזיכט פון דר. לואיס ב. עליס, מיט א גאנצען סטעף קאמפעטענטע דענטיסטען.

ווי איהר זעהט, האט אונזער יוניאן אזוי נאך צוזעקראגען צוויי גאנץ וויכטיגע אינסטיטוציעס, וואס זיינען פון גרויס נוצען פאר די מיטגלידער פון אונזער אינטערנעשיאנאל.

(איבערגעדרוקט פון'ם פארהאלטענעם נומער „גערעכטיגקייט", פון דעם 2טען מאי, 1919.)

צו אלע דרעזיינערס פון דער לײדיס גארמענט אינדוסטרי

פריינדע און ברידער! מיר, די דרעזיינערס יוניאן אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטרי לאקאל 45 פון דער אינטערנעשיאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן, ווענדען זיך צו אייך אלעמען אין דיזען וויכטיגען און ערנסטען מאמענט אין דער געשיכטע פון אונזער אינדוסטרי. מיר ווענדען זיך צו אייך מיט די פאלגענדע ערנסטע איינפאכע ווערטער:

ברידער דרעזיינער! די צייט ווען דער דרעזיינער האט זיך געהאלטען פאר א באזונדער יחסן אין שאפ, ווען ער האט געקוקט פון אויבען ארונטער אויף די ארבייטער אין שאפ, איז שוין פאראיבער. די גרויסע ארגאניזאציאנס באוועגונג וואס האט געשאפען אזעלכע מעכטיגע יוניאנס אין אונזער טרייד האט די ארבייטער אין די שעפער, די אפריימארס, די שניידער, די קאטערס און די פרעססערס, אויפגעהויבען צו אזא שטאנד, דאס מיר, דרעזיינערס, קוקען אויס גאנץ קליין אין פארגלייך מיט זיי. אונזער לאגע, אונזערע באדינגונגען זיינען ווייט, ווייט נים אזוי גלענצענד ווי מאנכע פון אייך קאן זיך אויסרעכענען. מיט עטליכע יאהרען צוריק האבען צעהנדליגע טויזענדע דרעס און וויסט מאכער [illegible] ... 44 [illegible] וואך, א העכערונג אין שכירות און פארשידענע אנדערע פארבעסערונגען. יעצט קעמפפען 50 טויזענד קלאוק מאכער פאר א בעסערען לעבען, און די גאנצע וועלט פיהלט און ווייס אז זיי וועלען זייער סטרייק געווינען. און וואס איז עפעס מיט אייך, פריינד דרעזיינערס? ווייסט איהר נאך אלץ נים, אז נאר דורך אן ארגאניזאציאן, נאר דורך א יוניאן קען מען זיך פארבעסערען דעם לעבען און פארזיכערען אן אנשטענדיגען עקזיסטענץ? יעצט איז קיין תירוצים מעהר נימא. די דרעזיינערס האבען א יוניאן וואס איז א טייל פון דער אינטערנעשיאנאל און פון דער קלאוק מאכער יוניאן. דער וועג צו א פאראייניגונג איז פריי און אפען. לאמיר ווייזען דער וועלט אז מיר זיינען אינטעליגענט גענוג צו פארטיידיגען אונזערע אינטערעסען און צו שטעלען זיך אין די רייהען פון דער ארגאניזירטע ארבייטערשאפט. דרעזיינערס! שליסט זיך אן אין אייער יוניאן. יעצט איז די גאלדענע, פאסענדסטע צייט!

מיט ברודער גרוס,

די יוניאנער דרעזיינערס פון לײדיס גארמענט אינדוסטרי, לאק. 45, אינטערנעשיאנאל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

סטראטמאר פרעס
אפ-טו-דיים פרינטינג
447 פוירל סטריט,
ניו יארק.

י. קראוז
בערזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר.
סטריקטלי יוניאן ארביים.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

טעל. ארטשארד 2186
שיטצען האלל
12 סט. מארקס פלייס
זעהר שענע און בעקוועהמע מיטינג רומס.
א סטריקטלי יוניאן הויז.
טוירטעלטויב & שייפער, מענ.

ריזע ציימונג
ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענגלישע ציימונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די
אפ-טו-דייט פרינטינג קא.
195 קאנעל סט. ניו יארק
טעלעפאן 5425 פרענקלין.

A. DELBON
פיקסט און שארפט שערס.
484-90 6טע עווענו,
ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטרים.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

דער
ארבייטער רינג
איז דער מעכטיגסטער און גרעסטער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מעמבערס.

דער ארבייטער רינג איז נים בלויז אן ארדען, נאר אויך א געזעלשאפטליכער צענטער אין דער ארבייטער באוועגונג.

די יוניאן שטיצט אייך אין אייער עקאנאמישען קאמפף. — דער ארבייטער רינג איז א פריינד צו זיינע מעמבערס אין נויט און אין פרייד.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין דער עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

די ארבייטער באוועגונג איז דער פעלז אויף וועלכען דער טעמפעל פון דער צוקונפט וועט געבויט ווערען.

דער ארבייטער רינג איז איינער פון די פעלזען.

אויב איהר זייט נאך נים קיין מעמבער, שליסט זיך גלייך אן!
נאך אויסקינפטע זיך ווענדען:

THE WORKMEN'S CIRCLE, 175 E. B'WAY, N. Y.

רעדזשיסטרירט אייך יעצט!
די יוניטי האוז
פון דער לײדיעס וויסט און דרעססמייקערס יוניאן לאקאל 25
עפענט זיך דעם 15טען דזשון
אין פארעסט פארק, פייק קאונטי, פא.

א גרויסארטיגער פלאץ אין די בלויע מאונטיינס פון פענסילוועניא איז איצט דאס אייגענטום פון די ארבייטער אין דער וויסט און דרעס-אינדוסטריע.

פלאץ איז דא פאר 500 — די בעסטע עסענס.

250 צימערען — 50 וואנעס — עלעקטרישע באלייכטונג — הייסע און קאלטע וואסער — טעלעפאנס — א טייך — א סווימינג פול — 7 באד צימערען — א באל-גראונד און א טעניס-קאורט.

אלע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל זיינען ווילקאמען!

די הויז ווערט פארוואלטעט אויף א קאאפעראטיווען באזיס. עס וועט קאסטען $12.50 א וואך.

רעדזשיסטרירט אייך גלייך אין די הערקוואדערס,
16 וועסט 21טע סטריט.

GERECHTIGKEIT

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אַז מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט אָפּ לאָזען.

...מיר ווילען, מיר ...ען זיין גערעכט ...לו צו די, צו וועל...ן עס גלוסט זיך אונז ... זיין אונגערעכט".
וואודראָו ווילסאָן.

אָפיציעלער אָרגאַן פון דער אינטערנעשאָנאַל לײדיעס גאַרמענט װאָירקערס יוניאָן

Vol. I. No. 20 | New York, Friday, May 30, 1919. | פרייטאַג, דעם 30טען מאַי, 1919 | PRICE 3 CEN...

...יינשטימיג און מיט באַגייסטערונג נעהמט אָן די ...זשענעראַל סטרייק קאָמיטע אַלע פּונקטען פון'ם ...סעטעלמענט אין גרויסען קלאָוקמאַכער קאַמף.

...י אַרבייט פון דער סעטעלמענט-קאָמיטע איז געווען א זעהר שווערע אויף ...אָנפערענצען, אָבער דערפאַר א פאַרהעלטניסמעסיג-לייכטע מיט דער ...נעראַל-סטרייק-קאָמיטע. אַלע פונקטען פון דעם סעטעלמענט ווערען ...ענומען מיט גרויס באַגייסטערונג, און ווערען אָנגענומען איינשטימיג. ...יפּטפּונקטען פון דעם אַגרימענט זיינען: די איינפיהרונג פון דעם סיס-... פון וואָך-אַרבייט; אַן אַרבייטס-וואָך זאָל זיין 44 שטונדען; דער מינימום-... פון וויידזשעס פון די אָפּערייטאָרס פון קלאָוקס און ריפערס איז 44 דאָ-... א וואָך, א דאָלאַר פאַר יעדע אַרבייטס-שטונדע. אין א גלייכער פּראָפּאָר-...איז די מינימום-וויידזש סקייל פון אַלע אַנדערע בעל-מלאכות. כמעט אַלע ...ען א העכערונג פון 4 דאָלאַר א וואָך. אָווערטיים-אַרבייט ווערט געצאָהלט ...און א האַלב מאָל; פאַר א געוויסען פּראָצענט אַרבייטער, וואָס האָבען ...ריהער געהאַט אַן אָפּמאַך מיט די באָסעס, צו קריגען באַצאָהלט פאַר ...טיים דאָפּעלט, בלייבט דער אַלטער אָפּמאַך אין קראַפט. יעדער קלאָוק-... מוז זיין א יוניאָן שאָפּ; נאָר יוניאָן לייט קענען דאָרט אַרבייטען. די רולס אין ... פאַר די אַרבייטער ווערען אויסגעאַרבייט פון באָס צוזאַמען מיט די פאַר-...העער פון דער יוניאָן. אַלע קאָנטראַקטאָרס און סוב-קאָנטראַקטאָרס, צו ...ן די אַסאָסיאיישאָן באָסעס גיבען אַרויס אַרבייט, ווערען רעדזשיסטרירט ... באָסעס ביי דער יוניאָן, און די אַסאָסיאיישאָן באָסעס פאַרפּליכטען זיך, ...ן די קאָנטראַקטאָר-שעפּער מוזען הערשען אַלע יוניאָן באַדינגונגען, ווי ...י אַסאָסיאיישאָן שעפּער גופא. נאָך מעהר, די באָסעס פון דער אַסאָסי-...אַן פאַרפּליכטען זיך צו באַצאָהלען די אַרבייטער אין די קאָנטראַקטאָר-...ער פאַר זייער אויפגעטועגע אַרבייט, אין פאַל דער קאָנטראַקטאָר זאָל ... נעלם ווערען. אין פאַל פון א דיסטשאַרדזש פון אַן אַרבייטער דורך דעם ... צוליעב אירגענד וועלכע אורזאַכע, מוז דער דאָזיגער פאַל ווערען געסע-... אין דעם משך פון 48 שטונדען. אייב דער באָס פאָלגט ניט אויס דעם ...סטען באַשלוס ווערט זיין שאָפּ ערקלערט אין סטרייק. אין פאַל פון א ...על אין אַרבייטער אין דער אינדוסטריע, און די יוניאָן קען ניט צושטעלען ...ע יוניאָן אַרבייטער, מעגען די באָסעס אָנשטעלען לערנער, אָבער מיט ...צושטימונג פון דער יוניאָן.

...קיין קלאָוק-מאַנופאַקטשורער קען ניט באַשעפטיגען וועניגער, ווי 14 מאַ-... קיין מאַנופאַקטשורער טאָר ניט מאַכען קיין אַרבייט פאַר א פירמע, ...עלכער די יוניאָן האָט ערקלערט א סטרייק. די אַרבייטער קריגען 6 ... האַלב ליגעל האָלידעיס, פאַר וועלכע זיי קריגען פול באַצאָהלט. אין פאַל ...האָלידעי פאַלט אויס אום שבת דאַרפען די אַרבייטער, וואָס אַרבייטען ניט ...שבת, סטאָפּען זונטאָג און קריגען באַצאָהלט.

...אין סלעק-צייט, ווען עס איז ניטאָ גענוג אַרבייט, ווערט די אַרבייט אַזוי ... ווי מעגליך פאַרטיילט גלייכמעסיג צווישען אַלע אַרבייטער.

...ן די צייטונג וועט זיין אין די הענט ... לעזער, וועלען שוין די צעהנדליגע ...רדע סטרייקער האָבען באַשטימט, ...ר סעטעלמענט אויף וועלכען די ...רענץ-קאָמיטע און די דזשענעראַל-...ק-קאָמיטע האָבען זיך געאייניגט, ...רעסטען געווינס, וואָס די אַרביי-...אָבען זיך געקענט פאָרשטעלען, זאָל ...מען ווערען, אָדער צוריק געוויזען ... מיר צווייפלען ניט אויף איין מאָ-... אַז די אַרבייטער וועלען אָננעמען ...סעטעלמענט מיט דערזעלבער באַגיי-...נג און מיט דערזעלבער איינשטי-...ט, ווי די דזשענעראַל סטרייק-קאָ-...

...טאָ אין דעם גאַנצען סעטעלמענט ... איינציגער פונקט, וואָס זאָל ניט ...רייען אַזוי הויך, ווי מעגליך: זיעג, ...יעג!

...אַרבייטער האָבען געוואונען אַלעס. ...בען געוואונען זייער פאָדערונג פאַר ...פיהרונג פון וואָך-אַרבייט. די איינ-...אָדערונג אויסגעפיהרט מיינט פאַר ...יימער דער גרעסטער געווינס. דאָס איז די רעוואָלוציע, אויף וועלכע דער קלאָוקמאַכער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט און וועלכע איז ענדליך אַזוי שנעל געקומען. דאַן קומט דער מינימום-וויידזש-סקייל פאַר אַלע בעל מלאכות, וועלכער איז פיעל העכער, ווי דער דורכשניטליכער פאַרדיענסט זייערער ביז איצט, און וועלכער איז טאַקע בלויז א מינימום, ווייל שוין איצט האָבען פיעלע אַרבייטער נעקראָגען אַגרימענטס מיט די באָסעס אין פיעלע שעפּער, לויט וועלכע זיי קריגען 60 און 70 דאָלאַר די וואָך און אַזוי הויך ווי אכציג. אָט איז דער מינימום-סקייל פאַר די פאַרשיידענע אַרבייטער אין דעם קלאָוק-טרייד:

קלאָוקס, סוטס, ריפערס און דרעסעס.

אָפּערייטאָרס — 44 דאָלאַר א וואָך.
קאַטערס — 39 דאָלאַר א וואָך.
אויבער-פּרעסער — 36½ דאָלאַר א וואָך.
אונטער-פּרעסער — 32 דאָלאַר א וואָך.
שטיק שניידער — 38 דאָלאַר א וואָך.
פינישערס — 35½ דאָלאַר א וואָך.
פינישערס אַרויסהעלפערס — 28 דאָלאַר.
סעמפּעל מאַכער — 32 דאָלאַר א וואָך.
בושעלמען (עקזאַמינערס) — פינערס און מאַרקערס — 30 דאָלאַר א וואָך.

סקוירטס.

אָפּערייטאָרס — 42 דאָלאַר א וואָך.
קאַטערס — 34 דאָלאַר א וואָך.
אויבער-פּרעסערס — 32½ דאָלאַר א וואָך.
באַנגאַרדערס — 28 דאָלאַר א וואָך.
בייסטערס — 22 דאָלאַר א וואָך.
דרייפּערס — 24 דאָלאַר א וואָך.
בושלערס — 22 דאָלאַר א וואָך.
פינישערס — 18 דאָלאַר א וואָך.
באָטענהאָל מאַכערס — 1 דאָלאַר מיט 10 סענט פאַר הונדערט באָטענהאָלס און דער באָס דאַרף געבען די מאַשין, די סילק און אויך פינישען די באָטענהאָלס.

עס זיינען אויך דאָ פונקטען, וואו עס ווערט גערעדט און פאַרזיכערט וועגען א סאַניטאַרי באָאַרד און קאָנטראָל און פיעלע אַנדערע, וואָס ענטהאַלטען אין זיך פאַרבעסערונגען אין די שעפּער.

דאַן קומט דער גרויסער זיעג — די 44 שטונדיגע אַרבייטס-וואָך און בלויז 10 און א האַלב שטונדען אָווערטיים און ניט מעהר אין דער העכסטער ביזי צייט. דאָס מיינט ווירקליך די פאָלשטענדיגע באַפרייאונג פון דעם קלאָוקמאַכער פון זיין שרעקליכער האָרעוואַניע אין דער צייט פון ביזי.

און אַזוי זיינען אַלע אַנדערע געוואונענע פאָדערונגען, צווישען וועלכע די וויכטיגסטע איז, וואָס דער באָס פון היינט אָן און ווייטער, וועט זיך רעכענען מיט דער יוניאָן, און ניט דער יוניאָן דאָס רעכט פון קאָנטראָל, וואָס די יוניאָן האָט ביז איצט ניט געהאַט. אַזוי מוזען די באָסעס רעדזשיסטרירען זייערע קאָנטראַקטאָרס און זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר זיי אין אַלע הינזיכטען צו דער יוניאָן. אַזוי איז די געוואונענע גרויסע פאָדערונג פון גלייכע אַרבייט-פאַרטיילונג אין דער צייט פון סלעק. אַזוי איז ווירקליך יעדע פאָדערונג. ווען די קלאָוקמאַכער וועלען זיך נאָר אַביסעלע אַריינטראַכטען, וועלען זיי מוזען איינשטימען, אַז גרויס, ווי עס זיינען געוועזען אַלע זייערע קעמפּפע און זיעגע, ווערען זיי אָבער ווירקליך פאַרדונקעלט פון דעם גרויסען, וואונדערפולען געווינס פון דעם איצטיגען סטרייק.

פון גאַנצען הארצען גראַטולירען מיר די קאָנפערענץ קאָמיטע, וועלכע האָט אַזוי קלוג און אַזוי איבערגעבען געאַרבייט פאַר דעם גרויסען זיעג. זיי האָבען מיט זייער אויפטו געמאַכט געשיכטע פאַר די קלאָוקמאַכער-יוניאָן בכלל און פאַר די אַרבייטער באַוועגונג בפרט. אָט זיינען די נעמען פון דער קאָנפערענץ קאָמיטע:

ב. שלעזינגער, טשערמאַן.
מאָריס זיגמאַן, וויס טשערמאַן.
מאַקס פינקעלשטיין, סעקרעטער.
י. פיינבערג, און פ. קאַטלער, פון לאָקאַל 1.
ד. רובין, לאָקאַל 3.
דזש. האַלפּערין, לאָקאַל 9.
מאַקס גאָרענשטיין, לאָקאַל 10.
ה. בראָדסקי, לאָקאַל 11.
דזש. העללער, לאָקאַל 17.
הערי וואַנדער, לאָקאַל 23.
דזש. ברעסלאַו, לאָקאַל 35.
סאַלוואַדאָרע נינפאָ, לאָקאַל 48.
היבשמאַן, לאָקאַל 64.

מיר גראַטולירען די דזשענעראַל-סטרייק-קאָמיטע, וועלכע האָט מיט אַזא טאַקט אָנגעפיהרט דעם סטרייק, און געפיהרט איהם צו אַזא הערליכען זיעג.

מיר גראַטולירען די גרויסע קערפּערשאַפט, די דזשאָינט באָרד, וועלכע האָט געטאָן די וואונדערבאַרע פאַרבערייטענדע אַרבייט פאַר דעם סטרייק, און וועלכע האָט עס אויסגעפיהרט, אַז אַלעס זאָל געהן אַזוי גלאַט, אַזוי שפּילעוודיג, ווי א גוט-געאוילטע מאַשין, אָהן די מינדעסטע פאַרטשעפּונג.

מיר גראַטולירען די פאַרשידענע קאָמיטעס, מיט אַלע זייערע טהוער, וואָס האָבען געהאָלפען אין דער אויספיהרונג פון דער גרויסער אַרבייט.

ענדליך גראַטולירען מיר די 50 טויזענד קלאָוק מאַכער פאַר זייער בראַוווען און דאָך אַזא שטילען רוהיגען קאַמף, וועלכער האָט דערמיט אַליין געמאַכט דעם

(שלוס אויף זייט 20)

אינהאַלט-פאַרצייכניס

נומער 20 „גערעכטיגקייט"

זייט 2. די וואָך — ש. י.
זייט 3. א סטייטמענט פון פּרעזידענט שלעזינגער. אידיאַלישער ראַדיקאַליזם אין לאָקאַל 25 — ס. זיידמאַן.
זייט 4. א נייע עפּאָכע אין דעם אַמעריקאַנער יוניאָניזם א. זעלדין. געהערט און געזעהען (סצענקעס און בילדלעך פון קלאָוקמאַכער סטרייק — א סטעפּ רעפּאָרטער.
זייט 5. דעבס — ליליען וואַלאַך.
זייט 6. פּאַרטייגע אישוס פאַר'ן פּרעזידענשעל קאַמפּיין 1920 — מ. קאַלטשין.
זייט 7. דער אינטערנעשאָנעל קריעגס דעפּאַרטמענט — ל. פינקעלשטיין.
זייט 8. אינגעבאָרג (ראָמאַן) — ב. קעלערמאַן.
זייט 9. ראָמאַן. א בריוועל פון לאָס אַנדזשעלעס — מאָריס בריל. צו די מיטגליעדער פון לאָקאַל 80 — ה. הילפמאַן.
זייט 10. פון רעדאַקטאָר'ס נאָטיץ-ביכעל.
זייט 11. די אַמעריקאַנער אַרבייטערשאַפט דאַרף אייניגקייט — דזשוליעט סטוארט פּוינטץ. ווערטערבוך פאַר קבצנים — א. ל. וואָלפסאָן.
זייט 12. די אידישע לאַגע און דער סאָציאַליזם — א. גלאַנץ. פּוילען הוליעט! (פעליעטאָן) — א. וואַהלינער.
זייט 13. נינאַ (סקיצע) — אַלטער עפּשטיין.
זייט 14. די אידישע פּראָפעסיע — דר. אסתר לוריע.
זייט 15. פּוילישע פּאָגראָמען און אידישע פּראָטעסטען — ס. דינגאָל.
זייט 16. די ברויען-וועלט — ראָזע בערדריק-בלינדער. מאַטראָסלער נאָטיצען — דזשיי לענטש.
זייט 17. אויפ'ן וועג צו דער יוגישער הויז — ד. ס. פּ. צו דער קאָנוענשאָן פון דער פאַריערס אינטערנעשאָנעל — מ. קויפמאַן.
זייט 18. שמועסען צווישען רעדאַקטאָר און לעזער
זייט 19. אַדווערטייזמענטס.
זייט 20. צוויי מיטינגען פון'ם עקזעקוטיוו באָאַרד פון לאָקאַל 25 — י. שעהנהאָלץ.

אַלעס איז שוין פאַרטיג צו דער עפענונג פון דער „יוניטי“ זומער־היים

די רעדזשיסטרירונגען קומען שנעל אריין. — די ווייסט מאַכער יוניאַן יאָגען זיך צו זייער נייער היים. — דער ענטוזיאַזם פאַר דער גרויסער אונטערנעמונג וואַקסט מיט דער פאַרשפּרייטונג פון די נייעס.

די נייעס וועגען דער נייער יוניטי זומער - היים פאַרשפּרייט זיך גיך צווישען די מיטגליעדער פון לאָקאַל 25 און אויך צווישען די מיטגליעדער פון די אַנדערע לאָקאַלס פון אונזער אינטערנעשיאָנאַל. די מיטגליעדער גראַטולירען זיך איינע די אַנדערע ; אַלע פיהלען דאָס ענדליך איז די יוניטי הויז אוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַ פעסטען, געזונטען באַ-

ערוועהלט געוואָרען אַן אַקטיווע קאָמיטע, מיט שוועסטער דזשעני ליבסטער אַלס טשערליידי אויפצופּאַסען אויף אַלעס וואָס אנבעלאַנגט דעם בוטה. מיטגליעדער פון דער קאָמיטע וועלען זיין יעדען אָווענט אין 16 וועסט 21טע סט. צו עמפּפאַנגען די אַרטיקלען.

* * *

די מיטגליעדער פון לאָקאַל 25 ווי-



דער עס-זאַל.

דאָס אַמוזירען זיך אונטער'ן פרייען הימעל וועט זיין אונטער'ן אויפזיכט פון אַ קאָמפּעטענטען דירעקטאָר, און ער וועט לערנען די מיטגליעדער ווי צו שפּיעלען „טעניס“ און „באַסקעט באָל“; מען וועט זיי לערנען טאַנצען, שווימען, זיך שיפען אויף די לאָטקעס, ביליאַרד שפּיעלען און נאָך אַנדערע פאַרוויילונגען. עס פאַרשטעהט זיך, די יעניגע וואָס וועלען וועלען זיך אויסרוהען וועלען קאָנען אַרויסהענגען העמאַקס אויף זייערע אייגענע באַלקאָנים, אָדער אוועקגעהן אין וואַלד לעזען אַ בוך. טעניס גיימס וועט געשפּיעלט ווערען צווישען פאַרשידענע „טימס“, און דיזע „טימס“ וועלען צווישען זיך אַנפיהרען אַ „קאַמפּף“ פאַר'ן „טשעמפּיאָן שיפּ“. מאַנכע מיטגליעדער פון דער קאַטערס יוניאָן לאָקאַל 10, און מאַנכע ספּאָרטס פון אַנדערע לאָקאַלס, פּלאַנעווען שוין אַרויסצוקומען ציינען וואָס זיי קאָנען אויף דעם געביעט פון בייז-באָל און אַנדערע ספּאָרטס.

אין הייסע טעג וועלען אַלע געהן זיך באָדען אין דעם „סווימינג פּול“. דאָס איז אַ טייל פון דעם טייך וואָס איז אָפּגעצאַמט געוואָרען מיט ווענט פון קאָנקריט אום צו זיין פעסט און זיכער. ס'איז אויך דאָ אַזעלכע אויסגעבויטע פּאַוויליאָנען צו זיצען. פאַר די וואָס באָדען זיך נים און ווילען צוקוקען ווי אַנדערע באָדען זיך. אויסער דער גרויסער סווימינג פּול איז

גרינעם סקווער וועלען באַהאַנגען ווערען מיט עלעקטרישע יאַפּאַנעזער לאַנטערנעס, און עס וועט אויך זיין מוזיק. און עס וועט אויך נים פעהלען קיין געזאַנג, וואָס וועט קומען פון די אַלע קאַטעדזשעס אַרום דעם סקווער. פריינד און פיהרער פון דער אַרבייטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין ניו יאָרק, און אויך פון אַנדערע שטעט, וועלען אַרויסקומען אַהין באַגריסען אונזער נייע יוניטי היים.

אויף אונזער ווילא, אַרום דעם גרינעם סקווער, געפינען זיך צוועלף באַזונדערע בילדינגס. איינע פון דיזע בילדינגס וועט דיענען אַלס אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונגס-פּלאַץ. אין דער בילדינג איז פאַראַן אַ גרויסער מיטינג האָל, און אַ טאַנץ-זאַל מיט אַ סטיידזש, וואו מען קען אויפפיהרען געוויסע פאַרשטעלונגען. די מיטגלידער וואָס פיהלען זיך פעהיג אויפצוטרעטען אין קליינע פאַרשטעלונגען און ווילען זיך נעמען לערנען זייערע ראָלען זאָלען זיך גלייך מעלדען אין די יוניטי העדקוואָדערס, 16 וועסט 21טע סט.

דער מיטינג האָל וועט זיין שעהן צוגעפּוצט. דאָרט וועלען אויך זיין צימערען פאַר שרייבען און לעזען.

אין דרויסען אונטער די בוימער אין דעם גרעסערען זומער-גאָרטען וועלען שטעהען קליינע טישלעך, און דאָרט וועט פאַרקויפט ווערען אייז-קרים און סאָדאַוואַסער. דער פּראָפיט וועט געהן פאַר די

רען, און דאָס וועט איצט שוין ווערען אַן אייביגע אינסטיטושאַן פון דער יוניאָן.

עס איז נאָך שווער פאַר די מיטגליעדער צו גלויבען, אַז דאָס אַלעס באַלאַנגט צו זיי. זיי קוקען אויף די לאַנד-בילדער, אויף וועלכער עס איז אויסגעמאָהלען דער גאַנצער שלאָס, די גאַנצע ווילא און זיי פרעגען וועלכע, פון אָט די שענע, אַנציהענדע הייזער איז די יוניטי הויז. און ווען מען ענטפערט זיי: „אַלע, אַלע דיזע שענע קאַטעדזשעס באַלאַנגען צו אונז“, ווערען זיי אָנגעפילט מיט ענטציקונג און ענטוזיאַזם. יעדע אָפּטיילונג אויף דער ווילא, און יעדע איינריכטונג פאַר באַקוועמליכקייט און צושטרייאונג איז אַ נייע אורזאַכע פאַר פרייד און ענטציקונג.

* * *

די ווייסט מאַכער האָבען זיך שוין גענומען צו דער אַרבייט צו שאַפען די 85 טויזענד דאָלאַר וואָס איז נויטיג צו באַצאָהלען פאַר דער הויז. אויף דעם באַזאַר פון „די ניו יאָרק קאָל“, דעם 29טען, 30טען און 31טען מאַי און דעם 1טען דזשון, וועלען די ווייסט מאַכער האָבען

לען אודאי וויסען די איינצעלהייטען וואָזוי די יוניטי הויז וועט געפיהרט ווערען. מיר קאָנען זיי שוין מודיע זיין, דאָס יעדער דעפּאַרטמענט וועט זיין אונטער'ן אויפזיכט פון אַ קאָמפּעטענטען ספּעציאַליסט. עס וועט ניט זיין איין דזשענעראַל מענעדזשער, עס וועלען זיין אַ צאָהל דעפּאַרטמענט-מענעדזשערס.

די פאַרזאָרגונג פון עסענוואַרג וועט זיין אונטער'ן אויפזיכט פון אַ געוויזענעם האָטעל-קיפּער, וועלכער האָט פיעלע יאָהרען ערפאַהרונג. ער וועט אויפפּאַסען אויף'ן איינקויפען שפּייז אין שטאָט, און פון די אַרומיגע פאַרמערס. די אַרומיגע פאַרמערס וועלען צושטעלען מילך און אייער. די מעהרסטע גרינסען, וועדזשעטייבלס, וועלען מיר האָבען פון אונזער איינענעם גאָרטען, וואָס געפינט זיך אויף די גראַונדס פון די יוניטי הויז. דער הויפּט סטיואַרד וועט אויך אויפפּאַסען אויף דער קיך. די קעכינס און בעקער וועלען זיין אידישע, די בעסטע וואָס מען קען נאָר קריגען, און זיי וועלען פאַרפערטיגען די בעסטע מאכלים. אַראַנזשאַמענטס ווערען אויך געמאַכט, דאָס אונ-



אין דעם שאָטען פון אן עפּעל-בוים.

פאַראַן 75 קליינינקע באָטה-צימערלעך, וואָס געפינען זיך ביים ברעג טייך, צווישען די בוימער.

ווייסענדיג אַז אַ סך מענשען האָבען ליעב זיך צו לאָטקען אין שיפלעך, רעכענען מיר דאָס 50 שיפלעך וועלען אימער זיין פאַרנומען. עס זיינען אויך דאָ 20 „קאַנועס“, אָבער אין זיי וועט מען ערלויבען צו שיפען זיך בלויז אַזעלכע וואָס זיינען גוטע שווימער, ווייל די „קאַנועס“ זיינען גאַנץ לייכט און קאָנען זיך גרינג איבערקערען. שטעלט אייך פאָר ! די ווייסט מאַכער וועלען האָבען 20 אַזעלכע „קאַנועס“ פאַר אַן אנפאַנג.

אַנדערע פּלאַנעווען לאַנגע שפּאַצירגאַנגען איבער דאָס אייגענע לאַנד. און עס איז פאַראַן אויף צום שפּאַצירען 750 אַקערס לאַנד, מיט גוטע, גלייכע וועגען און איבער'ן גאַנצען לאַנד זיינען צעוואַרפען פּאַוויליאָנדלעך באַדעקט מיט בוימלעך, זיך אָפּצורוהען.

* * *

אַראַנזשמענטס ווערען שוין געמאַכט פאַר דער עפענונג. די בוימלעך אַרום דעם

יוניטי הויז. עס איז דאָרט אויך פאַראַן אַ באַרבער-שאַפּ און אַ מעניקיורינג פּאַרלאָר. דאָס שטעהט לעער און וואַרט פאַר אימיצען דאָס איבערצונעמען. מר. ליפּשיץ וועט ווייטער זיין דער אָפיציעלער פאָטאָגראַפער פון דער יוניטי הויז.

אַ ספּעציעלע יוניטי רום איז געעפענט געוואָרען אין ביסמענט, אין אָפיס פון לאָקאַל 25, 16 וועסט 21טע סט., פאַר די מיטגליעדער זיך צו רעדזשיסטרירען פאַר די יוניטי הויז. שוועסטער רעבעקאַ פאַרינגער גיט זיך אָפּ מיט דער אַרבייט. די יעניגע וואָס ווילען זיין זיכער מיט זייער פּלאַץ דאַרפען זיך באַלד רעדזשיסטרירען, ווייל עס ווערט ערוואַרטעט אַ גרויסער ראַש. הונדערטע האָבען זיך שוין רעדזשיסטרירט דורך דער קורצער צייט וואָס דער אָפיס איז געעפענט געוואָרען. עס איז מעגליך דאָס דעם זומער וועט מען קאָנען שטעהען אין די יוניטי הויז אַזוי לאַנג ווי מען וועט וועלען, און נים בלויז אַ קורצע, באַשטימטע צייט. וואָרום עס איז דאָך דאָ פּלאַץ פאַר גאָר אַ סך. אַלזאָ, רעדזשיסטרירט אייך גלייך.



דער יוניטי „קעמפּוס.“

ען איינענעם „בוטה“ צו שאַפען געלד פאַר די יוניטי הויז. אין דעם יוניטי בוטה וועט פאַרקויפט ווערען ווייסטען און דרעסעס וואָס ווערען אויפגעמאַכט פון די מיטגליעדער פון דער יוניאָן און וויפיעל זיי וועלען אַריינברייינגען וועט זיין בשותפות, העלפט פאַר „די קאָל“ און העלפט פאַר דער יוניטי הויז. דער באַזאַר וועט אָפּגעהאַלטען ווערען אין ניו סטאַר קאַסינאָ, 107טע סטריט, צווישען פּאַרק און לעקסינגטאָן עוו.

אַלע ווייסט און דרעס שעפּער ווערען אויפגעפאָדערט צו מאַכען גלייך זייער בייטראַג פאַר די יוניטי הויז בוטה אויף דעם באַזאַר. זאָלען די אויפגעמאַכטע זאַכען באַלד געבראַכט ווערען אין די העדקוואָטערס פון די יוניטי הויז, 16 וועסט 21טע סט. די נעמען פון די שעפּער וואָס וועלען ברענגען אַ בייטראַג צום באַזאַר וועלען ווערען פאַרעפענטליכט אין דער פּרעסע.

אויף דעם לעצטען יוניטי-מיטינג איז

זערע איטאַליעניש, און אַנדערע מיטגליעדער, אַ חוץ די אידישע, זאָלען באַקומען עסענס נאָך זייער געשמאַק נאָך. די קאָמיטע שפּאָרט ניט קיין מיה דאָס די עסענס זאָלען זיין פון די סאַמע בעסטע, פיהלענדיג אַז דאָס וועט זיין דער באַזיס פאַר אַ מאַטעריעלען ערפאָלג פון דער אונטערנעמונג. די אַלע צרות און אומאַנגענעמליכקייטען וואָס מען האָט געהאַט פאַר-אַ-יאָהרען וועגען באַקומען שפּייז, וועלען דעם יאָהר ניט זיין. אַלעס איז שוין ריכטיג באַזאָרגט.

דאָס זעלביגע קאָן אויך געזאָגט ווערען אין באַצוג באַקוועמליכקייט. די צימערען זיינען ליכטיגע און לופטיגע, מיט גרויסע, אָפענע „פּאָרטשעס“, מיט גוטע, פיינע בעטען, מיט הייסע און קאַלטע וואַסער, מיט עלעקטרישע באַלייכטונג און מיט באָד-צימערען. אין אַ באַזונדער בילדינג האָבען מיר אַ סטים-לאָנדרי מיט אַלע מאַשינערי וואו דאָס גאַנצע ליגען וועט געוואַשען ווערען.



דאָס שיף-הויז.